STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06263

IN GANG FUN DI YOREN

Isaac Bloom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בלום

אין שאָטן פֿון די יאָרן

דערציילונגען

אנדערע ביכער

פון

יצחק בלום

„פון ברעג צו ברעג"

דערציילונגען

„אין דער שטיל"

לידער

1919

Copyright, 1934
by
ISAAC BLOOM
New York, N. Y.

234

פארלאג „בלום"
ניו יארק
1934

פֿאַרהייראַטע

אומגעבעטענע געסט

מאַרים האָט דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון עלים-איילענד, אַז זיין פרוי מיט'ן קינד זיינען שוין אָנגעקומען. נאָך עטליכע יאָר פּלאָגען זיך און פינסטערען אין דער היים, אין דער שרעקליכער מלחמה־צייט, איז זי ענדליך דאָך אָנגעקומען אין אַמעריקע.

ער האָט געהאַלטען די טעלעגראַמע אין דער האַנט, און דאָס פּנים איז ביי אים מיט יעדער מינוט געוואָרען אַלץ מער פאַרוואָלקענט. די אויגען — אַ רחמנות'דיג, אַ ווילד פון אומרואיגקייט און פאַרצווייפלונג.

אין געדאַנק האָט ער זיך געפּרואווט פאָרשטעלען זיין פרוי'ס אויסזען. ער געדענקט איר שוין כמעט ניט. נאָך זיין חתונה מיט איר איז ער לאַנג אין דער היים ניט געווען. ער איז גלייך אָוועקגעפאָרען, טאַקע פאַר איר נדן, קיין אַמעריקע.

אַלס כלה האָט ער איר אויך לאַנג ניט געקענט; עס איז געווען אַ געוויינליכער שידוך. ער קען ניט לייקענען. זי איז אים געפעלען געוואָרען: שטאַרק פאַרליבט אין איר איז ער ניט געווען.

דאָס קינד, וואָס זי פירט מיט זיך, קען ער אין גאַנצען ניט. ווייל זי האָט עס געבוירען נאָך זיין אָוועקפאָרען.

אויף אַזוי פיל, וויפיל ער קען זיך דערמאָנען, איז זי געווען אַ הויכע, אַפילו אַביסעל חנ'עוודיג, מיט אַ שמאָלען און לענגליכען פּנים, אויגען האָט זי געהאַט ברוינליכע, רחמנות'דיגע, ווי זיי וואָלטען עפּעס געבעטען. אַ שוויינענדיגע, גערעדט ווייניג, איר גאַנצער וועזען האָט אויסגעזען אַזוי קינדעריש און הילפלאָז.

אַפילו ביי זיין אָוועקפאָרען האָט זי אויך געשוויגען. זי האָט בלויז אויסגערופען: „משה!" — זיין נאָמען. און ווען די פור האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, געדענקט ער, האָט זי בלויז אָנגעכאַפּט זיין האַנט, אַ דריק געטאָן, און נאָך אַמאָל אויסגערופען: „משה!" . . .

און אַט די שטילקייט אירע און איר שטומער האַנט־דרוק ביים געזעגענען, האָט אים דעם גאַנצען וועג פאַרפאָלגט; אפילו איצט, ווען עס איז שוין אריבער צען יאָר, פילט ער נאָך יענעם האַנט־דרוק אירען.

אַ טיפער רחמנות־געפיל פאַר אַט יענער שווייגענדיגער און הילפלאָזער פרוי איז אין אים פלוצלונג אויפגעוועקט געוואָרען.

די אָרימע, די אומגליקליכע, אַזוי פיל האָט זי געליטען, זיך געפייניגט, געהונגערט מיט איר קינד, אַזוי פיל מינוטען פון טויט־שרעק דאָרטען, אין דער היים, אין דער מלחמה־צייט איבער־געלעבט. און איצט, וואָס וועט זיין איצט? וועט ער איר דען קענען פאַרגיטיגען פאַר אַלע יאָרען פון פיין?... וועט ער דען קענען זיין צו איר אַ מאַן? און אַ פאָטער צו זיין קינד?

און וואָס וועט זיין מיט? . . .

ביי דעם געדאַנק האָט ער זיך אַזש אַ טרייסעל געטאָן . . .

עס וועט זיין שלעכט! — האָט ער צו זיך אַליין געמורמעלט, און געביסען שטיקלאַך פון דער טעלעגראַמע מיט די ציין, ווי ער וואָלט וועלען צורייסען עפּעס אַ שווערען סוד . . .

אביסעל שפּעטער איז מאַרים שוין געווען ביי זיין געליבטער. איר דערציילט, אַז זיין פרוי און קינד זיינען שוין אַנגעקומען.

זי איז ניט געווען איבעראַשט: זי האָט עס ערוואַרטעט: ער האָט פאַר איר קיינמאָל ניט באַהאַלטען, אַז ער האָט אין דער היים אַ פרוי מיט אַ קינד.

זי איז געווען אַן ערליכע און עלענטע פרוי, אַן אלמנה, אויך מיט אַ קינד. זיי האָבען זיך ביידע גוט געפּאַסט איינע פאַר די אַנדערע און זיך שטאַרק ליב געהאַט.

ווענען זיין, מאַרים'ס פרוי און קינד האָבען זיי אָפט גע־רעדט. זי האָט איהם אפילו צוגערעדט אַז ער זאָל אַהיים שיקען געלט פאַר דער פרוי. ווען ער פלעגט איר אָבער ענטפערען, אַז עס איז אוממעגליך צו שיקען, ווייל עס איז מלחמה־צייט, האָט זי אינסטינקטיוו געפילט אַ צופרידענהייט. ער האָט אויך גע־פילט, ווי זיין געוויסען ווערט באַרואיגט, וואָס איז ער דען שול־

דיג? ער וויל זיין פרוי און קינד העלפען, נאָר מען קען ניט! די וועלט איז פאַרשלאָסען, פאַרהאַקט טיר און טויער און —

דערווייל זיינען זיך געלאָפען חדשים און יאָרען אין פרייד און אין ליבע, אין תענוג און אין נענוס. מען איז געווען פריינט און נעענטער ווי פריינט, מען האָט זיך מיט יעדען טאָג אַלץ מער צוגעוואוינט איינע צו די אַנדערע, און געגאַרט און געוואַרט איינע אויף די אַנדערע מיט אומגעדולד און מיט קלאַפּענדע הערצער...

מען איז געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירען, צו קאָנצערטען, צו לעק־טשורס און אין טעאַטער: געפילט, ווי זיי וואָלטען געווען באַ־שאַפען איינע פאַר די אַנדערע: אַז ער באַדאַרף זיין אירער און זי — זיינע אויף שטענדיג, אייביג.

אַפילו איר קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, האָט געהאַט צו אים די געפילען ווי אַ קינד צו איר טאַטען, און האָט אים ליב געהאַט, ווי מען האָט ליב אַ פאָטער.

דער איינציגער שאָטען אין זייער גליק איז געווען זיין פרוי און קינד. ווען זיי פלעגען זיך אָן זיי דערמאָנען, פלעגען זייערע פּנים׳ער באַצויגען ווערען מיט אַ טרויער: אויף די געמיטער פלעגט זיי ווערען שווער, די שטימונג אַ געדריקטע... עס פלעגט אָבער לאַנג ניט געדויערען און אַ שטראַל פון האָפנונג פלעגט צויאָגען די פינסטערע וואָלקענס, וועלכע האָבען זיי איינגעהילט...

די האָפנונג, וואָס האָט אין זיי ביידען געלעבט איז געווען אַ שטילע, אַ באַהאַלטענע, וואָס האָט געטליעט טיף, טיף אין יעדען פון זיי באַזונדער... ניט געוואַגט איינע פאַר די אַנדערע אויף די ליפּען צו ברייננען... אָבער ביידע האָבען אויף דעם געוואַרט, געהאָפט.

די האָפנונג איז געווען אַ שוואַכע, און אַ קליינליכע, אַ טיף־עגאָאיסטישע. אָבער קיין בעסערע האָפנונגען און קיין אַנדערע אויסזיכטען, וואָס זאָל זיי באַפרייען פון אָט דעם שוואַרצען שאָטען וואָס האָט זיי פאַרפאָלגט אין זייערע גליקליכסטע מאָ־מענטען האָבען זיי ניט געהאַט...

זיי האָבען געוואַרט אויף אַ נס.

עס איז מלחמה־צייט, עפּעס קען דאָרטען געשען און פּטור...

דער נס איז אָבער ניט געשען.

מאַרים איז אוועק אַרונטערנעמען זײַן פרוי מיט'ן קינד.

— אַרונטערנעמען זיי איז דאָך מײַן פליכט — האָט ער געזאָגט צו זײַן געליבטע — און דערנאָך וועט מען זען.

די געליבטע איז געבליבן אַליין. איר מיידעלע איז געווען אין סקול.

זי האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט נערוועזע טריט הין און צוריק איבער'ן הויז, געבראָכען מיט די הענט, ווי זי וואָלט איצט געקומען צוריק פון אַ לויה.

דאָס האַרץ האָט אין איר אומרואיג געקלאַפּט... און אין מח האָבען זיך ביי איר געמישט פאַרשידענע געדאַנקען.

ווי דורך אַ נעבעל האָט זי געזען פאַרביילויפען איר אומ־גליקליך לעבען. פריער אַלס שאָפּ־מיידעל, ביים מאַשין... איר פינסטערע רומקע ערגעץ אויף אַ הויכען פלאָר ביי אַ בייזער, פאַרקרימטער מיסעס... איר אַרומוואַנגלען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען... שלעכטע בריף פון דער היים, שטענדיג מיט'ן אַלט־באַקאַנטען נוסח: „ליב קינד. ס'איז שלעכט! דער טאַטע איז קראַנק; די מאַמע — שוואַך. הילף! הילף!"

וואָס פאַר אַ וויסט און עלענט לעבען!

דערנאָך איר באַקאַנטשאַפט מיט אים — מיט איר מאַן... אַ ליכטיגער שטראַל האָט אַ שיין געטאָן אין איר האַרצען... איז אָבער באַלד פאַרלאָשען געוואָרען... ווידער איז זי געבליבען עלענט.

און נאָכדעם ער...

איז זי שלעכט דערמיט? איז זי געמיין?... ניין! זי איז ניט אויסען געווען קיין שלעכטס. עס איז שוין שטענדיג אַזוי, ווען צוויי מענשען, עלענטע, טרעפען זיך, קען עס אַנדערש ניט פּאַסירען. — וועלכער מענש גאָרט ניט נאָך אביסעל גליק?

און וואָס וועט זיין איצט? — וואָס וועט ווערען פון איר, פון איר לעבען? פון איר קינד?

אַ קוואַל פון טרערען האָבען אַ שלאָג געטאָן פון אירע אויגען.

מאַכטלאָז האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן בעט, איינ־גראָבענדיג דעם קאָפּ טיף אין קישען...

עס איז אַריינגעלאָפען איר מיידעלע פון סקול.

ווען דאָס קינד האָט דערזען די מוטער ליגען אויפ'ן בעט איז זי צו איר האַסטיג צוגעלאָפען.

די מוטער, אַ פּאַרווייִנטע, האָט דאָס קינד אַרומגעכאַפּט, שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און געקושט אַז אַן אויפהער.

דאָס קינד האָט געקוקט אויף דער מוטער און ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס די מאַמע וויינט אַזוי פיל.

— וואָס וויינסטו, מאַמע? — האָט די מיידעלע נאַאיוו גע־פרעגט.

— גאָר ניט, קינד, דאַרפסט עס ניט וויסען. גיי עס עפּעס און מאַך די לעקציאָנס.

דאָס מיידעלע האָט געפאָלגט.

די מוטער האָט זיך באַרואיגט, זיך אַרומגעוואַשען, אַביסעל פּאַרקעמט, געשטאַנען אַ ווײַלע בײַם שפּיגעל, אפילו אַ פּאָר מאָל אַ שמייכעל געטאָן און בײַ זיך געטראַכט: מיר פרויען זיינען אַ מאָדנע פאָלק. אָט וויינען מיר און אָט לאַכען מיר.

זי האָט זיך גענומען אויפראַמען די הויז, מאַכען אָרדנונג, ווי גאָרניט וואָלט געשען...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מאָרים געבראַכט זיין פרוי און קינד צו זיין „פריינדין" אין הויז אַריין. די „געסט" זיינען גע־קומען אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט אפילו נאָך ניט געהאַט צוגע־גרייט קיין וואוינונג פאַר זיי.

— אָט דאָ וואוין איך בײַ אָט דער פרוי! — האָט מאָרים אַרויסגעשטאַמעלט.

די בליקען פון ביידע פרויען האָבען זיך באַגעגענט.

— עס פרייט מיך אייך צו קענען! — האָט מיסעס ליוויי, זיין געליבטע, דער גרינער דערלאַנגט די האַנט און זיך באַמיט צו זיין אַזוי פריינטליך ווי מעגליך.

די „גרינע" האָט געהאַט מער אַ פּנים פון אַ מת איידער פון אַ לעבעדיגען מענשען.

זי איז געוועזן דין און אויסגעצויגען. די אויגען טיף אַריינ־געזונקען אין די לעבער... דורך די בלייכע באַקען האָבען אַרויסגע־סטאַרטשעט די ביינער, די הענט דאַר און טרוקען; דער הונגער

האָט, קענטיג, זיך גוט איינגעקריצט און איבערגעלאָזט ווילדע סמנים.

דאָס קינד האָט ניט בעסער אויסגעקוקט פון דער מוטער.

אַ רחמנות געווען צו קוקן...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש.

מאָריס איז געזעסן אַנטקעגן זיין פרוי און קינד, און יעדן מאָל וואָס ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי האָט עס אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן...

ווי מענשען קענען עס אויסזען! — האָט ער געטראַכט — ריכטיגע סקעלעטן...

טיף איין אים האָט געוויטאָגט אַ טיפער רחמנות־געפיל. עפּעס האָט שטיל אין אים געוויינט און געטרויערט... ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס זיינען דאָ אַזוי פיל ליידן און אַזוי פיל אומגליק אויף דער וועלט... און גליקליך איז קיינער ניט, ער אָבער איז איצט דער אומגליקליכסטער. . .

קיין גרויסע פריינטשאַפט האָט מאָריס ניט געזוכט אַרויסצואַ־ווייזן ניט צו דער פרוי, און ניט צום קינד, האָבען עס טאַקע מוטער און קינד באַלד דערפילט, און זיינען געזעסן שטילע, נידערגע־שלאָגענע, און מיט שרעק אין די אויגען געקוקט דאָס ברויט וואָס די „מיסעס" האָט זיי דערלאַנגט, זיך געפילט פרעמד און פאַר־שעמט . . .

די „מיסעס" האָט זיך דוקא באַמיט צו זיין פריינטליך. זי האָט זיי צוגעטראָגען דאָס עסען און זיך געסטאַרעט אפילו צו מאַ־כען אַ פריינדליכע מינע, זי האָט אָבער ניט געקענט. כאָטש אויך איר האָט אַרומגענומען אַ רחמנות־געפיל אויף די גרינע, אויס־געמאַטערטע, איר אייגענליבע האָט אָבער אַריבער געוואויגען איר מענשליכען געפיל... זי האָט אויף אַ מינוט ניט געקענט פאַרגעסען, אַז אָט די פרוי, וועלכע זיצט און זופּט איר זופּ און עסט איר ברויט, איז דער שוואַרצער שאָטען פון איר לעבען...

בלויז דאָס מיידעלע אירס איז געוואָרען פריינטליכער און צוגעלאָזענער צום גרינעם אינגעלע... און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָבען שוין ביידע קינדערלעך געשפּילט, געשטיפּט און פריילעך געמאַכט די הויז...

פאַרהייראַט

די יונגע פּאָר פאָלק זיינען געזעסען אין צוג, וואָס האָט זיי געפירט צו דעם פּלאַץ, וואו זיי האָבען געדאַרפט פאַרברייינגען זייער „האָניג־מאָנאַט". ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָבען זיי דורכגעמאַכט די חתונה־צערעמאָניע, דער ערשטער מאַן־און־ווייב קוש איז נאָך געלעגען אָפּגעפּרעסט אויף ביידענס ליפּען, אַ קוש, וואָס האָט זיי פאַראייניגט אויף שטענדיג.

פינף יאָר האָבען זיי זיך געקענט איידער זיי האָבען געהייראַט. זיי האָבען זיך כמעט יעדען טאָג געזען, און יעדען מאָל וואָס זיי האָבען זיך געזען איז ביי זיי געווען אַ יום טוב. זיי האָבען זיך ליב געהאַט און געהאָפט אויף דער צייט ווען זיי וועלען שטענדיג זיין צוזאַמען. די אומשטענדען האָבען זיי אָבער ניט ערלויבט צו הייראַטען.

די גליקליכע צייט איז ענדליך געקומען, די אומשטענדען האָבען זיך פאַרבעסערט. און אַט פאָרען זיי אויף זייער חתונה־רייזע. ווי גליקליך זיי וואָלטען ביידע געדאַרפט פילען.

און דאָך פילען זיי ביידע, אַז פון דער מינוט אַז ווען זיי האָבען געזעצליך געהייראַט און אָפיציעל ערקלערט געוואָרען אַלס מאַן און ווייב, האָט זיך אין ביידענס געפילען עפּעס געענדערט. ניטאָ די פרייד וואָס וואָלט זיי ביידען באַדאַרפט באַהערשען נאָך אַזאַ גליקליכען מאָמענט, אפשר דער גליקליכסטער מאָמענט אין זייער לעבען.

זיי זיינען געזעסען איינע לעבען די אַנדערע, געהאַלטען איינע די אַנדערע ביי די הענט, און אפילו ניט געפילט דעם פריידיגען ציטער, וואָס זיי האָבען שטענדיג געפילט ביים געבען זיך די הענט יעדען מאָל ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט.

דורך דעם וואגאָן־פענסטער האָבען זיי געזען פאַרביישוועבען בוימער מיט קופּער־רויטע בלעטער, וועלכע זיינען איינע נאָך די אַנדערע אַרונטערגעפאַלען, און פאַלענדיג זיך געדרייט אין דער לופטען אין אַ נעץ פון זונען־ליכט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די זון שפּילט מיט זיי דעם לעצטען זומער־טאַנץ. . .

זיי האָבען אומגעדרייט איינע צו די אַנדערע די פּנים'ער, גע־וואָלט עפּעס ריידען, זיך טיילען מיט די איינדריקע, זיי האָבען אָבער געשוויגען, ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי שווייגען. זיי האָבען דאָך שטענדיג געהאַט צווישען זיך אַזוי פיל צו ריידען. ערשט נעכטען זיינען זיי דאָך אָפּגעזעסען שעה'ן לאַנג און גערעדט צווישען זיך, געמאַכט פּלענער פאַר זייער רייזע, אַרומגערעדט מיט יעדער איינצעלהייט וועגען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט זייער צוקונפטיגען לעבען אַלס מאַן און פרוי. און איצט האָבען זיך מיט אַמאָל ווי אויסגעשעפּט אַלע רייד.

— „מאָדנע!" — האָט ער אַרויסגערעדט. ווי דאָס וואָרט וואָלט זיך ביי אים פון זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט, אַבי עפּעס צו זאָגען.

— „טאַקע מאָדנע!" — האָט זי אָפּגעענטפערט, ניט באַגרייפענדיג אין וועלכען זין דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרען.

און אפשר האָט זי יאָ אָנגעהויבען צו באַגרייפען אָט די מאָדנעקייט, נאָר עס האָט זיך איר ניט געוואָלט עס זאָל זיין ווי זי דענקט. און וואָס איז אייגענטליך דאָ וועגען דעם צו טראַכטען? ס'איז אַזאַ שטימונג ביי זיי, וואָס טרעפט זיך נאָך יעדער גרויסער געשעעניש, און די הייראַט איז דאָך אַ גרויסע, אפשר די גרעסטע געשעעניש אין לעבען, וואָס איז פאַרבונדען מיט גרויסע פאַר־אַנטוואָרטליכקייטען. איז מען אָביסעל אומרואיג און צו שראַקען... אָבער זיי האָבען זיך ליב און וועלען זיך ליב האָבען. זייער ליבע הויבט זיך איצט אָן. ביז אַהער איז זייער ליבע געווען ניט מער ווי אַ שפּילכעלע אַנטקעגען דער אמת'ער ליבע וואָס זיי וועלען איצט פילען איינע צו די אַנדערע . . .

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט נאָענטקייט און מיט ליבשאַפט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסעל, און פאַרמאַ־

בענדיג די אויגען, געפילט זיין אָטעם און זיך אײנגאַנצען איבער־געגעבען צו דעם פריידיגען געפיל וואָס האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זיי האָבען שוין מיט מזל געהייראַט, אַז זי און איר געליבטער זיינען איצט מאַן און ווייב. און נאָכדעם... נאָכדעם וועט קומען אַ קינד, וואָס וועט פאַרהיימליכען און ליכטיג מאַכען זייער שיינע היים, וואָס זיי האָבען פאַר זיך אָנגעגרייט. . .

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום פּלאַץ וואו זיי האָבען געדאַרפט פאַרברײנגען אַ וואָך צייט, איז שוין געווען פאַרנאַכט. די זון האָט שוין געהאַלטען אין פאַרגיין און דער באַרגיגער געגענט איז געווען אָפּגעגאָסען מיט פּאַסען רויטע ליכט... אַ קיל ווינטעל האָט זיך געטראָגען פון די אַרומיגע פעלדער און געטרייסעלט די צווייגען; מיט קאַלטקייט און שטרענגקייט, געריסען פון זיי די זומערדיגע קליידער . . .

דער אומעט פון אָנקומענדען הערבסט האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן פאַרנאַכטיגען דאָרף־אומעט, זיך צושפּרייט איבער די וועגען, אַרומגעכאַפּט יעדען וואָס איז נאָר געקומען אַנטקעגען, און מיט אַן אומעטיגען ניגון באַגלייט ביז אין הויז אריין...

שטיל און צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, איז דאָס יונגע פּאַר־פּאָלק אריין אין האָטעל, זיך פאַרשריבען און אריין צו זיך אין צימער, זיך אַרומגעוואַשען און זיך געזעצט אָפּרוען פון'ם וועג.

זיי זיינען געזעסען איינע לעבען די אַנדערע און דער אָוונט־דינער טונקעלקייט. אָבער די טונקעלקייט האָט זיי עפּעס ניט גע־לאַקט ווי שטענדיג, ווען זיי זיינען געבליבען אין אָוונט אליין. פאַרקערט, ביידע האָבען דאָס מאָל געהאַט אַ פאַרלאַנג עס זאָל זיין ליכטיג. אפשר דאָס ערשטע מאָל זייט זיי האָבען זיך געקענט, האָבען ביידע אַזוי געפילט.

— דריי, מיין ליבער, אויף די עלעקטריק; מען זעט ניט וואו מען איז אין דער וועלט, — האָט די פרוי אַרויסגערעדט אין אַ ליב וויינען טאָן.

— אָט באַלד, מיין ליבע, — האָט דער מאַן זיך אויפגע־

הויבן, אויפגעזוכט דעם עלעקטרישען שנירעל, א צי געטאן, און עס איז געווארען ליכטיג.

ווען זייערע בליקען האבען זיך באגעגענט, האבען זיי זיך מיט אמאל עפעס מאדנע צולאכט. עס איז זיי אויסגעקומען קאמיש, וואס זיי, וועלכע האבען שטענדיג געזוכט צו זיין אליין און פלעגען אין די טונקעלע ווינקעלעך פארברייננגען די ליכטיגסטע מינוטען, האבען מיט אמאל אנגעהויבען אויסצומיידען די טונקעלקייט...

ביי דעם אווענט־מאלצייט האט זיך דאס יונגע פאר'ל גע־פילט פרייליך און אויפגעליינגט, געגעסען מיט אפעטיט, גערעדט, געשטיפט, געלאכט, און פארבראכט צוזאמען מיט די אנדערע געסט, וועלכע זיינען מערסטענס געווען יונגע מענשען. נאכדעם איז מען צוזאמען ארוים אויף א שפאציר.

אויפ'ן וועג האבען זיך די פארלאך צוטיילט. זיי האבען שפאצירט איבער דעם טונקעלען וועג אליין. זי האט געהאלטען איר האנט אונטער זיין ארעם, און ער האט מיט דער צווייטער האנט געגלעט אירע פינגער, גערעדט וועגען דעם אווענט, וואס זעט אין דער קאונטרי אוים אזוי אנדערש ווי אין שטאט. אלץ שמעקט דא מיט אזא פרישקייט, אפילו די קילע סוף־זומער לופט, און די שטילע פאראיינזאמטע וועגען ווארפען אן אזא אומעט...

ביידע האבען געפילט, אז ס'פילט די ווארימקייט און די פרייד, וואס יעדער שפאציר האט זיי ביז היינט פארשאפט. און וויפיל זיי האבען זיך ניט באמיט, סיי מיט רייד, סיי דורך נאענטער בארירונג, צוריקצוקריגען די פארליבטע שטימונגען, וועלכע האבען זיך מיט אמאל אזוי אומערווארטעט פאר זיי געביטען, האט זיך זיי דאס ניט איינגעגעבען.

זיי זיינען צוריקגעגאנגען מיט צער־פולע הערצער, מיט א שטילען און טיפען פארדרוס אויף זיך אליין... א נאגענדער צווייפעל האט זיי ביידען געביסען: איז דאס בלויז ציטווייליג, אדער האבען זיי זיך אפשר די גאנצע צייט געגארט ווען זיי האבען געדענקט, אז זיי זיינען איינע אין די אנדערע פארליבט? אזוי

שנעל ווי זיי האָבען דערפילט די נאָך דער חתונה זיכערקייט זיינען זייערע ליבעס־געפילען צוגאַנגען ווי שניי אונטער אַ רעגען...

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין האָטעל, זיינען שוין די מערסטע געסט געשלאָפען. בלויז דאָ און דאָרט איז ווער געזעסען אין אַ ווייכען שטול, און ביי דעם קאָלירטען שיין פון עלעקטרישען ליכט געלייענט אַ צייטונג.

מיד פון לאַנגען שפּאַציר, האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכע סאָפאַ: געהאַט דאָס געפיל ווי זיי וואָלטען געקומען פון אַ ווייטער רייזע און נויטיגען זיך אין רו.

ס'איז געוואָרען שפּעט. די ליכט האָבען זיך איינע נאָך די אַנדערע גענומען אויסלעשען. בלויז דער ראָזעווער שיין פון אַבאַזשור האָט תאווה'דיג און פאַרשייט זיי צוגעוואונקען און זיי דערמאָנט אַז ס'איז שוין שפּעט...

ביידע האָבען ווי פאַרשעמט אַ קוק געטאָן איינע אויף די אַנדערע און לאַנגזאַם גענומען גיין צו זייער צימער...

קינדער פון קריג

אין הויז איז געווען פרייליך. ס'איז געווען א קינדער־פּארטי. מארקוס'עס אינגסטע טאָכטער, ביטרים, איז געוואָרען צען יאָר, און ס'האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אירע חברים און חבר'טעס א הוליע צו טאָן אויפ'ן קינדערשען שטייגער.

אויך מארקוס'עס אנדערע קינדער, צוויי מיידלאך, צוועלף און פערצען יאָר אלט, און א בחור'ל א יאָר זעכצען, האָבען אנטייל גענומען אין דער שמחה. אלע האָבען זיי געטראָגען אַזוינע קאָלירטע פּאַפּירענע היטעלער, וועמענס קאָלירען האָבען זיך אָפּגעשלאָגען אין עלעקטרישען אָווענט־שיין, און די קינדערשע אויגען האָבען געשיינט מיט קינדערשער יום־טוב'דיגער פרייד.

איידע, מארקוס'עס ווייב, א הויכע, פעטליכע פרוי מיט א ניש־קשה'דיגען גווידער, און מיט א פולע מויל גאָלדענע ציין, האָט ארומגעפלאָמט צווישען די קינדער, אויסגעמישט זיך מיט זיי אין טאַנצענדיגען קאַרעהאָד, זיי דערלאַנגט קענדי און אנדערע נאַשערייען און יעדען מאָל אליין א כאַפּ געטאָן א פּאָר שטיקלאך קענדי צום מויל . . .

מארקוס איז געזעסען אין א ווינקעל מיט א פארכמורעטען, אומעטיגען פּנים, א ווייטער, אן אָפּגעזונדערטער, ווי די גאַנצע קינדערשע שמחה וואָלט אים ניט אַנגעגאַנגען, ווי ער וואָלט געווען א פאַרבלאָנדזשעטער מחותן אויף א פרעמדער חתונה.

ער איז געזעסען און געקוקט מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע שמייכעל־בליקען אויף זיין מיידעלע ביטרים, די „קעניגין" פון'ם אָווענט, און אויף זיינע אנדערע צוויי מיידלאך, ווי ער וואָלט געזאָגט: „עך, קינדער, ווען איר וואָלט געוואוסט אונטער וואָס פאַר א אומשטענדען איר זייט געקומען אויף דער וועלט, וואָלט איר זיך ניט אַזוי געפרייט."

בלויז ווען זיינע בליקען זיינען געפאַלען אויף זיין זון, האָט זיין פּנים באַקומען אַ מער פאַטערליכען אויסזען, און זיינע אויגען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט ליבע און נאָענטקייט, וואָס מען פילט געוויינליך צו אַן אייגען קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען אונטער געוויינליכע אומשטענדען.

די קינדער האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענט, און אַלע צוזאַמען זיך געדרייט אין אַ טאַנץ. איינע פון מאַרקוס'עס עלטערע מיידלאַך איז געזעסען ביי דער פּיאַנאָ, און די צווייטע האָט אָנגע־פירט דעם טאַנץ.

אילאַי, מאַרקוס'עס זון, האָט זיך דערנענטערט צום פאָטער, זיך אָוועקגעזעצט נאָענט ביי זיין זייט, ווי ער וואָלט ניט געקענט פאַרליידען, וואָס דער פּאַפּאַ זיצט אַליין.

מאַרקוס האָט אויף אים געקוקט מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט, געטראַכט אַז ער איז פאַרט זיין באַליבטסטע קינד, און אַנדערש קען עס גאָרניט זיין. אילאַי איז געבוירען געוואָרען צוויי יאָר נאָך זיין חתונה, ווען ער און זיין פרוי האָבען נאָך געלעבט בשלום, זיך ניט אַרומגעריסען, און, דאַכט זיך, נאָך געפילט אַביסעל ליבע איינע צו די אַנדערע. אילאַי איז דאַרום דער איינציגער, וואָס רופט אין אים אַרויס שענערע פאָטער־געפילען און ס'איז נאַטיר־ליך אַז ער זאָל צו אים האָבען מער ליבשאַפט ווי צו זיינע אַנדערע קינדער, וועלכע זיינען שוין געקומען אין אַ צושטאַנד פון קריג און . . . איבערבעטען זיך . . . און . . . ווייטער קריג . . .

אַט קוקט ער, אשטייגער, אויף זיין פערצעניאָריגער טאָכטער, העלען, און עס קומט אים אַרויף אויפ'ן זינען אונטער וועלכע אומ־שטענדען זי איז געבוירען געוואָרען . . . די האָניג־יאָרען מיט זיין פרוי זיינען שוין געווען אַריבער און ס'האָט זיך אָנגעהויבען פאַר אים אַ ביטערע צייט. ער און זיין פרוי האָבען זיך ניט אויפ־געהערט צו קריגען. איבער יעדער קלענערע און גרעסערע אורזאַכע האָט מען זיך געקריגט. איידער מען איז אַרויס פון איין קריג, איז מען אַריין אין אַ צווייטען קריג. אָפּגעוועהן אַ לענגערע צייט ברוגז, זיך איבערגעבעטען און — זיך ווייטער געקריגט און נאָך יעדען מאָל איבערבעטען זיך איז געקומען אַ קינד...

זי, זיין טאַכטער העלען, צום ביישפּיל, געדענקט ער, איז גע־קומען אויף דער וועלט נאָך אַ קריג מיט זיין פרוי צוליב אַ „פאַר קאָוט". זי האָט ניט אַנדערש געוואָלט נאָר ער זאָל איר קויפען אַ „פאַר קאָוט". אַלע פרויען — האָט זי גע'טענה'עט — האָבען „פאַר קאָוטס", נאָר זי איינע ניט. און וויפיל ער האָט איר דאַ־מאָלסט ניט ערקלערט, אַז ער איז ניט בכח איר פאַרלאַנג צו ערפי־לען, ווייל זיינע אומשטענדען ערלויבען עס אים ניט, האָט ניט גע־האָלפען. זי האָט זיך ניט אויפגעהערט צו קריגען און פאָדערען פון אים אַ „פאַר קאָוט", ביז זי איז אינגאַנצען ברוגז געוואָרען . . .

דער ברוגז איז געווען אַ שאַרפער, אַ שנאה'דיגער. עטליכע וואָכען האָט דער ברוגז אָנגעהאַלטען, ביז זי האָט אויסגעפּירט. ער האָט ווי עס איז געשאַפען דאָס געלט און איר דעם „פאַר קאָוט" געקויפט און זי איז מיט אים שלום געוואָרען . . . העלען איז, אַלזאָ, געבוירען געוואָרען נאָכ'ן שלום פונ'ם „פאַר קאָוט"...

אויך זיין צווייטע טאָכטער, די צוועלף־יאָריגע סילוויע איז גע־בוירען געוואָרען נאָך אַ קריג. אויף וויפיל ער קען זיך דערמאָנען, איז נאָך אַ רייע אַלגעמיינע קלענערע און גרעסערע קריגערייען, גע־קומען די הויפּט קריג — „קאַונטרי". ס'איז דאַמאָלסט געווען איינער פון די שווערסטע זומערען פאַר אים, די צייט איז געווען שלעכט, די פרנסה איז געווען גע'הרג'עט, ס'איז אים אפילו שווער געווען אַוועקצושיקען זיין פרוי אין קאַונטרי אויף אַ פּאָר וואָכען און דאָ קומט זי צוגיין און שפּאַרט זיך איין ניט אַנדערש זי וויל פאָרען אין קאַונטרי אויפ'ן גאַנצען זומער, ווייל ס'איז אַ הייסער זומער און זי קען זיך ניט ברענען אין שטאָט.

„סטייטש, כ'קען דאָך אָבער ניט „אַפאָרדען" — האָט ער זיך געריסען דעם האַלז שרייענדיג.

האָט זי אים דערמאָנט, אַז דעמאָלסט דעם „פאַרקאָוט" האָט ער אויך ניט געקענט „אַפאָרדען", פון דעסטוועגען, אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער געקענט. די צרה מיט אים איז, — האָט זי צו אים געהאָט טענות, וואָס ער פאַרגינט איר ניט דאָס לעבען און ער וויל זי בלויז „עסען", איר אַרויסנעמען דאָס הארץ פאַר יעדער קלייניגקייט...

איז ער דעמאָלסט געגאַנגען שטילערהייט און „פאַרזעצט“ איניגע ווערטפולע חפצים און זי אָוועקגעשיקט מיט די קינדער אין קאַונטרי אויפ׳ן גאַנצען זומער. און ס׳איז ווידער צווישען זיי שלום געוואָרען און דער שלום האָט דאָס מאָל דוקא אָנגעהאַלטען לענגער ווי געוויינליך. ער האָט זיך אפילו אָנגעשטרענגט און אַ פּאָר מאָל דורכ׳ן זומער אַרויסגעפּאָרען צו איר אין קאַונטרי אויף אַ „וויק־ענד“. און — פון דעם קאַונטרי־שלום איז געבוירען געוואָרען סילוויע...

אָבער די גרעסטע קריג, וואָס איז אַמאָל אַרויסגעקומען צוויי־שען אים און זיין פרוי, וואָס האָט אויף אים איבערגעלאָזט דעם שווערסטען און דעם ביטערסטען איינדרוק, איז געווען צוליב אירע ציין... מאַנאַטען לאַנג האָט זי אים ניט אויפגעהערט צו מוטשען און זיך רייסען אויף די ציין. זי מוז זיך אַריינשטעלען ציין, גאָל־דענע ציין, וואָס האָט באַדאַרפט אָפּקאָסטען אַ פאַרמעגען. זיין אָרימע ביזנעס האָט אויף אַזאַ לוקסוס, ווי אַ מויל גאָלדענע ציין ניט געטראָ־גען. ער האָט זיך ביי איר געבעטען, ווי ביי אַ גזלן, זי זאָל אים אויפהערען צו מוטשען מיט אירע ציין, אַז ער קען, ביי זיין בעסטען ווילען, איר ניט געבען דאָס געלט, וואָס ס׳באַדאַרף אָפּקאָסטען, אַז ס׳וועט אים רואינירען די ביזנעס, וועלכע האַלט אַזוי אויך שמאָל. זי האָט אָבער אויף אים ניט אויפגעהערט צו האַמערען מיט די ציין, אים פשוט ניט געלאָזט לעבען. בייטאָג און ביי־נאַכט האָט זי זיך מיט אים ניט אויפגעהערט צו קריגען און פאַרדולען אים דעם קאָפּ מיט די ציין.

איינמאָל האָט זי זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף אים מיט אירע ציין, אַז ער האָט אינגאַנצען פאַרלוירען דעם קאָנטראָל איבער זיך און שיר ניט אויפגעהויבען אַ האַנט אויף איר... נו, נו, האָט אים שוין מער ניט געפעהלט! ס׳האָט דעמאָלסט אויסגעבראָכען דער גרעסטער סקאַנדאַל, ס׳האָט געהאַלטען דערביי זי זאָל פון אים אַוועקגיין. ערשט דעמאָלסט, ווען ער האָט איר פאַרשפּראָכען, אַז ער וועט דאָס געלט פאַר אירע ציין שאַפען, האָט זי זיך אַביסעל באַרואיגט. ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען. געליען געלט אויף פּראָצענט און איר געגעבען פאַר׳ן דענטיסט.

דער טאָג, ווען זי האָט אַריינגעקראָגן אירע גאָלדענע ציין, איז ביי איר געווען אַ יום־טוב. איר פּנים האָט געשיינט אַזוי ווי דאָס גאָלד אין איר מויל. זי האָט דעם גאַנצן טאָג ניט אויפ־געהערט צו שמייכלען אַזוי, אַז אַלע זאָלן באַמערקן אירע נייע, גאָלדענע ציין... צו אים, צו מאַרקוס'ן, איז זי דעם טאָג געווען זיס ווי האָניג... און — ס'איז געבוירען געוואָרען ביטרים נאָכן שלום מיט די ציין... — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קינדער זיינען שוין געווען אין זייער פולער באַגייסטערונג פאַר זייער קינדער־שפּיל, וואָס זיי האָבען דורכגעפירט, אין וועלכער זיין טעכטערל, ביטרים האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

מאַרקוס האָט אין זיין קינד'ס שפּילען זיך, באַמערקט אַ סך פון איר מוטער'ס כאַראַקטער... זי איז קאָקעטיש און איינגע־שפּאַרט ווי איר מוטער. זוכט אויסצונעמען און זיך אַרויסצוואַווייזען מער ווי אַלע אַנדערע קינדער אינ'ם שפּיל, ווערט אָפּט אין כעס און בייזערט זיך ווען זיי טוען ניט אַזוי ווי איר געפעלט.

„ווען זי וועט עלטער ווערען, וועט זי זיין ווי די מאַמע און זיינע אַנדערע צוויי מיידלאַך וועלען אויך ניט זיין בעסער" — איז אים דורכגעלאָפען אַ געדאַנק. — „און ווי קען דען אַנדערש זיין, ווען קינדער קומען אויף אַזאַ אופן?"...

ער האָט אַ פּיינליכען שמייכעל געטאָן, זיך צוגערוקט נעענטער צום זון, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן...

קאָרטען

אנגעהויבען האָבען זיך די פאַמיליען־צרות נאָכדעם ווי בעלא האָט אָנגעהויבען צו באַמערקען, אַז איר מאַן האָט באַקומען אַ שטאַרקען חשק צו שפּילען אין קאָרטען. דער פאַקט וואָס ער האָט זיך גענומען צום שפּילען האָט איר שרעקליך באַאומרואיגט. זי האָט עס באַטראַכט פאַר אַן אומגליק, ניט אַזוי צוליב דעם געלט, וואָס זי האָט מורא געהאַט אַז ער וועט פאַרשפּילען, ווי פון דעם געדאַנק אַז ער וועט פאַרלירען דעם אינטערעס צו דער היים, צו דער פאַמיליע. קאָרטען, ווייסט זי, איז ווי אַ קליפּה, וואָס ציט אַריין אַלץ מער און מער.

דורך די אַכט יאָר וואָס זיי זיינען פאַרהייראַט איז ער שטענדיג געווען אַ גוטער, געהאָרכזאַמער מאַן, ביי וועמען די היים איז געווען אַלץ אין דער וועלט. קומענדיג אין אָוונט פון דער אַרבייט, פלעגט ער מיט פרייד אַ כאַפּ טאָן די קינדער אויף די הענט, זיך שפּילען מיט זיי, און זיצענדיג ביים סאָפּער כסדר מיט איר ריידען וועגען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט זייער היים, מיט די קינדער. דאָס איז געווען זיין גאַנצער פאַרגעניגען.

ווען עס פלעגט קומען צו זיי קאָמפּאַניע, האָט מען פאַר־בראַכט די צייט אין ריידען, לעזען און זינגען פאַרשידענע פאָלקס־לידער און אַנדערע פאַרוויילונגען.

זייט אָבער לערמאַן, זייער נייער שכן, האָט אָנגעהויבען אַריינצוקומען צו זיי אין הויז, האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט דער שיינער און גייסטרייכער אופן פון פאַרברייננגען, און זייער הויז איז ווי דורך אַ כישוף פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאָרטען־שפּיל־פּלאַץ. ווען עס זיינען זיך נאָר צוזאַמענגעקומען עטליכע מענשען, האָט מען זיך געזעצט שפּילען און געשפּילט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מערקווירדיג איז געווען דאָס, וואָס איר מאַן האָט זיך צוגעכאַפּט צום קאָרטען־שפּיל מיט אַזאַ חשק, ווי ער וואָלט שוין

לאַנג געגאַרט און געוואַרט אויף עפּעס, וואָס זאָל אים געבען אַ נייעם אינטערעס אין לעבען.

בעלאַ האָט פון דעם זייער געליטען. זי האָט אָבער געשוויגען, געהאָפט אַז די קאָרטען־שפּיל וועט אים נמאס ווערען און ער וועט עס אָוועקוואַרפען. אָבער ווען עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט און ער איז נאָך מער פאַרקאָכט געוואָרען אין דער „געים", האָט זי אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען.

— איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט שפּילען אין קאָרטען — האָט זי צו אים גע'טענה'ט.

— וואָס אַרט דיר אַז איך פאַרברייננג אַ ביסעל ? — האָט דער מאַן פאַרדראָסיג געפרעגט.

— האָסט געלעבט און פאַרבראַכט זייט מיר זיינען פאַר־הייראַט אָן קאָרטען, וועסטו ווייטער אויך לעבען אָן דעם.

— ווען איך האָב ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג פאַר דעם, האָב איך ניט געשפּילט. איצט אָבער, האָב איך פאַר דעם יאָ אַ פאַר־לאַנג שפּיל איך ! וואָס קומט מיר דערפאַר ? וואָס זינדיג איך אַזוי ?

— דו זינדיגסט אַנטקעגען מיר און אַנטקעגען די קינדער, דו באַדאַרפסט ניט שפּילען אין קיין קאָרטען.

— דעם „גרויסען" נדן וואָס דו האָסט מיר געגעבען האָב איך נאָך דערוויילע ניט פאַרשפּילט...

— דו... דו... שטעך מיר נאָר ניט די אויגען מיט'ן נדן — איז די פרוי געוואָרען אָנגעצונדענע.

— און דו זאָג מיר נאָר ניט קיין דעות צי איך זאָל יאָ שפּילען צי ניט — האָט דער מאַן אָפּגעענטפערט מיט רוגזה.

— איך זאָג דיר אַז דו וועסט ניט שפּילען.

— כ'וועל יאָ שפּילען.

— וועסט ניט שפּילען.

— כ'וועל יאָ... ———

איינמאָל, ווען קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרזאַמעלט און מען האָט, ווי געוויינליך, אָנגעהויבען צו שפּילען, האָט די פרוי אין צערעמאָניעס אַ כאַפּ געטאָן די קאָרטען פונ'ם טיש, זיי אַ וואָרף געטאָן אויף ד'ערד און זיך צושריגען :

— כ׳וויל ניט מען זאָל ביי מיר אין הויז שפּילען אין קאָרטען. דאָ איז ניט קיין „געמבלינג־הויז!“

דער מאַן האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פונ׳ם אָרט. אויף אַזאַ עפּענטליכען סקאַנדאַל האָט ער זיך ניט גערעכנט. ער האָט, אָבער, פאַרביסען די ליפּען און געשוויגען.

די געסט זיינען צוטומעלט געוואָרען. איינציגווייז האָבען זיי זיך שטיל אויפגעהויבען פון די ערטער און איינער נאָכ׳ן אַנדערען פאַרלאָזען די הויז.

זייט דאַן האָט מען מער ביי זיי אין הויז קיין קאָרטען ניט געשפּילט. דער מאַן פלעגט אָבער אין די אָוונטען אַוועקגיין און אַ היים קומען שפּעט ביינאַכט.

די פרוי האָט גוט געוואוסט אַז ער זיצט און שפּילט ערגעץ אין קאָרטען, און ס׳האָט איר געצופּט ביים האַרצען. ס׳האָט איר שוין אָנגעהויבען באַנג צו טאָן, פאַרוואָס זי האָט געבראַכט צו דעם ער זאָל שפּילען ערגעץ אַנדערש. ווען ער האָט געשפּילט אין דער היים איז ער כאָטש ניט געווען אַזוי דערווייטערט און אָפּגע־פרעמדט. אַזוי ווי ס׳איז איצט, איז נאָך ערגער.

זי האָט געטראַכט וואָס ס׳וועט זיין דער סוף. שווייגען און לאָזען עס אַזוי גיין, קען זי ניט און טאָר ניט. זי מוז עפּעס טאָן. זי מוז זיך מיט די קינדער ראַטעווען פון דעם גרויסען אומגליק. וואָס רוקט זיך אַלץ מער אויף זיי. שפּעטער וועט זיין צושפּעט.

איר שרייען און מוסר׳ן אים האָט ניט געהאָלפען. אירע פּראָטעסטען האָבען ניט געווירקט. ער איז געוואָרען נאָך מער פאַרביטערט און צורייצט. ער האָט איר פיינט געקראָגען, איר אָנגעהויבען אויסצומיידען, אַהיים געקומען זייער שפּעט.

איין נאַכט איז ער אינגאַנצען ניט געקומען.

זי איז יענע נאַכט ניט געשלאָפען. זי האָט זיך געוואָרפען אויפ׳ן געלעגער און זיך געקאָרטשעט פון ווייטאָג און פאַרדרוס. און ווען ס׳איז געקומען דער פרימאָרגען און ער איז נאָך אַלץ ניט געווען, איז זי שיר פון זינען אַראָפּ פון פאַרצווייפלונג. ווי אַ ווילדע איז זי אַרומגעלאָפען איבער׳ן הויז, געריסען פון זיך די האָר, געוויינט און געקלאָגט ווי נאָך אַ טויטען.

אין אָוונט, ווען ער איז געקומען, האָט זי פאַרלירענדיג איינגאַנצען דעם קאָנטראָל איבער זיך, אים באַגעגענט מיט אַזא היסטערישען אויסברוך פון קולות און געוויין, אַז ס'איז אים אַזש פאַרקילט געוואָרען דאָס בלוט אין די אָדערען. אַ לענגערע ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער און זיך ניט געקענט רירען פון אָרט. ענדליך, האָט ער, צונויפנעמענדיג אַלע כחות, אַ שפּרײַז געטאָן צום טיר, זי האַסטיג געעפענט, און ניט אויס־ריידענדיג קיין וואָרט פאַרשוואונדען.

אַ טאָג שפּעטער האָט בעלאַ פון אים דערהאַלטען פאָלגענדע עטליכע ווערטער:

„איך וועל מער אַהיים ניט קומען, איך וועל אַלע וואָך צושיקען געלט פאַר דיר מיט די קינדער צום לעבען. אַ האַר־ציגען גרוס די קינדער. פון צייט צו צייט וועל איך זיי קומען זען, אויב דו וועסט מיר ערלויבען. „מאַרק“.

מיט אַ צוואַוויטאַגטען געפיל האָט זי איבערגעלייענט די עטליכע ווערטער, דערפילט ווי ס'איז איר ענג געוואָרען אין האַלז, טרערען האָבען איר געשטיקט, און זי האָט זיך ביטער צוויינט...

אַ צייט איז אַוועק, זיי האָבען געוואוינט באַזונדער און ער האָט איר געשיקט גענוג געלט אויף צום לעבען. פון צייט־צו־צייט איז ער געקומען זען די קינדער, זיך מיט זיי געשפּילט און זיי געבראַכט פּרעזענטען, זיי גענומען אין די „מוּאַווים“.

מיט זיין פרוי, האָט ער זיך ווייניג אָפּגעגעבען. אַמאָל האָט ער מיט איר אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער, אַמאָל ניט. ברייננגענדיג די קינדער פון דער „שאָו“ איז ער גלייך אוועקגעגאַנגען.

בעלאַ'ן האָט זיין קאַלטער און פרעמדער באַנעמען זיך צו איר שטאַרק געערגערט. אָבער קיין טענות צו אים האָט זי ניט געקענט האָבען. זיי זיינען דאָך צושיידט, און צום לעבען פאַר איר מיט די קינדער גיט ער, מעג ער זיך באַנעמען ווי אים געפעלט.

ס'איז איר געווען אומעטיג, זייער אומעטיג. פריינט און באַקאַנטע זיינען צו איר ווייניג געקומען, און ווען זיי האָבען איר שוין יאָ באַזוכט, האָבען זיי זיך אויך לאַנג ניט פאַרווײַלט. דער אומעט, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ כמאַרע איבער'ן הויז, האָט

גלייך אַלעמען אַרומגעכאַפּט, און דער שטומער צער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגען, האָט אויף אַלעמען אַרויפֿגעוואָרפֿען אַן אבל'דיגען טרויער, און יעדער איינער האָט געזוכט אַ תירוץ וואָס גיכער אַט פֿון דער דריקענדער אַטמאָספֿערע צו אַנטלויפֿען. איז זי געווען אַליין, און דער אומעט האָט איר געדריקט, זיך געליינגט שווער אויף איר געמיט, ווען ניט אירע צוויי קינדער וואָלט זי אפֿשר משוגע געוואָרען פֿון אומעט און איינזאַמקייט.

ערשט איצט האָט בעלאַ דערפֿילט ווי שלעכט עס איז פֿאַר אַ פֿאַרהייראַטע פֿרוי, אַ מאַמע פֿון קינדער, צו פֿאַרבלייבען אַליין אַפֿילו ווען אויף קיין ברויט פֿיילט ניט.

איין זונטאָג האָבען איר באַזוכט עטליכע פֿריינט. בעלאַ איז זייער צופֿרידען געווען פֿון זייער באַזוך, און זי איז גערן געווען זיי זאָלען פֿאַרבלייבען וואָס לענגער.

זי האָט זיי אויפֿגענומען זייער שיין, פֿאַרבעטען זיי צום טיש, דערלאַנגט כּיבוד, און ווען איינער פֿון די געסט האָט שפּעטער פֿאָרגעשלאָגען מען זאָל שפּילען אַ היימישע „געים“, איז זי ניט געווען דאַגעגען.

אין אָווענט ווען דער מאַן האָט צוריקגעבראַכט די קינדער פֿון די „מואָווים“, איז ער געווען פֿאַרוואונדערט צו טרעפֿען קאָמ־פּאַניע זיצען און שפּילען אין קאָרטען. ער איז שטיין געבליבען ביים טיש, אַ ווייל זיך צוגעקוקט ווי מען שפּילט און נאָכדעם אויך גענומען אַ האַנט.

דעם אָווענט איז ער צו זיין פֿרוי געווען פֿיל פֿריינטליכער. מיט איר גערעדט מער ווי געוויינליך, און זיך אַפֿילו ניט אָפּגעזאָגט צו טרינקען אַ גלאָז טיי, וואָס זי האָט אים נאָכ'ן שפּילען דערלאַנגט.

זינט יענעם זונטאָג, ווען ער פֿלעגט צוריקברענגען די קינדער פֿון די „מואָווים“, האָט ער געטראָפֿען קאָמפּאַניע זיצען און שפּילען אין קאָרטען, און מיטשפּילענדיג איז אים אַפֿילו ניט איינגעפֿאַלען אַז מיט דער באַנייטער קאָרטען־שפּיל ביי זיי אין הויז גרייט זיין פֿרוי פֿאַר אים צו אַ נעץ, מיט וועלכער זי האָפֿט פֿריער אָדער שפּעטער אים צו פֿאַנגען און צוריק ברענגען אַהיים...

אַ חתונה־יובילעאום

עס האָט באַדאַרפט ווערן צען יאָר זייט זיי האָבן גע־הייראַט, און מאַן און ווייב האָבן זיך געקליבן צו פייערן זייער צען־יאָריגן יובילעאום מיט אַ שיינער פּאַרטי.

עס פּאַסירט אָפט, אַז זייער צוזאַמענלעבן איז גאָר ניט אַזאַ צופרידענער, אַזאַ גליקליכער. ס׳קומען פאָר מיספאַרשטענדע־נישן, צוזאַמענשטויסן, וועלכע טרייסלען אויף זייער לעבן. וואָס האָט זיך אין די צען יאָר איינגעשטעלט, און עס נעמט נאָכ־דעם צייט ביז זייער לעבן אָרדענט זיך ווי עס איז ווידער איין . . . אָבער דעם מנהג פון מאַכן יעדן יאָר אַ פּאַרטי לכבוד זייער הייראַט, האָט אפילו דער שאַרפסטער צוזאַמענשטויס אין זייער לעבן ביז היינט ניט געקענט אָפּברעכן. יעדן יאָר, ווען ס׳איז געקומען דער באַשטימטער טאָג, איז אַלץ צוגעגרייט געווען אויפ׳ן געוויינליכן שטייגער.

ס׳האָט שוין אַפילו געטראָפן, אַז מאַן און ווייב זיינען אין יענעם טאָג געווען ברוגז, נאָך אַ פאַרשאַרפטן קריג וואָס זיי האָבן געהאַט, אָבער ווען עס איז געקומען אין אָוונט, און מענ־שן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, האָבן זיי דורך אַ שטומער פאַרשטענדעניש אָפּגעווישט אַלע חשבונות צווישן זיך, געוואָרן שלום, כדי די געסט זאָלן ניט באַמערקן, אַז עפּעס איז צווישן זיי פאָרגעקומען . . .

היינט, צום צען־יאָריגן יובילעאום פון זייער הייראַט, האָבן זיי זיך צוגעגרייט גאָר אויף אַ גרויסן שטייגער. מ׳האָט באַ־דאַרפט צוריכטן די הויז עס זאָל אויססוויזן יום־טוב׳דיג, שאַפן די אַטמאָספערע וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ געלעגנהייט. מען האָט איינגעלאַדן אַ גרעסערן עולם פון פריינט און באַקאַנטע און מען מוז זיי צופרידנשטעלן.

צען יאָר פאַרהײראַט לעבען איז ניט קײן קלײניקײט. מען איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ שײנע טײל פונ׳ם לעבענס־װעג צוזאַמען, און מען װיל זיך און אַלעמען באַװײזען, אַז מען איז גרײט דעם װעג פאָרטצוזעצען ביז׳ן ברעג . . .

זײנען מאַן און װײב געשטאַנען נאָענט אײנע לעבען די אַנדערע און איבערגעקליבען די זאַכען, װעלכע מען האָט באַדאַרפט שוין אין גאַנצען אַרױסװאַרפען אָדער אומבײטען אויף נײע. קלײבענדיג, האָבען זיך בײדע אָנגעשטױסען אַז זאַכען, װעלכע זײנען שוין געװען אַלט, אָבער אַזױ גוט באַקאַנט. יעדע זאַך באַזונדער האָט אין זײ אַרױסגערופען אַזױ פיל עראינערונגען, װעלכע האָבען זײ דערמאַנט אונטער װאָס פאַר אַ אומשטענדען אַט דאָס אַלץ איז געקױפט און באַנוצט געװאָרען אינ׳ם פאַרלויף פון זײער פאַרהײראַטען לעבען.

געװען צײטען װען זײ האָבען אַט די „זאַכען“, װעלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט זײער הױז, זײער הײם, געליבט מיט׳ן גאַנצען געפיל פון פאַרליבט זײן, פון גליקליך זײן. אַט אַ שטײגער דאָס בילד װאָס זײ האָבען בײדע צוזאַמען אַרונטערגענומען אין דעם טאָג פון זײער חתונה, װאו זײ שטײען אַזױ גליקליך, שמײכלענדיג, אַרײנקוקענדיג אַזױ ליבליך אײנע אין די אַנדערע׳ס אױגען, האַל־טענדיג אַזױ צאַרט אײנע די אַנדערע׳ס הענט, און נאָך זאַכען.

ס׳איז אָבער אױך געװען צײטען װען זײ האָבען אַט די אַלע זאַכען פײנט געהאַט, ניט געקענט אױף דעם קוקען . . . און װען זײערע בליקען זײנען געפאַלען טאַקע אױף אַט־דעם חתונה־בילד, האָבען זײ זיך פאַר זיך אַלײן פאַרשעמט; זיך ניט געװאָלט גלױ־בען, אַז זײ זײנען עס טאַקע די, װעלכע שטײען דאָרט אין אַזאַ ליבער נאָענטקײט אין שמײכלענדיגער צופרידענהײט . . .

איבערקלײבענדיג אַט די אַלע זאַכען, האָט די פרױ פון ערגעץ אַרױסגעשלעפּט אַ שאַל און אױף אים לאַנג געקוקט.

דער שאַל איז שוין געװען אַז אַלטער, מיט אױסגענײטע בלומען, װעלכע האָבען זיך אפילו איצט, שוין אָפּגעריבענע, װי באַרימט, אַז זײ האָבען אַמאָל געבליט װי לעבעדיגע.

— געדענקסט דעם שאַל? — האָט די פרױ, װי בענקענדיג נאָך יענער צײט, אַרױסגערעדט, צוטראָגענדיג אים צו איר מאַן.

דער מאַן האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט און, ווי זיך דערמאָ־נענדיק, געענטפערט:

— אַ, יאַ, דעם שאַל מיט די „בלומען" האָב איך דיר, דאַכט זיך, געגעבן אַ מתנה באַלד נאָך אונזער חתונה.

— יאַ, ריכטיק — האָט די פרוי אַ טיפען זיפץ געטאָן.

— איז וואָס־זשע זיפצטו? — האָט דער מאַן געפרעגט, ניט קענענדיק פאַרשטיין איר זיפץ.

— איך זיפץ — האָט די פרוי געענטפערט פאַרבענקט — וואָס אַלץ ווערט אַלט, אָפּגענוצט. געווען אַמאָל אַ שיינער שאַל.

— איז דאַריבער דאַרף מען זיפצען? — האָט דער מאַן, שמייכ־לענדיק, באַמערקט — ס'פעלט דיר נייע שאַלס?

— האָסט מיר נאָך דערווײַל קיין נייעם שאַל פאַר אַ מתנה ניט געשאָנקען — האָט די פרוי אים אַ שטאָך געטאָן.

—נו, אַז ניט קיין שאַל, האָב איך דיר געקויפט אַנדערע מתנות...

— ניט אַזוי געפערליך געווען מיט דיין קויפען מיר מתנות!

— האָט די פרוי אַרויסגערעדט פאַרדראָסיק.

— איך האָב דיר געקויפט וויפיל איך האָב געקענט און בין געווען אומשטאַנד.

— אודאי, ווער זאָגט דען?... וויפיל דו האָסט געקענט... האָב איך טאַקע אַזוי פיל...

— נו, פאַרלאַנגסט דאָך ניט, איך זאָל גיין גנב'ענען און קויפען דיר מער מתנות.

— גנב'ענען! וואָס הייסט גנב'ענען? אַלע מענער גנב'ענען דען צו קויפען זייערע ווייבער מתנות? פון דעסטוועגען זיינען די ווייבער אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי פּרעזענטען, וואָס די מענער האָבען פאַר זיי געקויפט...

— נו, מיין ווייב, כ'זע שוין, אַז דו ווילסט היינט מיט מיר פאַרפירען אַ קריג לכבוד אונזער צען־יאָריגען חתונה־יובילעאום?

— יובילעאום, שמובילעאום, ס'איז זיך דאָ, משטיינס גע־זאָגט, מיט וואָס צו פרייען... אַלץ הייסט שמחות...

— אַז ס'איז ניט קיין שמחה, טאָ צו וואָס דער גאַנצער טאַ־ראַראַם און טומעל מיט צוגרייטען?...

— כ'וויים טאקע אליין ניט, כ'וועל דיר פרעגן — האט די פרוי אומצופרידען גערעדט — פארטים באדארף מען מאכען! די גרויסע גליקען וואס מען האט ביי די מענער . . .

— און מיר, הייסט עס, האט געטראפען א גרוים גליק — האט דער מאן שטארק באטאנט דאסווארט „גליק“.

— געוויס, וואס דען ? נאר מיר האט געטראפען א גליק... דעם טייערען לעבען, וואס איך האב ביי דיר ! . . .

— אז ס'געפעלט דיר ניט, זוכט מען א בעסער לעבען ! . . . — האט דער מאן אויפגערעגט ארויסגערעדט.

— דו . . . דו . . . זאג מיר ניט וואס צו טאן ! . . . — האט די פרוי געפיבערט פון כעס — כ'וועל שוין וויסען וואס צו טאן, ווען איך וועל וועלען !

— טא נעמט מען און מען טוט, וואס שנעלער, און האב ניט קיין טענות צו מיר !

— האלט דאס מויל !...

דער צען־יאריגער חתונה־יובילעאום איז דאך פארגעקומען. עס זיינען געקומען א סך געסט, מען איז געזעסען ארום די טישען. אויף וועלכע עס איז געשטאנען צוגעגרייט פון דאס שענסטע און בעסטע, און פרייליך פארבראכט : געגעסען, געטרונקען, געלאכט. געזונגען און אפילו געהאלטען שיינע רעדעס אין וועלכע עס זיינען אין רייכע פארבען געשילדערט געווארען דאס שיינע, און הארציג־געטרייע פאמיליען־לעבען פון די „חתן־כלה“, יובילארן, און זיי געוואונשען נאך א לאנגע, ווי ביז איצט, גליקליכען לעבען . . .

די יובילארן, אנגעטאן אין זייערע שענסטע קליידער, זיינען ארומגעלאפען ארום די געסט, געזוכט זיי צופרידענצושטעלען, גע־שמייכעלט און געדאנקט אלעמען פאר זייער אנטייל נעמען אין זייער שמחה . . .

קיינעם פון די געסט וואלט ניט איינגעפאלען, אז די בעלי־שמחה זיינען ברוגז, אז א ביטערער כעס פלאקערט אין זייערע הערצער, אז זיי האבען שוין איינע צו די אנדערע ניט אויסגערעדט א ווארט זייט עטליכע טעג . . .

דערהויבען

ס'איז געווען מאָדנע, וואָס דוקא די מעלות וואָס זיינען ניומאַרקען געפעלען געווען איידער ער האָט מיט זיין פרוי געהייראָט, האָבען אים איצט, עטליכע יאָר נאָך דער חתונה, אָנגעהויבען צו שאַקירען, זיין דערווידער, ארויסרופענדיג אין אים פאַרביטערטע און צואוויטאָגטע געפילען.

ער האָט צום ביישפיל, דאַן ליב געהאַט איר רירעוודיגקייט, רעדעוודיגקייט און באַוועגליכקייט; דעם בליץ פון אירע צוויי שווארצע, גליענדיגע אויגען, וועלכע פלעגען אים א זיס־תאוה'דיגען ברען טאָן, פאַרכאַפּען, פאַר'כשוף'ען און פאַרפירען צו דעם העכסטען ליבעס עקסטאַז.

אזוי איז ער אויך געווען באַגייסטערט פאַר איר קלוגשאַפט, צוגעלאָזענקייט צו מענשען, און פאָלקסטימליכען באַנעמען זיך.

היינט איר פאַרלעזען און דעקלאַמירען, דאָס פלעגט אים שוין גאָר באַגייסטערען. זי האָט פאַרגעלעזען שיין, מיט געפיל, מיט נשמה'דיגער פאַרטיפטקייט, מיט יונג־מיידעלשע התלהבות. עס איז געווען א גענוס זי דאַמאָלסט צו זען און צו הערען.

ניומאַרק, דאַמאָלסט איר יונגער פאַרליבטער, האָט דאָס אַלץ אין איר אָפּגעשעצט. זי איז געווען זיין שטאָלץ און זיין גליק. און ער האָט עס איר אַרויסגעוויזען אויף שריט און טריט מיט זיין פאַרגעטערונג און ליבע צו איר.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַן אָרימער יונגערמאַן, וואָס האָט ביי טאָג געאַרבייט פאַר א לעבען און אין די אָוונטען געשטודירט, געלערענט מיט פלייס, ווייל זי, זיין נינאַ, איז פון אים ניט אָפּגעטראָטען. אים צוגעגעבען מוט, און גלויבען אין זיינע פעיאיגקייטען, געוועקט אין אים דעם ווילען עפּעס צו דערגרייכען, שאַפען פאַר זיך א צוקונפט.

און ער האָט דערגרייכט. ער האָט געלערנט און דערענדיגט אויף דאָקטאָר.

זיי האָבען חתונה געהאַט.

נינאַ האָט געהאַט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט. אַלע האָבען איר ליב געהאַט סיי פאַר איר פריינטליכען, ליב־האַרציגען באַנעמען זיך, סיי פאַר איר שיינעם פּאַרלעזען. פריינט האָבען זיך געריסען צו קומען צו זיי אין הויז, וואו מען האָט פאַרבראַכט אויף אַ גייסטרייכען און אינטערעסאַנטען אופן. נינאַ פלעגט אָפט פאַרלעזען אָדער דעקלאַמירען און די געסט האָבען זיך מיט פרייד צוגעהערט.

דר. ניו מאַרק האָט פון זיין פרוי גאָר אַנגעקוואָלען. ער האָט איר אַפילו פאַרגונען דאָס, וואָס זי איז געווען דער צענטער פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געפילט איר ווערט, און געקוקט מיט ווירדע אויף איר טאַלאַנט אַלס פאַרלעזערין. געווען צופרידען וואָס אויך אַנדערע שעצען אָפּ אירע מעלות.

צוליב דער ברייטער באַקאַנטשאַפט און פילע הויז־פריינט, איז דעם דאָקטאָרס נאָמען שנעל באַקאַנט געוואָרען. זיין „פּראַק־טיקע" איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ער איז געוואָרען, ווי מען זאָגט, אַ „ביזי" דאָקטאָר, מיט אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט אים אַרומגעפירט צו די פילע פּאַציענטען.

מיט דעם וואוקס פון זיין פּראַקטיקע איז דער דאָקטאָר אַלץ מער און מער אָפּגעריסען געוואָרען פון דער היים. געווען שטענ־דיג פאַרנומען מיט זיינע פּאַציענטען און מיט מאַכען אַ סך געלט.

„מיט דעם עסען קומט דער אַפּעטיט". איצט, ווען דעם דאָקטאָר האָט מער גאָרניט געפיילט, געווען רייך און געהאַט אַ גוטען נאָמען אַלס דאָקטאָר, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז אַ טיטול אַליין איז ניט גענוג. אויב מען וויל זיך אָנזען, באַקומען אַ שטעלונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען, מוז מען זיך מיט עפּעס אויסצייכנען, דעם טיטול צו דערהויבען. אויב ניט פּראָפעסיאָנעל, וואָס דאָס איז אַ צו־לאַנגער און שווערער וועג, איז געזעלשאַפטליך. מען מוז זיך קאָכען, דאָ און דאָרט, זאָגען אַ דעה אין קהל'שע ענינים. אַמאָל זיך לאָזען קאָסטען עטליכע דאָלאַר. די צייטונגען דערמאָנען

דעם נאָמען, מען הערט פון איִם, מען רעדט פון איִם, דאָס צוזאַמען מיט זיין טיטול דאָקטאָר גיט זיין לעבען אַ געזעלשאַפטליכע באַדייטונג.

און דער דאָקטאָר האָט זיך מיט לייב און לעבען אריינגע־וואָרפען אין געזעלשאַפטליכער ארבייט. יעדע מינוט וואָס ער איז געווען פריי האָט ער אָפּגעגעבען פאַר כלל־זאַכען. געקומען צו מיטינגען, געפּאָרען צו קאַנווענשאַנס, גערעדט, זיך געלאָזט קאָסטען, די צייטונגען האָבען איִם אָפּט דערמאָנט, און ער האָט געהאַט כבוד און אַנערקענונג, און ס'איז איִם געווען גוט.

נינאַ האָט אָנגעהויבען פילען עלענט. איר לעבען האָט אָנגעהויבען טריקענען, איינדאַרען. עס האָט געפיילט די האַנט, וואָס זאָל איר אומאַרעמען מיט ווארימען און ליבען ציטער... דער אָטעם וואָס זאָל באַהויכען מיט ליבעס פרייד איר צאַרטען און טיף־פילענדען וועזען...

זי איז געווען רייך. נו, איז וואָס? ניט אַזאַ פּערזאָן ווי זי איז, קען רייכטום ברענגען גליק. איר לעבען מוז שטענדיג זיין באַהעלט מיט נשמה'דיגען ליכט. ווי אַ נר תמיד, מוז שטענדיג ארום איר ברענען דאָס ליבעס־פייערעל, און הויבט דאָס פייערעל אָן צאַנקען צאַנקט מיט דעם מיט איר לעבען...

און מערקווירדיג! וואָס מער דר. ניומאַרק איז געוואָרען באַרימט אַלס דאָקטאָר און געזעלשאַפטליכער טוער, אַלץ מער האָט איִם אויפגעהערט צו געפעלען זיין פרוי'ס פּערזענליכקייט. אויף אַ דירעקטען און אויף אַן אינדירעקטען אופן האָט ער אָנגעהויבען אָפּלייקענען אירע מעלות. וואָס עס איז שייך איר פּאַרלעזען, האָט ער עס אינגאַנצען אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער האָט צוגע־געבען, אַז דאַמאָלסט, אַלס מיידעל, האָט זי פאַרגעלעזען ניט שלעכט און עס האָט איר געפּאַסט. איצט אָבער, זייענדיג די פרוי פון דר. ניומאַרק, פּאַסט עס איר ניט מער...

עס איז געווען קלאָר, אַז ער מיינט איר מיט דעם ניט ווי צו טאָן, אָדער באַליידיגען, ער האָט זיין פרוי נאָך אַלץ ליב געהאַט, און שטילערהייט פון איר געהאַלטען, געפילט, אַז זיינע

געענדערטע מיינונגען וועגען איר זיינען אומגערעכט. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. ער איז שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַ שטאַרקען עגאָאיזם. די כבוד־זוכענדע באַצילען פון פראַ־פעסיאָנאַלען און עפענטליכען לעבען האָבען אין אים שוין טיף אריינגעדרונגען. ער האָט מער ניט געקענט ערלויבען, אַז נאָך אַ מענש, וואָס געפינט זיך מיט אים אין איין הויז, זאָל זיך אויס־צייכענען אויף אירגענד וועלכען געביט, מעג עס זיין אפילו אַן איינענע פרוי. ער אַליין האָט געוואָלט זיין דער, ארום וועמען אַלע זאָלען זיך דרייען, צו אים אַרויפקוקען, און אים אָפּ־געבען כבוד.

ווען זיי פלעגען אַמאָל צוזאַמען ערגעץ גיין, אָדער קאָמפּאַניע פלעגט קומען צו זיי אין הויז, האָט ער ניט געקענט ליידען וואָס מען שיינקט זיין פרוי נאָך אַלץ אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט. איצט, ווען ער איז שוין אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט, פאַרנעמט זי נאָך אַלץ דעם אויבען־אָן און פאַררוקט אים, דר. ניומאַרקען, מיט איר פערזענליכקייט אין שאָטען...

און ווי זיכער זי רעדט עס וועגען פאַרשידענע לעבענס פּראָ־בלעמען, גלייך ווי ער וואָלט גאָר דערביי ניט געווען. היינט איר פרייע האַלטונג און קוקען אויף יענעם בשעת זי רעדט. איר היימישקייט מיט יעדען. ווי פּאַסט עס פאַר מאַדאַם ניומאַרק אַזאַ צוגעלאָזענקייט ?...

אָבער מער פון אַלץ פאַרדריסט אים איר פאַרלעזען און דעקלאַמירען. עפּעס קוקט עס אים אויס קאָמיש, וואָס איצט, אין זיין שטאַנד, שטעלט זיך זיין פרוי אַוועק פאַרלעזען, אָדער דע־קלאַמירען פאַר די געסט, מאַכענדיג דערביי אַזעלכע קערפּערליכע באַוועגונגען... וואָלט זי כאָטש געשטאַנען גלייך, אויף אַן אָרט...

קיין שטאַרקע צוזאַמענשטויסען צווישען אים און זיין פרוי וועגען דעם זיינען נאָך ניט פאָרגעקומען. אַנצוהערענישען וועגען דעם האָט ער איר יאָ געגעבען. אַ פּאָר מאָל אפילו איר לייכט אויסגערעדט. ס'האָט אים אָבער שטיל און טיף געבּרענט. אים פון איר דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט...

נינאַ האָט שטאַרק געליטען אי פון דער אומערוואַרטעטער

ענדערונג אין איר מאַן. אי פון דעם עלענט און שניידענדער פראַסטינקייט. וואָס האָט ווי מיט אייז־קאַלטע פינגער־שפּיצען אָנגעהויבען איינצוברעכען איר לעבען, וועלענדיג פאַרלעשען די נשמה׳דיגע פלאַמען ניט נור אַרום איר, נור אויך אין איר...

איינמאָל נאָך אַ פאַרוויילונגס־אָוועגט ביי זיך אין הויז, אויף וועלכען נינאַ האָט געהאַט גרויס ערפאָלג מיט אירע פאַרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס, איז שוין דער דאָקטאָר אַרויס פון געדולד און שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וויל ניט, דו זאָלסט מער פאַרלעזען!

— וואָס מיינט דאָס? — האָט זי אי באַליידיגט, אי מיט שטאָלץ, אויף אים אַ קוק געטאָן.

— כ׳מיין, אַז עס איז שוין צייט, דו זאָלסט זיך אויפהערען צו באַווייזען מיט דיין „קונסט“ פאַר אַלעמען. ס׳איז ניט שיין. ס׳איז נעגען מיין געזעלשאַפטליכער שטעלונג...

— וואָס־זשע, עס געפעלט דיר שוין ניט מער מיין קונסט?

— ניין!...

— אַזוי?... וואָס נאָך געפעלט דיר ניט? — איז נינאַ אויפגעשפּרונגען אַ צורייצטע.

— איך רעכען, אַז דו וואָלסט זיך שוין אין אַלגעמיין געמעגט פאַרהאַלטען אַביסעל רואיגער, — האָט דער מאַן הארט און קאַלט פּראַפּעסיאָנעלמעסיג אַרויסגערעדט. — ס׳פּאַסט ניט פאַר מיין פרוי אין מיין איצטיגען שטאַנד, אַזאַ האַלטונג. פאַרגעס ניט, אַז איך בין היינט —

— ניט דער וואָס אַמאָל!... — האָט זי אים סאַרקאַסטיש איבערגעשלאָגען.

— נו, געוויס, ניט דער וואָס אַמאָל... און דו קענסט ניט אָנגיין אויפ׳ן אַלטען וועג, מוזט זיך צופּאַסען צו די אומשטענדען. מיין געזעלשאַפטליכע שטעלונג פאָדערט, דו זאָלסט זיך האַלטען שטאַטנער, איינגעהאַלטענער...

— און וואָס איז מיט מיין אייגענעם „איך“ און געפיל? האָט דען מיין פאַרגעניגען און גליק ביי דיר גאַרניט קיין ווערט? — האָט זי אַ ברום געטאָן ווי אַ פאַרוואונדעטע.

— דיין גליק איז פאַרבונדען מיט מיין גליק. פאַרשטייסט?... מיין פּראָפעסיאָן, די געזעלשאַפט שלעפּט מיר, וויל מיך דערהויבען, און דו מיט דיינע „דעקלאַמאַציעלאַך", מיט דיין פּשוט'ן צוגעלאָזען זיין צו אַלעמען, און אויסמישען זיך מיט דיינע אַמאָליגע קרייזען, ציען מיך אַרונטער... כ'קען עס מער ניט ערלויבען!...

נינאַ איז געוואָרען אַן אָנגעצונדענע:

— מיינע קרייזען... שעמען מעגסטו זיך! — איז זי אַ ווילדע אויפגעשפּרונגען און אירע אויגען האָבען פייערדיג געגליט — מיינע קרייזען... דאָס זיינען דאָך די, וועלכע האָבען מיר געהאָלפען דיך מאַכען פאַר אַ דאָקטאָר, פאַר אַזאַ גרויסען אויפטוער. הלואי וואָלטען זיי דאָס ניט געטאָן, וואָלסטו אפשר פאַרבליבען אַ מענש!

— נינאַ!

ניט ענטפערענדיג מער אַ וואָרט האָט זי וואַרפענדיג אויף אים אַ פאַראַכטליכען בליק, זיך אַ האַסטיגען קער געטאָן פון אים און איז אַריין צו זיך אין צימער, וואו זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטילען ביטערען געוויין...

פאַרדאַכט

איר מאַן האָט געהאַלטען אין איינפּאַקען די זאַכען, זיך געקליבען צו פאָרען קיין שיקאַגאָ.

די פרוי א בלאַסליכע, מיט אַן עדעלען, סימפּאַטישען אויסזען, איז געשטאַנען א שטילע, אַן אומעטיגע און געקוקט ווי ער גרייט זיך צו דער רייזע. ס'איז איר געווען שווער אויסצורעדען א וואָרט. דאָס האַרץ איז איר געווען פאַרקלעמט.

— ווי דענקסטו, מערי, וועט דאָס זיין א שיינער פּרעזענט פאַר מיין בעטי'ן? — האָט דער מאַן א פרעג געטאָן ביי זיין פרוי.

די פרוי האָט ניט געענטפערט.

— וואָס איז מיט דיר, ביזט עפּעס ברוגז אויף מיר וואָס דו ענטפערסט ניט?

— ברוגז ניט, אָבער אומצופרידען יאָ. — האָט די פרוי געענטפערט, אָנקוקענדיג אים מיט א שאַרפען בליק.

— אומצופרידען? פאַרוואָס? — האָט ער זיך ווי געוואונדערט.

— דו פאָרסט צו אָפט אין שיקאַגאָ...

— אָבער, מערי, איך פאָר דאָך אַהין זען מיין בעטי'לען. פאַרשטייסטו דען ניט, אַז מיין קינד מוז מיך אָפטער זען? איך קען דאָך איר אין גאַנצען ניט איבערלאָזען אויף דער מוטער'ס הענט! אָט האָט זי איצט געענדיגט סקול, כ'מוז זיך מיט איר באַראַטען וואָס ווייטער צו טאָן, מיין קינד'ס צוקונפט איז מיר זייער טייער.

די פרוי האָט אויף אים געוואָרפען א באַדייטענדען בליק. איינעם פון יענע בליקען, וועלכע זיינען פול מיט מיסטעריען, ווען מען וויים ניט, צי די פּערזאָן זאָגט דעם אמת, מען רעדט פון איין זאַך און מען איז גאָר אויסען א צווייטע.

און ווי דער מאַן וואָלט פאַרשטאַנען אירע געדאַנקען, האָט

ער ווי זוכענדיג זיך צו פאַרענטפערען ווייטער גערעדט:

— גלויב מיר, מערי, אַז איך בין נאָר אויסען מיין קינד'ס טובה. כ'בין דאָך אַ טאַטע.

— לאָמיר וועגען דעם מער ניט רעדען. ווילסט פאָרען, פאָר צו דיין... קינד. כ'וועל דיך ניט אָפּהאַלטען. נאָר זאָג זיך דאָרט ניט צו לאַנג...

— וואָס רעדסטו, מערי, וואָס הייסט איך וועל זיך זאָמען? כ'וועל דאָרט זיין ניט מער ווי עטליכע טעג, זיך דורכרעדען און צוריקקומען, — האָט ער צוגייענדיג צו איר נעענטער זי אַרומ־גענומען און אַ קוש געטאָן.

אָבער דער בליק אין אירע אויגען האָט זיך ניט געענדערט.

* * *

צוויי אַזייגער בייטאָג איז איר מאַן אַוועקגעפאָרען.

ביים געזעגענען זיך, ווען זיי האָבען זיך צוקושט, האָט איר אויסגעוויזען, אַז זי זעט אויף אים ניט יענעם אויסדרוק פון בענקשאַפט, וואָס מען פילט ביים אָפּפאָרען איבערלאָזענדיג אַ נאָענטע און ליבע פּערזאָן. פאַרקערט, זי האָט, דאַכט זיך, באַ־מערקט אין זיינע אויגען אַ שטילע אויפלעבונג, אַ פאַרבאָרגענע פרייד, וועלכע האָט אַרויסגעציטערט פון זיין אינערליכען וועזען...

זי איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז איר פאַרדאַכט, אַז ער פאַרט אפשר מער צוליב איר, זיין ערשטע פרוי, ווי צוליב זיין טאָכטער, איז ריכטיג. עס ציט אים צו איר, און ער קען אָן איר ניט פאַר־געסען. און פאַרוואָס זאָל אים ניט ציען? ער האָט דאָך מיט יענער אַ קינד וואָס איז דאָרטען, מיט איר. און וואָס בינדט זיי ביידען צוזאַמען.

„אַ קינד", דאָס איז די אָנגעווייטאָגסטע וואונד אין איר לעבען. ווען זי וואָלט נאָר געקענט האָבען אַ קינד, וואָלט זי דאָך געווען די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט. אַ חוץ איר אויסערגעוויינליך שטאַרקען וואונש צו ווערען אַ מוטער, וואָלט זי אפשר איר מאַן געוואונען פאַר זיך, ס'וואָלט אים אפשר אויפגעהערט צו ציען צו יענער, און ער וואָלט אַזוי אָפט צו איר ניט געפלויגען.

איז זי אָבער פון דער נאַטור פאַרשאָלטען. שוין אַכט יאָר

אז זיי זיינען פארהייראט און קיין קינד האט זי ניט. און דאס ערגסטע איז, וואס איר מאן ווייסט אויף זיכער, אז זי איז די געשטראפטע, ווייל ער האט דאך יא א קינד. עס באליידיגט איר און ס'טוט איר שמערצליך וויי.

איר וויטאג איז נאך א סך גרעסער, ווייל זי ווייס, ווי שטארק ליב ער האט זיין טעכטערל און צוליב איר אפשר אויך איר מאמען... יעדעס מאל, וואס ער פארט צו זיי אוועק, קאסט איר א שטיק געזונט, זי קען ניט איינרוען, האלט אין איין איבער־טראכטען טאמער... ווער ווייס, עס טרעפען אזוינע זאכען ווי לאנג־צושיידענע מאן און ווייב קומען זיך צוריק צוזאמען צוליב די קינדער.

און איר הארץ שרעקט איר. זי האט איר מאן ליב, זייער ליב. ער דאכט זיך, האט זי אויך ליב, אזוי ווייניגסטענס ווייזט עס אוים. אבער גיי ווייס דעם אמת, צי ער איז אויפריכטיג, צי נארט ער זי אמאל ניט אפ.

* * *

אין עטליכע טעג ארום איז איר מאן צוריקגעקומען פון שיקאגא. צוריקגעקומען א פארטראכטער, א פארבענקטער. די באגעגעניש מיט איר איז געווען ניט גאר קיין געהויבענע. עפעס האט ער זיך צו איר געפילט פרעמד און דערווייטערט. אין הויז האט ער זיך ארומגעדרייט ווי א פארבלאנדזשעטער.

ס'איז געווען קענטיג, אז די עטליכע טעג וואס ער האט פארבראכט אין שיקאגא, האבען אים שטארק געענדערט. זיין גאנצער געדאנק איז געווען פארטאן מיט זיי דארטען. די היים איז אים ווייניג אנגעגאנגען.

די פרוי איז געווען דערשלאגען. געפילט ווי עפעס א שווערע און פינסטערע משא רוקט זיך אין דער שטיל אן אויף איר. און וועט היינט, אדער מארגען, פלוצלונג אויף איר א פאל טאן מיט דער גאנצער שווערינקייט און איר צודריקען.

זי איז געווען פארצווייפעלט. זי איז שיער פון זינען אראפ טראכטענדיג ווי אזוי אויסצוגעפינען ווי זי האלט מיט אים. אמאל האט זיך איר געדאכט, אז זי מאכט אפשר א טעות, אז איר

קראנקע פאנטאזיע פארפירט איר, מאלט איר דאס בילד שווארצער ווי עס איז, אז אין אמת׳ן האט איר מאן זי ליב און טראכט גאר ניט דאס וואס זי טראכט. אמאל אבער האט זיך איר געדאכט, אז ס׳האלט שוין א סך ווייטער ווי זי דענקט, אז ער איז שוין אין גאנצען אונטער דער מאכט און איינפלוס פון דער מאמען מיט׳ן קינד, אז זיי קענען אים צו יעדער מינוט פון איר צונעמען.

א פארצווייפעלטע האט זי אנגעהויבען צו זוכען, אפשר וועט זי געפינען עפעס א צייכען, א באווייז, וואס וועט פאר איר קלאר מאכען זיינע איצטיגע באציאונגען צו יענער, זיין געוועזענער.

איינמאל, ווען איר מאן איז ניט געווען אין הויז האט זי פארבירט א זוך טאן אין זיינע קעשענעס. ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל זייט זיי זיינען פארהייראט וואס זי האט גע׳פועל׳ט ביי זיך צו טאן דאס, וואס זי אליין האט געהאלטען פאר נידעריג און געמיין. א מאדנע קראפט, וואס איז איר געווען אוממעגליך צו באהערשען, האט איר געטריבען געגען איר ווילען דאס צו טאן. צווישען די פילע פאר איר אומבאדייטענדע בריף און פאפירען, האט זי אין איינער פון זיינע קעשענעס געפונען א בילד פון זיין געוועזענער פרוי מיט זיין טאכטער.

א פארציטערטע האט זי זיך אוועקגעזעצט און איינגעגראבען די אויגען אין דעם בילד: מאמע און טאכטער האבען זיך מיט ליבשאפט געהאלטען ארומגענומען. די מאמע, נאך פארהעלט־ניסמעסיג יונג, מיט א שיין, אנציענד פנים און מיט אויסדרוקס־פולע, שווארצע אויגען. דאס טעכטערל מיט אירע געקרויזטע האר און בלויע אויגען, איז אין גאנצען געווען ענליך צום פאטער.

עס איז איר מיט א מאל געווארען קלאר, אז אט די צוויי מענשען אויפ׳ן בילד זיינען עס די, וועלכע וועלען צושטערען איר גליק, אז פריער אדער שפעטער וועלען זיי איר באזיגען.

א פארגליווערטע, ווי פון קעלט, איז זי געבליבען זיצען אויף איר ארט, מיט שטארע אויגען געקוקט אויפ׳ן בילד, און אירע בלאסע ליפען האבען מיט שרעק אין דער שטיל געמורמעלט:

„זיי וועלען אים ביי מיר צונעמען... זיי וועלען אים ביי מיר צונעמען...“

אין אַ מאָמענט

פאַר דעם אַרטיסט גאָלד איז שפּילמאַנ׳ס פריינטשאַפט צו זיין פרוי קיין סוד ניט געווען. זיין פרוי האָט עס אים אַליין דערציילט. אַמאָל מיט שפּאַס, אַמאָל מיט אַ חוזק-שמייכעל. גאָלד פלעגט דאָס הערענדיג, בלויז אַ מאַך טאָן מיט׳ן האַנט ווי ער וואָלט זאָגען: „עט, פון וועמען זי רעדט דאָ!" און מער ניט געשיינקט די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט צו דעם. עס וואָלט דאָך געווען לעכערליך און געגען זיין ווירדע אַז ער, גאָלד, אַ באַרימטער קינסטלער, אַ זעלטען שיינער און באַגאַבטער, זאָל מיט אַמאָל ווערען אייפערזיכטיג אויף דעם מיאוס׳ען, אומגעלומפּערטען שפּילמאַנ׳ען, אַ קליין און דאַר מענשעל, אַן באַזונדערע אויסצייכנונגען, וועלכע זאָלען אים מאַכען אַנציענד פאַר פרויען, איבערהויפּט פאַר זיין פרוי, וועלכע פאַרגעטערט אים.

גאָלד האָט אַפילו ניט געפונען פאַר נויטיג זיך אַמאָל צו פאַרטראַכטען איבער די אָפטע וויזיטען פון שפּילמאַנ׳ען ביי אים אין הויז. ער האָט אים געהאַלטען פאַר אַ קרענק, פאַר אַן אָנשיקעניש, וועלכע מען באַגעגענט אַזוי אָפט אין די קינסטלערישע קרייזען. ער האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פּראָפעסיאָנעלען נאָכשלעפּער, וואָס האָט זיך איינגענאַדיעט צו אים אין הויז און שטאָט אָפּ טעגליכע באַזוכען, אַפילו דאַמאָלסט ווען ער, גאָלד, איז אין דער היים ניטאָ...

פאַרדראָסען האָט אים נאָר, וואָס שפּילמאַן גיט אים ניט אָפּ דעם געוויינליכען כבוד, ווי עס גיבען געוויינליך אָפּ אַזעלכע „נאָכשלעפּער" זייערע פאַרגעטערטע קינסטלער...

שפּילמאַן, פאַרקערט, האָט זיך געהאַלטען ווירדיג. געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז נישט אַבי ווער... אַ מויל האָט ער געהאַט ווי אויף שרויפען, גערעדט פון אַלץ און פון אַלעמען. בטבע געווען אַ בעל-מבטל, געמאַכט אַלעמען צו קליין-געלט, ניט אָפּגעשראָקען זיך פאַר די גרעסטע נעמען.

גאָלד האָט זיך אַפילו צו זײַנע רייד ניט צוגעהערט. ווי פּאַסט עס גאָר פאַר אים, דעם גרויסען אַרטיסט, זיך אײַנצוהערען וואָס אַ „קרענק" רעדט? אַ משוגענער, אַ טויגעניכטס! — האָט ער באַשלאָסען און מיט אים אינגאַנצען זיך ניט גערעכענט.

אויסגעקומען איז אָבער, אַז ניט גערעכענט האָט זיך גאָר שפּילמאַן מיט אים, מיט גאָלד'ן, ווײַל צו אים האָט גאָר אײַגענטליך, שפּילמאַן, אינגאַנצען ניט גערעדט. גערעדט האָט ער גאָר צו זײַן פרוי. זעלטען ווען אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי ער וואָלט אים אין גאַנצען ניט אָנגעגאַנגען...

גאָלד האָט בלויז אונטערגעשמייכעלט. עס איז אים אַפילו ניט אײַנגעפאַלען זיך צו באַליידיגען. ווען ער זאָל נאָר וועלען, קען ער עס מאַכען קורץ און שאַרף: ער נעמט אים אַן פאַר'ן קאָלנער און וואַרפט אים אַרויס און ווערט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור פון נודניק... נאָר גיי הויב זיך אָן מיט אַזאַ אידיאָט. ער קען נאָך אומעטום צופּויקען, אַז ער, גאָלד, איז אויף אים געווען אײַפערזיכטיג... אַ שיין פּנים וועט ער האָבען ביי לייטען און ביי זײַן אײגענער פרוי...

האָט ער אים צורו געלאָזט, זיך אויף אים ניט אומגעקוקט...

און שפּילמאַן האָט זיך געמאַכט זײַנע טעגליכע וויזיטען. געקומען אָנגעלאָדען יעדען טאָג מיט גאַנצע פּעק נײַעס, מיטגע־בראַכט גאַנצע פּעק זשורנאַלען און צײַטונגען; געשטאַנען מיט די „פּעק" אונטער'ן אָרעם אַנטקעגען דער מאַדאַם גאָלד, און גערעדט און גערעדט פון פאַרשידענע זאַכען, איר געגעבען צו וויסען פון יעדען נײַעם בוך וואָס איז ערשינען, און וועגען יעדער נײַער ליטעראַרישער ערשיינונג אין אַלגעמיין; ער האָט געמאַכט באַמערקונגען וועגען דעם און יענעם שרײַבער, אָדער וועגען דעם און יענעם אַרטיסט; ער האָט געקענט אַלעמענס נעמען, און איז מיט אַלעמען געווען אויסגעבונדען...

ער איז אויך געווען באַקאַנט מיט דער מוזיקאַלישער וועלט, גערעדט אויף אויסענווייניג כמעט אַלע סימפאָניעס און זייערע פאַרפאַסער. אין דער אָפּערא וועלט האָט ער זיך געפילט ווי אין דער היים.

צייט האָט שפּילמאַן געהאַט געננוג. ער איז געוועזן באַשעפטיגט אַ דריי שטונדען אין טאָג ערגעץ אין אַ טעאַטער איבערשרייבענדיג ראָליען, פון וואָס ער האָט געמאַכט אַ לעבען. קיין סך האָט ער ניט באַדאַרפט. ער איז נישט געווען פאַרהייראַט און ניט געהאַט אויף זיך דעם יאָך פון אַ פאַמיליע. אַריינגעגאַנגען אומעטום פריי. אומעטום האָט מען אים געקענט, כאָטש שטילערהייד האָט מען פון אים אָפּגעלאַכט, געהאַלטען פאַר אַ צודולטען. אָבער די טירען זיינען פאַר אים געווען אָפען, — אזא כח האָט ער געהאַט אין זיך.

שפּילמאַן האָט שוין אַפילו פּראָבירט זיין כח אויף פאַרשיי־דענע געביטען: געפּרואווט ווערען אַ שרייבער, אַ דראַמאַטורג, זיך געלערענט שפּילען אויף אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט. אַ. וו. עס וואָלט זיך אים איינגעגעבען איינע פון אָט די אַלע זאַכען, וואָלט זיך פאַר אים געעפענט אַ נייע וועלט!... אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען.

בלויז איין לידעל האָט זיך אים אַמאָל איינגעגעבען אָפּצו־דרוקען אין אַ פּראָווינציאַלער צייטונג, באַווייזט ער טאַקע דאָס אָפּגעדרוקטע לידעל יעדען איינעם ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

שפּילמאַן איז ביי זיך ניט געפאַלען, כאָטש ער האָט ניט דערגרייכט אַפילו איינע פון די מעגליכקייטען, וואָס זאָל פאַר אים שאַפען אַ לעבענס־באַרוף. ער האָט פון זיך שטאַרק געהאַלטען. אַפילו זיין נעבעכדיגע פיגור האָט אים ניט געשטערט זיך אויס־צומישען אין פאַרשידענערליי קרייזען און דוקא ניט שטיין בלייבען אין אַ זייט. מיט עקשנות׳דיגען ווידערשטאַנד האָט ער זיך גערוקט אַלץ נעענטער צום פראָנט.

די מאַדאַם גאָלד האָט אַמאָל ווילענדיג, אַמאָל ניט ווילענדיג אים אויסגעהערט. דאָס האָט זיך געווענדט אָן אירע שטימונגען. ווי זי האָט די מינוט געפילט.

אַמאָל פלעגט איר ווערען איבערדריסיג און דערווידער זיין טומלען און דרייען איר אַ קאָפּ, און זי פלעגט זוכען אַ וועג ווי פון אים פּטור צו ווערען.

אָפט אָבער, איז איר זיין אַנוועזנהייט שטאַרק נויטיג געווען. עס זיינען געווען טעג און אָוונטען ווען איר מאַן, דער

קינסטלער, איז אין הויז ניט געווען: געווען פארנומען ערגעץ מיט דער קונסט, און זי האָט זיך געפילט עלענט און איינזאַם, איז זי געווען צופרידען וואָס שפּילמאַן איז געווען אין הויז און פלעגט מיט זיין ריידען צושלאָגען די שטילקייט און דעם אומעט, וואָס זי האָט געפילט אין אַזעלכע איינזאַמע שעה'ן...

איינמאָל האָט מאַדאַם גאָלד ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס, מיסטער שפּילמאַן, רעדט איר שטענדיג דורכאויס צו מיר, און ניט צו מיין מאַן? עס שטייט אייך ניט אָן צו ריידען צו אים, וואָס?

— אייער מאַן... אייער מאַן... האָט זיך שפּילמאַן אַ קרים געטאָן — וואָס מיינט איר, איז ער ביי מיר פאַר אַ יחסן? זאָל ער ריידען צו מיר וועל איך אים ענטפערען...

— געוויס איז מיין מאַן אַ יחסן. ער איז אַ גרויסער קינסט־לער, און פאַר קינסטלער באַדאַרף מען האָבען דרך ארץ! — האָט די מאַדאַם גאָלד שאַרף באַטאָנט דעם וואָרט קינסטלער.

— און אַז אַ קינסטלער, איז וואָס? — האָט שפּילמאַן געענטפערט מיט ביטול—די קינסטלער... „מיר" קענען זיי שוין!...

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט די פרוי אויף אים אַ שאַרפען קוק געטאָן.

— וואָס, נאָך אַלעמען, איז אַ קינסטלער? — האָט שפּילמאַן מיט'ן זעלבען ביטול'דיגען טאָן ארויסגערעדט — אַ קינסטלער, דאָס איז אַן עגאָאיסט, אַ זעלבסט־ליבענדער מענש, אַ כבוד־זוכענדע באַשעפעניש... אַ... אַ...

— אַ, רעדט ניט אַזוי! — איז די מאַדאַם גאָלד אַזש אויפגעשפּרונגען — מיט אייערע ווערטער באַליידיגט איר ניט נאָר מיין מאַן נאָר אַלע קינסטלער.

— נארישקייטען!... האָט שפּילמאַן זיך גערעדט זיינס — עס איז צו באַדויערען, וואָס איר זייט פאַרבלענדט פון די קינסטלער... וואָס האָט איר אייגענטליך פון זיי? וואָס פאַר אַ גליק האָט אייך אייער קינסטלער געבראַכט? וואָס האָט אייער לעבען דורך אים געוואונען? קינסטלער זיינען אפשר אַ טייערער אַרטיקעל פאַר אַנדערע... פאַר פרעמדע... אָבער פאַר אייך? פאַר'ן אייגען ווייב, פאַר אייער אייגענער נשמה וואָס בלייבט?

פוסטקייט, עלענטקייט. אפילו ליבע, אזוי פיל ווי מיר איז באקאנט, האבען דאך מאנכע ארימע פרויען, פון פשוט'ע, גע־ווייגליכע מענער מער פון אייך...

— א, איר פארגייט שוין צו ווייט! איר פארגעסט, אז דאס האט שוין צו טאן מיט מיין פריוואטען לעבען! — איז די מאדאם גאלד שוין אמת בייז געווארען.

— ענטשולדיגט! וועלען מיר וועגען דעם מער ניט ריידען!

— האט שפילמאן מיט אמאל אפגעהאקט דעם געשפרעך.

שפילמאנ'ס ווערטער האבען אבער אויף איר געמאכט א שטארקען איינדרוק. נאך זיין אוועקגיין האט זי וועגען זיי לאנג געטראכט... און וואס מער זי האט געטראכט, אלץ מער איבער־צייגט איז זי געווארען אין דעם אמת פון זיינע ווערטער, און א שטארקע אומצופרידענהייט האט אנגעהויבען צו נאגען און צו עסען איהר הארץ... — — — — — — — — — — — —

איין מאל, ווען שפילמאן איז ווי אלע מאל געקומען אויף זיין געוויינליכען וויזיט, האט די מאדאם גאלד צו אים געזאגט:

— איר ווייסט, מיסטער שפילמאן, מיין מאן איז נעכטען אוועגט אוועקגעפארען פאר א פאר וואכען. דענקט איר ניט, אז עס וואלט גלייכער געווען, אז דורך דער צייט וואס ער וועט ניט זיין, זאלט איר ניט קומען אהער?

— פארוואס? — האט זיך שפילמאן געוואונדערט.

— איר פארשטייט דאך אליין, אז עס זעט ניט אויס גוט אי פאר'ן אייגענעם מאן, אי פאר פרעמדע מענשען, ווען יונגע לייט קומען צו א פרוי ווען דער מאן איז אבוועזענד.

— און איר מוזט אודאי מיינען, אז דארטען, וואוהין אייער מאן איז אוועקגעפארען, וועט ער זיצען גאנצע טעג און נעכט און זאגען תהילים?... אוי, פארנארטע פרויען וואס איר זייט!

— וואס מיינט איר מיט דעם?

— כ'מיין — האט שפילמאן מיט א ביטערען לאכעלע ארויסגערעדט — אז איר באדארפט ניט זיין פרימער ווי דער פאפסט... אייער קינסטלער פאסט דארטען ניט קיין תעניתים, מעגט איר דאך וויינינגסטענס ריידען מיט א מענשען... וואס

אַנבאַלאַנגט די פרעמדע, וואָס ווייסען זיי ?... זיי זיינען דאָך אייך מקנא אייער גליק... אָבער וועמען אינטערעסירט אייער אומעטיג לעבען, אייערע איינזאַמע שעה'ן ?... מוזט איר דאָס טאַקע זיי צופרידענשטעלען ?

מאַדאַם גאָלד האָט געשוויגען. שפּילמאַן האָט אין איר אַנגערירט די ריכטיגע סטרונע... זי איז ניט מער בייז געוואָרען אויף אים פאַרוואָס ער רעדט אַזוי פריי און אָפען וועגען איר לעבען. פאַרקערט, זי האָט, דאַכט זיך, איצט געפילט אַ געוויסע דאַנקבאַרקייט און צופרידענהייט פון דעם, וואָס ער נעמט אַזאַ האַרציגען אַנטייל אין איר לעבען און גליק...

„ווי מאָדנע — איז איר דורכגעלאָפען דורכ'ן געדאַנק — וואָס דוקא אַט דער מענשעל האָט אַ נשמה, פאַרשטייט אַזוי גוט איר לאַגע, און מיט אַזאַ אמת'ע פריינטשאַפט און איבערגעבענהייט זוכט ער אַריינצוברייגנען אינהאַלט אין אירע אומעטיגע שעה'ן. אין איר שטיל, פאַרטרוקענט לעבען... קומט, רעדט צו איר, דערציילט איר, אינפאָרמירט איר וועגען אַלע נייעס פון טאָג, לעזט פאַר איר פאָר און ברייגנט איר די בעסטע ביכער צו לעזען. דערלאָזט ניט, אַז זי זאָל זיך לאַנגווייליגען. וויל איר העלפען. און העלפט איר מיט אַלץ וואָס ער קען איר לעבען צו באַרייכערען און פאַרשענערען.

און וואָס אייגענטליך האָט זי פון איר מאַן, דעם קינסטלער ? שטענדיג פאַרטאָן, פאַרנומען מיט זיך, מיט דער קונסט... זעלטען אין דער היים... איר „איך", איר געפיל, איז פאַר אים אַזוי ווייט, פרעמד... זי קען זיך זעלטען מיט אים אויפריידען, און רעדט ער, איז עס פון זיך, פון זיינע שאַפונגען, פון זיינע ערפאָלגען און נידערלאַגען. שטענדיג נאָר פון זיך און פון זיך... היינט די קאַפּריזען... קינסטלערישע שטרענגקייט און אָנגעצויגענקייט. זי באַדאַרף דאָס אַלץ אויסשטיין. אָבער אַ גוט וואָרט ? אַ פריינט־ליכען ליבען בליק ? פאַר דעם האָט ער זעלטען צייט"...

ווען זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון איר פאַרטראַכטקייט און אויפגעהויבען די אויגען, האָט זי באַמערקט ווי שפּילמאַנ'ס בליקען זיינען אין איר איינגעגראָבען מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט אַזאַ גע־

טריישאפט, ווי א הונט, וואס זיצט און וואכט, אז מיט זיין באלעבאס זאל גארניט געשען.

א טיפער רחמנות'דיגער געפיל האט איר ארומגענומען צו אט דעם מענשליכען באשעפעניש, וואס האט, אפשר אין זיין לעבען נאך ניט געהערט קיין איין ליבעןווארט פון א פרוי און זיין פנים האבען אפשר באריהרט בלויז די ליפען פון זיין מאמע...

„ ווער קען פארשטיין די נשמה פון אט אזא מענשען? — האט זי מיט רחמנות געטראכט — פילט און ליבט אזוי שיין... טראגט זיך ארום מיט בענקענישען און חלומות און ווערט פון לעבען אויסגעלאכט... אבער ער איז שטאלץ, און ווירדיג און רעכענט זיך ניט מיט דער גאנצער וועלט ארום זיך.

אט זיצט זי די מערסטע צייט אליין אין הויז. זי גייט זעלטען ווען ערגעץ ארויס. פאר וואס? ווייל זי מוז זיך האלטען שטאלץ... ווייל זי איז מאדאם גאלד... ווי פאסט עס פאר איר זיך ארומצושלעפען? מיט אים, מיט איר מאן, קען זי זיך קינסטלעריש ניט דערהויבען. און אז אים קען זי זיך ניט ארונ־טערלאזען... איז זי שטענדיג אליין"... — — — — — — — — — —

— נו, איך גיי שוין — האט זי מיט אמאל דערהערט שפילמאנ'ס קול — ס'איז אייך אפשר אומבאקוועם דא, מיט מיר, אזוי שפעט... ס'וואלט מיר זייער לייד געטאן ווען איר זאלט דורך מיר האבען די מינדעסטע אומאנגענעמליכקייט.

— איר זייט אן איידעלער מענש! — האט די מאדאם גאלד ווייך ארויסגערעדט, קוקענדיג אויף אים מיט מילדע בליקען...

שפילמאנ'ס הארץ האט זיך אזש א הויב געטאן פון פרייד... ס'איז אים מיט אמאל געווארען אזוי גוט...

ער האט געפילט ווי א געהיימע האנט וואלט אים א שטויס געטאן נעענטער צו דער מאדאם גאלד. אן היסטערישער אויס־ברוך פון ליידענשאפט האט אים מיט אמאל ארומגעכאפט, און אליין ניט וויסענדיג וואס ער טוט, האט ער זי א כאפ געטאן אין זיינע ארעמס און צודריקענדיג זי שטארק צו זיך, האט ער איר געזיכט, אויגען און האלז באדעקט מיט הייסע גליענדע קושען.

זי האט זיך ניט געווערט...

אין שרעק

ווען בלייכער האָט זיך באַקאַנט מיט לוסי'ן, איז זי פאַר אים געווען אַן אָפענער בוך. דאָס הייסט, ער האָט אַלץ געוואוסט וועגן איר, וועגן איר פריערדיגען לעבען, וואָס זי האָט געפירט.

ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט געהאַט אַ סך געליבטע. מיט מאַנכע האָבען אירע באַציאונגען געדויערט לייִנגער, מיט מאַנכע ווייניגער. ס'איז פאַר אים קיין סוד ניט געווען אַז זי האָט דורכגעמאַכט אַ שטורמדיג לעבען, כאָטש אין יאָרען איז זי נאָך געווען זייער יונג.

ער האָט איר אַלץ פאַרגעבען. פאַרגעבען דערפאַר, ווייל ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ העכערען וועזען, ניט פון דעם טיפּ דורכשניטליכע פרויען, וועמען עס איז ניט ערלויבט אפילו די קלענסטע זינד צו באַגיין. „אַ פרוי מיט אַזוי פיל געפיל און אומרו ווי זי, מוז האָבען שטאַרקע איבערלעבונגען" — האָט ער זי אין געדאַנק פאַרענטפערט — און איז אַ פּשוט'ע פרוי, זי זאָל אפילו זיין די ריינסטע און אײדעלסטע וואָלט ער זיך סיי ווי ניט פאַרליבט.

אַליין ניט קיין געוויינליכער יונגערמאַן, מיט יונגע, מאָדערנע וועלט־אַנשויאונגען און מיט אַן אומרואיגען שטורם'דיגען געפיל, האָט ער זיך אין איר פאַרליבט מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין יונגער נשמה. זי איז אים ניט ווייניגער. זי האָט אין אים געפונען איר אידעאַל, וועלכען זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט און ניט געפונען, און זוכענדיג מיט דער גאַנצער בענקשאַפט פון איר יונג, געפיהלפול האַרץ, האָט זי זיך יעדען מאָל אָפּגעשטעלט ביי אַן אַנדערען, און יעדען מאָל צוריקגעלאָפען אַן ענטוישטע, ווען זי איז איבערציינגט געוואָרען, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות, אַז ס'איז נישט דער...

ביי אים, ביי בלייכער'ן, האָט זי זיך געוואָלט אָפּשטעלען. אָפּגעבען זיך צו אים אַ געלייטערטע נאָך אַלע גיהנום'ס און איבערלעבונגען וואָס זי האָט דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט. זי

האט געגאַרט נאָך רו, נאָך שטילער היימישער, פון קיינעם ניט געשטערטער רו.

זיי האָבען חתונה געהאַט.

זייער הויז איז געווען שיין און אַרטיסטיש איינגעאָרדענט, און זיי האָבען ליב געהאַט די היים. ליב געהאַט ווי עס האָבען ליב מענשען זייער אייגען ווינקעלע נאָכדעם, ווי זיי האָבען שוין גענוג אַרומגעוואַנדערט, זיך אָנגעגעסען מיט עלענטקייט און פרעמדקייט... זיך אָנגעזעסען נעכט אין טונקעלע פאַררויכערטע קאַפּעען, צווישען פרעמדער היימישקייט און היימישער פרעמדקייט.

זיי האָבען אפילו קיין פאַרלאַנג ניט געהאַט זיך צו טרעפען מיט פריינט און באַקאַנטע, אָדער זיי איינלאַדען צו זיך. זיי האָבען געהאַט גענוג אינטערעס איינע אין די אַנדערע און זיי האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין געזעלשאַפט: זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען צו קאָנצערטען, לעקטשורס און אַנדערע פאַרווײַלונגען, וואו זיי האָבן ליב און האַרציג פאַרבראַכט.

אַט אַזוי האָט דאָס פּאָרל געלעבט אַ לענגערע צייט גליקליך און צופרידען.

בלייכער האָט אָנגעהויבען ווערען אומרואיג... דאָס אומרואיג בלוט האָט אין אים אָנגעהויבען רעגען און ציען אין גאַס, צו די קאַפּעען...

עס האָט אים אָנגעהויבען אויסזען עפּעס מאָדנע וואָס ער, אַ מאָדערנער מענש, איז גאָר געוואָרען אַ היים־זיצער, אַ בעל־הבית'על ווי יעדער פּשוט'ער מענש ווערט נאָך דער חתונה... ער האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך יענע פּלעצער, וואו מען טרעפט זיך מיט באַקאַנטע און מען זיצט אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען רויכערט, מען טרינקט, און מען שמועסט. ס'איז עפּעס אַ פריילין לעבען דאָרט. די היים־שטילקייט און די היים־רו איז אים שוין צוגעגעסען; עס איז אַזוי וואָכעדיג און ניט אינטערעסאַנט...

איינמאָל זאָגט ער צו זיין פרוי:

— דו ווייסט, לוסי, מיר וואָלטען זיך שוין גאָר באַדאַרפט אַריינכאַפּען אין קאַפּעע. מיר זיינען שוין דאָרט לאַנג ניט געווען.

דער פרוי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן...

„אין קאַפּע"... וואָס פאַר אַ ביטערע עראינערונגען עס זיינען איר פאַרבליבן אָט פון יענע ערטער. דאָרטן, ביי די שמאָלע טישלאַך, וועלכע זיינען באַלויכטען מיט אַ טונקעל־ראָזעווען שיין, וואו פאַרפירערישע תאוה'דיגע מוזיק פאַרוויגט, פאַרשלעפּערט ווי אָפּיום... דאָרטן פלעגט זיך דאָך אַלץ אָנהויבן... ניין, זי וואָלט זייער ניט געוואָלט מער גיין אַהין און זי וואָלט ניט געוואָלט, אַז ער, איר מאַן זאָל אַהין גיין.

— צו וואָס, מיין טייערער, באַדאַרפן מיר די קאַפּע, מיט'ן רויך, מיט'ן טומעל. איז דען דאָ, אין דער היים, ניט בעסער, אַנגענעמער? — האָט זי נאָך אַ לענגערן שוויגן געענטפערט.

— אָבער מיר קענען דאָך נישט שטענדיג זיצן אין הויז: מיר מוזען זיך דאָך אַמאָל טרעפן מיט מענשן! — האָט ער אומצופרידן אַרויסגערעדט.

— נו, וועלען מיר איינלאַדן געזעלשאַפט צו אונז אין הויז — האָט די פרוי גוטמוטיג צוגעגעבן, באַמיענדיג זיך צו באַהאַלטן איר אומרו.

— פאַרבעטן פריינט אין הויז, דאָס איז אַ באַזונדער זאַך. אָבער איך זע נישט איין פאַרוואָס מיר זאָלן נישט אַריינגיין אין קאַפּע זיך זען מיט אַלטע פריינט.

אויבענאויף האָט זיין פאַרלאַנג אויסגעזען צו זיין אַ גערעכטער, און זי האָט ניט געזען קיין וועג ווי אים אָפּצוהאַלטן, כאָטש דער פאַקט אַליין וואָס איר געזעלשאַפט איז אים שוין ניט גענוג און ער נויטיגט זיך שוין אין אַנדערע אונטערהאַלטונגען, האָט איר גענוג וויי געטאָן. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן.

זי האָט באַשלאָסן, אַז ווי שווער עס זאָל איר ניט זיין זיך ווידער אַמאָל צו טרעפן מיט די מענשן, וועלכע ווייסן צו פיל פון איר אַמאָליגן לעבן, וועט זי דאָך מיט איר מאַן מיטגיין: אַלץ בעסער ווי צו לאָזן אים גיין אַליין...

ביי זייער אַריינקומען אין קאַפּע זיינען אַ סך אויגן אויף זיי געפאַלן. עס האָט אויף איר אַ שלאַג געטאָן די ניט־גוטקייט פון אַ לאַנג־פאַרגעסענעם טעם... זי האָט באַמערקט אַ פּאָר פון אירע

אמאָליגע אינטימע פריינט און ס'איז איר געוואָרען אומאַנגענעם.

— לאָמיר זיך זעצען אַט ביי יענעם טישעל ! — האָט זי אים אַ צי געטאָן צו אַ טישעל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל.

— פאַרוואָס עפּעס דאָרטען ? — לאָמיר זיך זעצען, וואו מען קען אונז און מיר קענען אַלעמען זען...

לוסי האָט זיך געפילט ווי פאַרלאָרען אין אַט דער סביבה, וואָס איז איר אַמאָל געווען אַזוי אַלט באַקאַנט. איצט האָט איר אַלץ אויסגעוויזען אַזוי ווייט און פרעמד.

ס'איז צוגעקומען אַ קעלנער, וואָס האָט בלייבער'ן געקענט פון אַמאָל און גוט געדענקט זיינע פיינע „טיפּס". ער האָט זיך מיט אים פריינטליך באַגריסט און אים צוגעפירט צו אַ ליידיג טישעל, פונקט אין צענטער.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען און אַרום זייער טישעל זיינען שוין געזעסען פילע פון זיינע אַמאָליגע באַקאַנטע דאַמען און הערען. געזעסען און געטרונקען און גערעדט, און דערציילט פאַרשידענע ערנסטע און ניט־ערנסטע געשיכטעס. ס'האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי קיינער פון אַט די באַקאַנטע וואָלט גאָר ניט באַמערקט, אַז דאָס „פּאָרל" איז שוין אַ לענגערע צייט דאָ ניט געווען, און אַז דאָס טרעפען זיך איז אַ גאַנץ געוויינליכע ערשיינונג.

לוסי האָט געפילט אַ ביסעל לייכטער, כאָטש דער רויך האָט איר געשטיקט, און דער טומעל, פון וועלכען זי איז שוין געווען אָפּגעוואוינט האָט איר ווי אַ בין געזשוזשעט אין מח... אודאי וואָלט זי מער צופרידען געווען, ווען זי מיט איר מאַן וואָלטען איצט בעסער געווען אין דער היים אָדער ערגעץ ביי אַ שיינעם קאָנצערט, אָבער אַז זי איז שוין דאָ, איז עס אונטער די אומשטענ־דען נאָך ניט דאָס ערגסטע.

נאָר אַט איז צוגעקומען וואָלף, איינער פון אירע אַמאָליגע אינטימסטע באַקאַנטע. זיך באַגריסט און זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן איינציג־פאַרבליבענעם ליידיגען אָרט ביים טישעל.

וואָלף'ס אַנוועזענהייט האָט מיט אַמאָל אַ טרייסעל געטאָן לוסי'ס אַזוי אויך אָנגעשטרענגטע נערווען. איר גאַנצער וועזען האָט אין דער שטיל אויפגעציטערט. אין האַלז האָט איר גע־שטיקט, ווי אימיצער וואָלט איר פאַרהאַלטען דעם אָטעם...

זי האָט זיך אַנגעשטרענגט מיט אַלע כחות צו בלייבען זיצען רואיג, וואָס דאָס איז איר קוים געלונגען נאכדעם, ווי זי האָט מיט איין מאָל אויסגעטרונקען אַ פולע גלאָז וואסער...

יעדען מאָל וואָס זי האָט זיך באַגעגענט מיט זיינע בליקען, האָט זי געפילט ווי אַ פּאָר נאָדעלעך וואָלטען איר אַ שטאָך געטאָן איבער'ן לייב... און יעדען מאָל וואָס ער האָט געעפענט זיין מויל צום ריידען, איז זי ווי פארגליווערט געוואָרען פון שרעק, טאָמער כאַפּט ער זיך ארוים מיט עפּעס אַ וואָרט, וואָס וועט דערמאַנען איר פאַרגאַנגענעם לעבען...

צום גליק האָט ער גאָר ניט דערמאַנט, וואָס זאָל האָבען אַ שייכות מיט איר. אָבער דער געדאַנק אַליין, אַז ער טראַכט איצט געוויס וועגען זייערע אַמאָליגע, אינטימע באַציאונגען, האָט איר שרעקליך געמוטשעט, און איר פיבעריש געהויבען פון אָרט...

דריי שטונדען האָט געדויערט איר מאַטערניש... דריי שטונ־דען פון גיהנום'דיגע פּיינונגען און שרעק...

ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אוועקצוגיין האָט זי קוים כח געהאַט זיך צו האַלטען אויף די פיס... זי האָט זיך אָבער באַמיט מיט אַלע קרעפטען איר שוואַכקייט ניט ארויסצואווייזען פאַר איר מאַן, וואָס האָט געפילט זייער גוט און אויפגעלייגט נאָכ'ן אַוועקנט פאַרברייננגען אין קאַפּעע.

— נו, זעסט שוין, — האָט ער אויפ'ן וועג אַהיים צו איר גע'טענה'ט — אַט האָבען מיר פאַרבראַכט אַ פיינעם אַוועקנט. אבי דו האָסט קיין חשק ניט געהאַט צו גיין. אין קאַפּעע איז פאָרט פרייליכער און היימליכער ווי אין דער היים...

לוסי האָט ניט געענטפערט. ס'איז איר געוועזען קלאָר אַז פון דעם אַוועקנט הויבט זיך פאַר איר אָן אַ גיהנום'דיגע צייט. אפשר — האָט זי מיט וויי געטראַכט — אפשר איז איר מאַנ'ס צוריק־קער היינט צו אַמאָליגע קרייזען נאָר אַן אָנפאַנג איינצוזמאַנען דעם אַלטען חוב, וואָס זי איז אים שולדיג פון איר פאַרגאַנגענהייט?... און וועט ער אַמאָל ניט אָנהויבען צו לעבען אויף איר רעכענונג?...

דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געשראָקען. איר האָפנונג אויף אַ שטיל, רואיג און פרידליך צוריקגעצויגען לעבען איז צו־שטערט געוואָרען...

רייך געוואָרען

קאַפּלאַן, אַ מאַן פון אַ יאָר עטליכע פופציג, האָט איצט, נאָכדעם ווי עס האָט אים די לעצטע עטליכע יאָר אָפּגעגליקט און ער איז רייך געוואָרען, אויסגעזען פיל בעסער און איינגער ווי ווען ער איז געווען אין די פערציגער.

און ווי האָט ער געקענט דאַן אויסזען גוט? ער איז געווען אָרים, שווער געקעמפט פאַר אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. אָפטמאָל אפילו געהונגערט און ניט געהאַט קיין רענט צו באַצאָלען.

סיידי, קאַפּלאַן'ס פרוי, איז שטענדיג געווען נערוועז פון זאָרג, און קרייענקליך פון דער שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבייט אין הויז. זי האָט אַליין געמוזט וואַשען, רוימען, קאָכען און אויפּפּאַסען אויף די דריי קינדער, וועלכע זיינען נאָך דאַן געווען קליין און איר געמוטשעט מיט זייערע קיינמאָל ניט ערפילטע קינדערישע פאַרלאַנגען.

דאָס קלעטערען יעדעסמאָל אַרויף און אַראָפּ פון'ם פערטען פלאָר האָט איר פאַרקירצט די יאָרען, ממש איינגעבויגען, געמאַכט אַ תל פון איר געזונט.

קאַפּלאַן איז געווען פון די מענשען, וועלכע האָבען פיינט אַרבייט ווי דעם טויט. געזוכט לייכטע פאַרדינסטען. אָפּגעלעגען טעג אין די ריעל עסטייט אָפיסעס, זיך געטומעלט ווענען לאָטס, הייזער, מאָרטגעדזשעס, געבראַכט פון צייט צו צייט אַ קונה און געכאַפּט עטליכע דאָלאַר „קאָמישאַן", מיט וואָס זיין פרוי האָט זיך אָפּגעמוטשעט עטליכע וואָכען. נאָכדעם האָט זי ווידער

באדארפטווארטען לאנג אויף א נס, איר מאן זאל ערגעץ „דער־טאפען" א נייעם קונה.

נאר איינמאל איז אים דורך א גליקליכען צופאל געלונגען צו מאכען א גרעסערען „סייל", פון וועלכען ער האט ארייגעקראגען עטליכע הונדערט דאלאר מיט א מאל. זייט דאן האט זיך דאס מזל צו אים א קער געטאן. ער האט אנגעהויבען צו מאכען גרעסערע סיילס, איינגעשטעלט אן אייגענעם אפיס, אנגעהויבען אליין צו „בילדען", פריער קלענערע, נאכדעם גרעסערע הייזער. עס איז אים אוועק גוט און ער איז אין פארלויף פון עטליכע יאר רייך געווארען.

פארשטייט זיך, אז זיין פאמיליע האט מער גאר ניט געפיילט. קאפלאן האט פאר זיך אויפגעבויט איינע פון די שענסטע וואוי־נונגען מיט אלע נייעסטע באקוועמליכקייטען. די פרוי האט שוין מער גארניט באדארפט טאן, די דינסט און די קעכין האבען שוין פאר איר אלץ געטאן. די קינדער זיינען שוין געוועזען דערוואקסענע. צוויי זין זיינען שוין געגאנגען אין הײ־סקול, און א טאכטער אין קאלעדזש.

איצט האט סיידי שוין געקענט אפרוען זיך, אפנעמען פאר אלע יארען שווערע ארבייט, געניסען פון דעם רייכטום, אבער... פאר איר איז דאס גליק געקומען צו שפעט... זי איז געוועזען צופיל אויסגעמאטערט, פארעלטערט, כאטש אין אמת'ן איז זי געוועזען איינגער פאר איר מאן. אירע האר כמעט גרוי, איר הארץ שוואך, קורץ־אטעמדיג, איר גאנצער אויסזען אזוי נעבעכדיג, אפגעלעבט...

איר מאן אבער האט נאך באוויזען אפצוכאפען דעם אטעם, ווי א פיש ווען מען ווארפט אים אריין צוריק אין וואסער, נאכדעם ווי מען האט אים געהאלטען א לענגערע ווייל אויף דער טרוקעניש...

באקומען די מיטלען, איז ער גלייך אריינגעשוואומען אין רייכען לעבען, דערפילט ווי א נייע הויט וואלט אויף אים ארויף. ער איז מיט א מאל איינגער געווארען אפשר אויף א פאר צענדליג יאר. זיין שטענדיג פארזארגטער פרנסה־זוכענדיגער פנים האט זיך אויסגעלייטערט, זיינע אויגען האבען באקומען דעם גלאנץ.

וועלכע עס באַזיצען געוויינליך מענשען, וועלכע זיינען פאַרזיכערט מיט זייער עקזיסטענץ... זיין גאַנג האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָרען שטאָלצער מיט ביזנעסמעסיגער ווירדע.

ער האָט געטראָגען די בעסטע קליידער פון דער פיינסטער סחורה, גוט און „סטייליש" אויפגענייט. דאָס פּנים גלאַט אָפּגעראַזירט. געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבוירענעם גביר.

דורך זיינע ביזנעס פאַרבינדונגען איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט אַ סך רייכע ריעל עסטייט לייט. געוואָרען זייער געזעלשאַפט־ליבער פריינט, געקומען צו זיי אין הויז, געשפּילט צוזאַמען אין קאָרטען און צוזאַמען אויסגעפאָרען צו געזעלשאַפטליכע פאַרוויילונגען.

קאַפּלאַן איז געווען פאַרוואונדערט פון דער „שיינקייט" פון זייערע פרויען. אַלע אַזעלכע געזונטע, פול־בלוטיגע, מיט קיילעכ־דיגע אויסגעפּאַשעטע קערפּערס... פּנים'לעך קלאָרע, אויסגערוטע, לאַכענדיגע און שפּילעוודיגע. היינט זייער קליידען זיך! עס זינגט פון זייער גאַנג און עס שפּראַצט פון זיי די יוגענט... צו זיין אין זייער געזעלשאַפט איז אַ גרויס גליק און פרייד פאַר אַ מענשען אין זיינע יאָרען... מען פילט גאָר אינגער און אויפגעלעבטער...

און ווען ער האָט זיי פאַרגליכען אין געדאַנק צו זיין פרוי, האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ס'איז גאָר קיין פאַרגלייך ניט. ס'איז אַזאַ אונטערשיד ווי צווישען טאָג און נאַכט.

ווען ער פלעגט קומען אַהיים, איז ער געווען אָנגעלאָדען מיט ביטערקייט, ניט געקענט קוקען זיין פרוי אין פּנים... אַ שטומער, אַן אומצופרידענער האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער'ן הויז ווי ער וואָלט געמאַכט אַ שלעכטען „סייל"...

די פרוי האָט עס אָנגעהויבען צו באַמערקען, איז זי איין מאָל צו אים צוגעגאַנגען און מיט געטריישאַפט געפרעגט: —

— וואָס איז דיר, סעמועל? פילסט ניט גוט?

— כ'פיל אָלרייט! — האָט ער אומגעדולדיג געענטפערט.

— טאָ וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען? — האָט זי געפרעגט פאַרזאָרגט.

— כ'בין ניט צוטראגען, און דול מיר ניט דעם קאפ! — האט ער ארויסגערעדט שטרענג.

זי איז געווען איבעראשט פון זיין שטרענגען ענטפער, און האט אים אנגעקוקט פארוואונדערט: ער האט צו איר אזוי קיין מאל ניט גערעדט. אפילו אין די ערגסטע צייטען, ווען זיין הארץ איז געווען פארביטערט פון ארימקייט און נויט איז ער צו איר געווען גוט און פריינטליך, איר דערצייילט פון אלץ, וואס האט אים דאמאלסט געדריקט. וואס עפעס מיט אמאל אזא אומפריינט־ליכקייט? זי קען עס נישט פארשטיין. עס פארדריסט איר, עס טוט איר וויי, זי פילט זיך געקריינקט און באליידיגט.

ער באמערקט עס און עס נעמט אים ארום א געפיל פון רחמנות צו איר. „נאך אלעמען האט זי דאך ניט פארדינט ער זאל זיך צו איר אזוי באציען" — טראכט ער, און האט אפילו דעם פארלאנג צו איר צוצוגיין, זיך ענטשולדיגען פאר איר פאר דער אומפריינטליכקייט, וואס ער האט איר נאר וואס באוויזען: ער האלט זיך אבער צוריק. א געפיל זאגט אים אונטער, אז פריער אדער שפעטער וועלען ענדערונגען אין זיין לעבען מוזען געמאכט ווערען. ס'איז אים נאך נישט קלאר וואס, ווען, און ווי אזוי, אבער בלייבען אזוי ווי עס איז קען עס ניט און וועט ניט. איז גלייכער, ער זאל דערווייל זיין ווי ער איז... — זאל זי זיך בים־לעכווייז צוגעוואוינען צו דעם געדאנק, אז זייער צוזאמענלעבען איז פאר אים איצט א קנאפע פרייד...

זייער אפט איז קאפלאן איינגעלאדען געווארען פון זיינע רייכע פריינט צו זייערע פארוויילונגען. און יעדער מאל ביי אזא געלעגענהייט איז פאר אים געשטאנען די פראגע, וואס זאל ער טאן מיט איר, מיט זיין פרוי? גיין אליין האט ער נאך דערווייל נישט געקענט פועל'ן ביי זיך. דאס הארץ האט אים פשוט ניט דערלאזען איר אזוי צו באליידיגען, און ווידער האט ניט געפאסט פאר מענשען. אלע האבען דאך געוואוסט, אז ער פירט א פאמיליען־לעבען און האט שוין דערוואקסענע קינדער. און גיין מיט איר איז אים אויסגעקומען אזוי קאמיש. מיט וועמען?... זי

האָט זיך אפילו אַנגעטאָן אין די בעסטע און טייערסטע קליידער, אָבער וואָס האָט עס געהאָלפן, אַז זי אַליין איז געווען איינגע־קנייטשט, איינגעבויגן, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און אַלץ האָט פון איר ווי אַראָפּגעהאָנגען. ׳

ער פלעגט שטיין אָנגעטאָן אין זיין דרעסינג סוט אַ פּאַרדרוי־טעלטער, אַ געזונטער, און עס האָט אים געגרוילט צו קוקן אויף איר שוואַכן צוקרימטן קערפּער. ווען זיי פלעגן זיך אַריינזעצן אין דעם רייכן אָטאָמאָביל, פלעגט זי פאַרלוירן ווערן אין דעם ווייכן אויסגעבעטעטן זיץ. דעם גאַנצן וועג ביז דער הויז וואו די פאַרוויילונג איז געווען פלעגט ער זיצן אַ וויטער, אַן אָפּגעזונדערטער, זעלטן ווען צו איר אויסגערעדט אַ וואָרט, ווי ער וואָלט זיך מיט איר גאָר ניט אָנגעקערט.

נאָך ווייטער און פרעמדער האָט ער זיך מיט איר געפילט קומענדיק אויפ׳ן אָרט. די פּאָר מינוטן פון פאַרשטעלן זיין פרוי איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען קוקט און מען וואונדערט זיך, וואָס פאַר אַ מאָדנע „ליידי" ער האָט פאַר אַ ווייב, און שטילערהייט לאַכט מען אונטער זיינע פּלייצעס.

די גאַנצע צייט וואָס די פאַרוויילונג איז אָנגעגאַנגען, האָט ער זיך געפילט ווי אַ באַגראָבענער. געזען אַרום זיך אַזוי פיל יונגע און היציגע פרויען־געזיכטער, פרייליך־שיינענדיגע און לעבעדיגע, אַז מען קען אויסגיין פון זיסקייט, בלויז פון קוקן אויף זיי, און דאָ זיצט ער מיט איר, זיין קראַנקער הוסטערקע, און קען דעם קאָפּ ניט אויפהויבן.

ווען די פאַרוויילונג איז נאָך אין מיטן ברען, הויבט זי אים שוין אָן בעטן מען זאָל פאָרן אַהיים. זי קען ניט, טענה׳ט זי, אויסהאַלטן פון דעם ריח פון די סיגאַרעטן און דעם טומעל אַרום איר. זי מוז האָבן רו, פרישע לופט.

אודאי, ניט איר דער ריח פון די סיגאַרעטס, וואָס די מענער און פרויען רויכערן, ניט צו קיין געזונט, און די גאַנצע לעבענ־לוסטיגע אַטמאָספערע פון פרויען, וויין און געזאַנג, פאַסט זיך ניט צו איר קראַנקען צושטאַנד, און איז איר דערווידער. אָבער

מער פון אלץ איז איר ענג אין הארצען פון איר מאנ'ס באנעמונג. זי זעט, ווי דאס הארץ גייט אים אוים נאך די אנדערע פרויען. ס'ציט אים צו זיי, ער עסט זיי פשוט מיט די אויגען, און איר באהאלט ער אן א זייט, פארשוויינט איר, קוקט זיך אויף איר ניט אום...

לעצטענס איז שוין אפילו איר מאנ'ס האנדלונג פאר איר קיין נייעס ניט. ער זוכט שוין מער נישט צו באהאלטען, אז ער האט זי פיינט. זי דערקענט אין זיין יעדען בליק, אז זי איז אים אין וועג. ער האט עס איר נאך ניט געזאגט, אבער זי פילט, ווי דער טאג דערנענטערט זיך ווען ער וועט איר עס זאגען... ער וועט זיך אפילו ניט אפשטעלען פאר די דערוואקסענע קינדער וואס זיי האבען. עס איז איר שוין קלאר אז דאס געלט, דאס רייכטום, האט אים געמאכט פאר אן אנדער מענשען, אים א נייע יוגענט געגעבען.

און זי, זי האט אלץ פארלארען; איר יוגענט, איר געזונט, און איצט וועט זי פריער אדער שפעטער אים, איר מאן, מיט וועמען זי האט אזוי פיל יארען געליטען הונגער און נויט, אויך פארלירען.

ס'ווערט איר אזוי שווער, אזוי ביטער ביי דעם געדאנק. טרערען ציטערען אין אירע אויגען און איר גאנצער וועזען בויגט זיך, ציט זיך איין ווי א פענבער, פון וועלכען מען האט ארוים־געצויגען די לופט...

זיי זיינען געפארען צוריק אהיים.

אין אטאמאביל איז געווען טונקעל, און אין דער טונקעלקייט האט זיך קאפלאנ'ס געזיכט געדרויטעלט פון דעם וויין, וואס ער האט געטרונקען. פאר זיינען אויגען האבען נאך געשוועבט די האלב־ענטבלויזטע פרויען־לייבער. וועלכע האבען דעם גאנצען אווענט געטאנצט פאר זיינע אויגען און אים תאוה'דיג צוגליט...

די פרוי איז געזעסען אן איינגעקארטשעטע, א דערשלאגענע, צו אים ניט גערעדט, אים קיין פארווירפע ניט געמאכט, זיך גע־שטיקט מיט איר צער און אין דער שטיל געוויינט...

איר ערשטער ריסאַיטעל

חדשים־לאַנג האָט זיך די מאַדאַם שעכטער געגרייט צו איר פּיאַנאָ־ריסאַיטעל, — אַ זאַך, וועגן וואָס זי האָט נאָך אַלס יונגע מיידעל שטענדיג געחלומ׳ט און האָט נאָך ביז היינט איר אַמביציע נישט דערגרייכט.

מאַדאַם שעכטער האָט זיך אָנגעהייבן לערנען פּיאַנאָ שפּילען ווען זי איז נאָך געווען גאָר אַ יונגע מיידעל. זי האָט דאַן אַרויס־געוויזן גרויסע פעאיגקייטען. די לערער האָבען פון איר טאַלאַנט שטאַרק געהאַלטען און איר פאָראויסגעזאָגט אַ פיינע מוזיקאַ־לישע קאַריערע.

זי האָט פאַרמאָגט אַן אמת׳ן מוזיקאַלישען געפיל, מיט אַ סך חשק צום לערנען, שטודירען, און זי וואָלט אָן ספק אַרויסגעוואַקסען אַ טאַלאַנט, וואָס וואָלט נישט אָפּגענאַרט די נביאות פון אירע לערער און נישט אַנטוישט די עלטערען, וועלכע האָבען אויף איר געלייגט גרויסע האָפענונגען. ווען... ווען זי וואָלט, אַלס אַכצען־יאָריגע מיידעל, נישט פאַרדרייט געוואָרען אין אַ ליבע מיט דעם יונגען סטודענט שעכטער, וואָס האָט שטודירט אויף לויער.

שעכטער, וואָס איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציג, האָט געהאַט נישט וויינִיגער אַמביציע אין זיין לאָיער־שטודיום, ווי זי האָט געהאַט אין איר מוזיק־שטודיום. דער אונטערשייד איז בלויז געווען אין דעם, וואָס ביי איר איז דער ווילען צו דערגריי־כען אַ מוזיקאַלישע קאַריערע געווען פאַרבונדען מיט קונסט, מיט פּאָעזיע, מיט אַ געפיל פון שיינקייט און גייסטיגער דערהויבענקייט, און ביי אים איז עס געווען נישט מער ווי אַ מיטעל צום ציל. זיין גאַנצער שטודיום איז ביי אים געווען נישט מער ווי אַ קאַריעריש־אויסגערעכענטער: ער וועט זיין אַ לויער, פאַרזאָרגט מיט אַ קאַריערע, וואָס וועט אים אַריינברייינגען כבוד, פּרעסטיזש און געלט.

זי איז דאַמאָלסט געווען צו־יונג און פאַרליבט, צופיל פאַרטאָן אין איר שטודיום, זי זאָל באַמערקען זיין גייסטיגע שמאָלקייט, דעם אויסגערעכענטען ביזנעסמאַן, וואָס וועט קיינמאָל נישט וויסען, ווי אָפּצושעצען אירע גייסטיגע מעלות, איר שיינעם, פּאָעטיש־מוזיקאַלישען געפיל. עס האָט אין איר יענע צייט אַרומ־געזונגען די פרייד פון דער ליבעס־ליד, פון דער ערשטער ליבע, וואָס ווייסט נישט פון קיין פאַלשע טענער...

צוליב דעם, וואָס זי האָט אים געדאַרפט אַרויסהעלפען מיט געלט, האָט זי איר אייגענעם שטודיום געמוזט איבערברעכען. זי האָט אָנגעהויבען צו געבען פיאַנאָ־לעסאָנס און מיט איר פאַרדינסט אים געהאָלפען אָנגיין מיט זיין לאָיער־שטודיום.

ווען ער האָט געענדיגט אויף לאָיער, איז זי שוין געווען ווייט אַוועק פון איר מוזיקאַלישער קאַריערע. עס איז שוין ביי איר נישט געווען מער קיין פראַגע צו דערגרייכען אַ העכערע קונסט־שטופע: איר מח איז געווען פאַרנומען מיט פאַרזיכערען זיין און איר עקזיסטענץ. איר געליבטער זאָל אַלס אויסגעשטודירטער לויער זיך אַרויפאַרבייטען אויף אַ פּראַקטיקע, פון וואָס זיי וועלען ביידע קענען מאַכען אַ לעבען.

צום „גליק" האָט נישט פּאַסירט דאָס, וואָס עס פּאַסירט אַזוי אָפט ביי פילע פון אַזעלכע „געענדיגטע", וועלכע לאָזען איבער דאָס מיידעל, וואָס האָט זיי געהאָלפען קומען צו זייער ציל. ער האָט דוקא מיט איר חתונה געהאַט, און זי איז מיט מזל געוואָרען מאַדאַם שעכטער.

* * *

יאָרען זיינען אַוועק. מאַדאַם שעכטער איז שוין איצט געווען אַ מוטער פון דריי קינדער, און איר מאַן, אַן ערפאָלגרייכער לאָיער מיט אַ גרויסע פּראַקטיקע, אַן אָנגעזעענער מענש אין געזעלשאַפט־ליכען לעבען, איז כסדר געווען פאַרנומען מיט כלל־אַרבייט און זעלטען־ווען זיך געפונען אין דער היים מיט זיין פרוי און קינדער.

ווען די קינדער, צוויי אינגלאַך, צוועלף און פופצען יאָר, און אַ מיידעל, זעכצען יאָר אַלט, פלעגען אַוועקגיין ווער אין קאָלעדזש, ווער אין סקול, און זי, די מוטער, פלעגט בלייבען אַליין, האָט זי

זיך אפטמאל אנגעהויבען צו פארטראכטען וועגען זיך אליין... יארען לאנג האט זי וועגען זיך נישט געטראכט. געווען פארנומען מיט'ן הארעווען די קינדער און פארזארגען די הויז. נישט אזוי גיך האט זיך איר מאן אזוי פיין ארויפגעארבייט. דאס האט זי מיט איר הילף, מיט אירע יארען שווערער ארבייט אים געהאלפען זיך איינארדענען אן אפיס און ווערען דאס, וואס ער איז איצט, דער בארימטער, ערפאלגרייכער אדוואקאט שעכטער.

און זי? וואס איז זי איצט? א ווייב און א מאמע, ווי אלע געוויינליכע ווייבער און מאמעס. קוקען טאקע די קינדער אויפ'ן טאטען, דעם בארימטען לאיער, מיט גרויס רעספעקט, און צו איר האבען זיי דעם געוויינליכען געפיל און ליבע, ווי צו א מאמען.

און ער, דער לאיער אליין, ווי דינט ער איר איצט אפ? ער האט שוין פארגעסען, אז זי האט פאר אים מקריב געווען איר טאלאנט, איר מוזיקאלישע קאריערע. זי וואלט אפשר איצט אויך געקענט זיין אזוי, און אפשר נאך מער בארימט אויף איר געביט, ווי ער איז אויף זיינעם. מיט וואס פאר א ביטול און גרינג־שעצונג ער קוקט עס אויף איר. ווען זי גייט אמאל צו צו דער פיאנא און הויבט עפעס אן צו שפילען, צוגיסט זיך א חוזק־שמייכעלע איבער זיין צופרידענעם פנים, ווי ער וואלט זאגען: „וואס מאכסטו זיך נאריש, עס וועט שוין פון דיר קיין פאדערעווסקי נישט זיין!"

א, ווי דאס קרענקט איר און באליידיגט איר...

* * *

מאדאם שעכטער האט באקומען א שטארקען חשק און דראנג מיט אלע כחות זיך צוריק א־נעם־צו־טאן צו דער פיאנא, באווייזען איר מאן, דעם „גרויסען מענשען", אז עס איז נאך נישט אלץ פארלארען, אז קיין פאדערעווסקי קען זי טאקע שוין נישט ווערען, אבער זיך ארויסהויבען פון דער געוויינליכקייט קען זי יא. זי איז נאך פארהעלטניסמעסיג יונג, קיין קליינע קינדער האט זי שוין נישט, עקאנאמיש איז זי פארזארגט, און אויסצופילען איר צייט האט זי סיי־ווי־סיי נישט מיט וואס. דער לאיער איז כסדר פארנומען מיט קליענטען און געזעלשאפטליכער ארבייט.

עס איז איר אומעטיג, און מיט וואָס קען זי נאָך בעסער פאַר־טרייבען איר אומעט, ווי מיט פאַרנעמען זיך צוריק מיט דער פיאַנאָ אויף דעם אַמאָליגען שטייגער?

האָט זי זיך צוגעכאַפּט צו דער פיאַנאָ מיט איר גאַנצען ווזען און נשמה, מיט איר לאַנג־יאָריגער בענקשאַפט און ליבע נאָך עפּעס טייערס און ליבס, וואָס זי האָט אין דער פריער יוגענט פאַרלאָרען.

זי האָט געדונגען אַ באַרימטען פיאַנאָ־לערער, און ווען איר מאַן און קינדער זיינען נישט געווען אין הויז, האָט זי אַ סך „געפּראַקטיסט". איר גרויסע אַמביציע איז געוואָרען צו מאַכען ווען עס איז איר מאַן און קינדער אַ „סורפּרייז", אויפטרעטענדיג אויף אַ „ריסאַיטעל" און זאָלען זיי זען, אַז זי איז נישט נאָר אַ פרוי און מוטער, אַז עס האָבען געגליט און עס גליען נאָך ביז היינט אין איר קינסטלערישע פונקען, וועלכע די אומשטענדען האָבען אויף אַ צייט פאַרדושעט. אָבער מער ווערט זי אַט דעם אויפגעגליטען פייער אין איר נישט לאָזען אויסלעשען...

* * *

היינט איז ביי איר געווען דער גליקליכסטער טאָג אין איר לעבען. היינט אווענט האָט געדאַרפט זיין איר ערשטער ריסאַיטעל. צו וואָס זי האָט אַ האַלב לעבען געשטרעבט. זי האָט לאַנג און שווער פאַר אַט דער אַרויסטרעטונג אויף דער קאָנצערט־בינע געאַרבייט, געווען גוט צוגעגרייט, און געהאָפט אויף אַן ערפאָלג.

דורך דער צייט, וואָס זי האָט זיך געגרייט צום ריסאַיטעל, איז פאַר די קינדער זייער מאַמע'ס שפּילען שוין געווען אַ „סור־פּרייז". זיי האָבען גאַרניט געוואוסט, אַז זייער מוטער קען אַזוי גוט שפּילען אויף דער פּיאַנאָ. פון צייט צו צייט פלעגט זי פאַר זיי, אַלס קליינע קינדער, יאָ אַמאָל שפּילען, עס איז אָבער געווען אַ שפּילען בלויז זיי צו אַמוזירען, אָדער איינצושטילען זייער קינדערשען קריג. ווען זיי זיינען עלטער געוואָרען, האָט די מאַמע זייער ווייניג געשפּילט.

דאָס, וואָס זיי הערען איצטער, איז גאָר אַן אַנדער סאָרט שפּילען, אַזוי שפּילען דאַרף מען דאָך טאַקע קענען. און זיי

האבען מיט אמאל אנגעהויבען צו קוקען אויף דער מאמען מיט אנדערע אויגען, זי אנגעהויבען ליב צו האבען און זיך דערנעענטערען צו איר נישט אויף דעם געוויינליכען קינדערישען אופן.

דער לאיער האט עס באמערקט, און די נייע קינדערישע באציאונג צו זייער מוטער איז אים גארנישט געווען צום הארצען... ער האט געוואלט בלייבען דער איינציגער, וועמען די קינדער זאלען ליבען און אכטען און קוקען אויף אים מיט רעספעקט און ווירדע.

האט ער מיט זיין געוויינליכען חוזק־שמייכעלע געפרואווט צונישט מאכען איר שפילען און גרייטען זיך צום ריסאיטעל, און אין הארצען שטילערהייט זיך געשראקען פאר איר ערפאלג. ווי זיין גאנצע גרויסקייט אלס אדוואקאט און געזעלשאפטליכער טוער וואלט געהאנגען אויף איר קליינקייט און ערנידערונג, און אזוי שנעל ווי זי וועט דערהויבען ווערען, וועט ער ארונטערפאלען...

* * *

דער בארימטער קאנצערט־האל איז געווען געפאקט מיט פריינט און ליבהאבער פון מוזיק. עס האט זיך געפילט א יום־טוב'דיגע שטימונג. סיי אויף דער בינע, סיי ביים פובליקום. מיט אומגעדולד האט דער עולם געווארט אויף איר ערשטען ארויסטריט.

די קינדער מיט זייער פאטער, לאיער שעכטער, זיינען געזעסען יום־טוב'דיג פארפוצט אין דער ערשטער רייע, — די קינדער מיט גליקליך־שמייכלענדיגע פנים'ער, מיט אויגען פול מיט ליבע און געבעט פאר דער מוטער'ס ערפאלג: דער מאן — ערנסט, מיט א שטילען, טיף־באהאלטענעם וואונש פאר איר דורכפאל.

אין האל איז געווארען טונקעל. מאדאם שעכטער איז ארויסגעקומען אויף דער בינע פארפוצט אין איר שענסטען קלייד. זי האט אויסגעוויזען יונג און שיין, ווי די גרויסע באגייסטערונג פאר דער זאך, וואס איז איר ליב און טייער, וואלט פון איר ארונטערגענומען א סך יארען און איר געמאכט אויסזען אינגער און שענער.

זי איז געווען אביסעל נערוועז, אבער עס איז געווען צו באמערקען אין איר שטאלצען גאנג, אז זי איז מיט זיך זיכער,

אז זי איז פעסט אנטשלאסען צו מאכען דעם , א י ה ר , אוועגט פאר אן ערפאלג.

זי האט זיך אוועקגעזעצט ביי דער פיאנא און אנגעהויבען שפילען. אירע פינגער זיינען מיט פלינקער טאלאנטפולער גע־שיקטקייט ארומגעשפרונגען איבער די ווייסע און שווארצע ביינדלאך, וועלכע האבען זיך שנעל אונטערגעגעבען איר גרויסען און שטארקען ווילען, איר הויכען, פאעטישען שוואונג... דער עולם איז געזעסען און געגאפט, הינגעריסען געווארען מיט דעם קלאנג פון אירע טענער...

נאר אט האט דער „אומגליק" א קער געטאן איר בליק צו דער ערשטער רייע, ווי זי וואלט זיך געוואלט איבערצייגען, וואס פאר אן איינדרוק איר שפילען מאכט אויפ'ן פובליקום. איר בליק האט זיך מיט אמאל באגעגענט מיט איר מאנ'ס גוט־באקאנטען חוזק־שמייכעלע, און זי האט זיך אינגאנצען פארלארען. אירע פינגער האבען זיך מיט אמאל אנגעהויבען צו פלאנטערען. איר קערפער צו ציטערען. זי האט קוים דערענדיגט דעם נומער.

די ענדערונג איז געקומען אזוי אומערווארטעט, אז דער עולם איז געבליבען זיצען ווי געפלעפט. ווען זי האט געענדיגט און זי האט מיט שוואכע טריט, קוים זעענדיג די וועלט פאר זיך, גענומען אפגיין פון דער בינע, זיינען די הענט ביים פובליקום געבליבען ליגען ווי פארגליווערט אויף זייערע ערטער...

ליבע און גליק

דעם טאָג איז צווישען דאָס יונגע פּאָר'ל פאָרגעקומען איינע פון די ניט פאָרויסגעזעענע פאַמיליען שטרייטיקייטען, וואָס האָט ארויסגערופען שארפע ווערטער און באמערקונגען פוןביידע זייטען. דער טאָן איז געווען אַ קריגערישער, אַ פאַרביטערטער. די בליקען בייזע און פאַרביסענע...

ביידע זיינען זיי געווען אין אַן אויסערגעוויינליך אויפגע־רעגטע שטימונג, וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז זיי זאָלען פילען דערוויטערט, אויסמיידען איינער די אַנדערע...

אַזוי זיינען נאָכדעם אַוועק טעג און נעכט. ס'איז געווען שווער ביידען. שווער צו זיין צוזאַמען אין הויז, און נאָך שווערער ניט צו זיין צוזאַמען. ביידע זיינען ניט געווען ענטשלאָסען איינע פון די אַנדערע אַוועקצוגיין, ווייל ביידע האָבען געפילט, אַז ניט צוליב אַזאַ געשעעניש צוגייט מען זיך. אין פאַמילען־לעבען, האָבען זיי געוואוסט, טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען. ס'טוט טאַקע וויי, ס'איז אָבער נאָך גאַנץ ווייט פון יענער איינגעֿ־עקשנ'טער שנאה, וואָס זאָל באַרעכטיגען צו מאַכען אַ שריט, וואָס זאָל אַפּטיילען זייערע ביידע לעבענס אויף שטענדיג.

אין איינעם פון אָט די אָווענטען ווען קלאַראַ (ווי מען האָט דער יונגער פרוי גערופען) איז אַזוי געגאַנגען איבער'ן גאַס אַ פאַרטראַכטע, מיט אַ פאַרקלעמטען געפיל, איז איר פּלוצלונג אַנטקעגען געקומען העלער.

העלער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָט זי אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט. זי אים אָבער — ניט. יאָרען־לאַנג איז ער איר נאָכגעגאַנגען מיט דער האָפנונג איר אַמאָל נאָך צו געווינען. ווען ער האָט אָבער דערהערט, אַז זי האָט פּלוצלונג חתונה געהאַט, האָט ער זיך מער ניט באַוויזען.

אזוי זיינען אוועק עטליכע יאָר.

קלאַרא האָט אים שוין כמעט באַלד פאַרגעסען. זי איז געווען איבעראַשט אים פּלוצלונג צו טרעפען.

ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, זי האָט אים איצט געקן אָפּגעענטפערט מיט אַ שטאַרקען האַנט-דריק.

העלער׳ן האָט עס געוואונדערט. זייט ער קען זי האָט זי אים נאָך אזוי ווארים ניט באַגעגענט.

„עפּעס איז מיט איר ניט גלאַט", איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלען.

— פאַרוואָס עפּעס אַליין? — האָט ער געפרואווט אַ פאַרשט טאָן — און וואו איז אייער מאַן?

— ער איז היינטיגען אָוועגט באַשעפטיגט. ס׳איז אַ שיינער אָוועגט, בין איך אַרוים אביסעל אויף אַ שפּאַציר.

— מעג איך אייך באַגלייטען? — האָט ער געפרעגט.

— אויב איר ווילט, פאַרוואָס ניט? — האָט זי געענטפערט מיט אַ ניט-זיכערען טאָן.

זיי זיינען געגאַנגען שטיל.

אין זיינע טריט האָט זיך געפילט די ניט-זיכערקייט פון איינעם וועמען עס איז שוין באַוואוסט, וואָס פאַר אַ גלייכגילטיגע באַציאונג עס האָט צו אים די צווייטע פּערזאָן, אָבער וועלכער האָפט גלייכצייטיג, אַז אפשר האָט די צייט די גלייכגילטיגע באַציאונג צוליב אירגענד וועלכע אורזאַכע געענדערט.

זי האָט פון צייט צו צייט אויף אים געוואָרפען אַ זייטיגען אומבאַמערקבאַרען בליק, פּרובירט זוכען די אורזאַכע פאַרוואָס זי האָט אים דאַמאָלט אזוי ניט ליב געהאַט. ער איז דאָך ניט קיין מיאוס׳ער יונגערמאַן, און ער האָט זי דאָך אזוי ליב געהאַט. — האָט זי געטראַכט.

זיי זיינען אריין אין פּאַרק.

שטילקייט און טונקעלקייט האָט זיי באַגעגענט. פון ווייטען האָט זיך געשפּיגעלט דאָס טונקעלע וואַסער פון׳ם ברייטען „לעיק". אויף וועלכען עס זיינען אַרומגעשוואומען צענדליגער שיפלאַך מיט פּאָרלאַך, צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע.

פון צייט צו צייט האָט זיך איבער'ן לעיק צוטראָגנען אַ געזאַנג פון איינגעלשע און מיידעלשע שטימען, ביי וועמען די הערצער זיינען שוין געווען איבערפילט און געזוכט אין עפּעס אויסצודריקען זייערע געפילען.

טענער פון אַן האַרמאָניקע האָבען שטיל און פאַרבענקט נאָכגעציטערט צום טאַקט פון די שטימען, און די וויאָסלעס האָבען איבער'ן וואַסער אויסגעזונגען דעם סוד פון דער אינגעלשער און מיידעלשער בענקשאַפט...

העלער'ן האָט פאַרקלעמט ביים האַרצען...

„פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט זי מיט אים ניט חתונה געהאַט? — האָט ער געטראַכט — פאַרוואָס איז איצט די, וועלכע ער האָט אַזוי געליבט, אַן אַנדערן'ס פרוי? פאַרוואָס איז זי ניט געוואָרען זיינע, זיינע?"

„נייע פויגעל — נייע לידער, — האָט זי געטראַכט. — ווי לאַנג איז דען, אַז זי איז געווען איינע פון די, וועלכע זיצען דאָרט אין די שיפלאַך מיט יונגע לייט, געטרוימט מיידעלשע חלומות, געזונגען לידער, פאַנטאַזירט וועגען ליבע און גליק.

"ליבע און גליק. איז דען דאָ אַזעלכעס? אַמאָל האָט איך געדאַכט, אַז דאָס העכסטע פון אַ מיידעל'ס חלומות וועגען ליבע און גליק, איז די הייראַט. נו, איז זי שוין פאַרהייראַט פיר יאָר, און אויב עס איז אין אָנהויב געווען ענליך צו דעם וואָס מען רופט „ליבע און גליק", איז דען דאָס איצט אויך אַזוי?

"געוויס, — ענטפערט זי זיך אַליין — געוויס איז אין פאַר־הייראַטען לעבען דאָ אַזעלכעס צייטענווייז. אָבער וואָס איז דאָס וואָס עס פּאַסירט אַזוי אָפט צווישען איר מיט איר מאַן?

„ און ווי קען מען אָנרופען דעם לעצטען ברוגז זייערען?"...

דערמאָנענדיג זיך אָן דעם לעצטען ברוגז, האָט זי דערפילט, ווי עפּעס האָט אין איר אַ ברי געטאָן...

„ער איז אַ בייזער, אַ שלעכטער, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — ס'איז זיין שולד. ער איז דאָס דער וואָס ברייננגט אַריין צוריסענקייט אין זייער לעבען.

„הלואי וואָלט זי בעסער מיט אים ניט חתונה געהאַט.

„מעגליך, אַז זי האָט אפשר געמאַכט אַ טעות, וואָס זי האָט ניט חתונה געהאַט מיט העלער'ן"...

זי האָט געוואָרפען אויף העלער'ן אַ רחמנות'דיגען בליק.

העלער האָט, ווי דערפילענדיג אויף זיך איר בליק, פלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— איז ווי גייט עס אייך? זייט איר כאָטש גליקליך?

— גליקליך? ס'וועגדט זיך וואָס מען פאַרשטייט אונטער'ן וואָרט גליק.

— איך מיין, ווען אַ מענש לאָזט איבער איין זאַך און נעמט דאָס צווייטע, באַדאַרף דאָס צווייטע האָבען אַ הויכען ווערט.

— זאַכען האָבען אויף אַזוי פיל אַ ווערט, אויף וויפיל זיי פאַראינטערעסירען אונז דאַמאָלסט ווען מיר האָבען פאַר דעם אַ פאַרלאַנג. הערט אויף דער פאַרלאַנג, פאַלט דער ווערט פון דער זאַך.

— אויב אַזוי, מעג איך געוויסענהאַפט זאָגען, אַז כאָטש עס זיינען שוין אַוועק יאָרען איז מיין פאַרלאַנג פאַר אייך נאָך אַלץ אַ שטאַרקער, וואָס דאָס מיינט, אַז אייער ווערט אין מיינע אויגען וואַקסט נאָך אַלץ...

זי איז ניט בייז געוואָרען דערפאַר וואָס ער רעדט צו איר אַזעלכעס. זי האָט געשוויגען און גאַרנישט געענטפערט.

— אָבער צו וואָס ריידען פאַרשטעלט — האָט ער מיט אַמאָל באַקומען מוט, ווען ער האָט דערזען, אַז זי שווייגט. — איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אייך נאָך איצט אויך ליב... אפשר נאָך שטאַרקער...

זי האָט ניט פראָטעסטירט, וואָס ער, וויסענדיג אַז זי איז שוין אַ פאַרהייראַטע פרוי, ערלויבט זיך איר ווידער אַמאָל צו ערקלערען זיך אין ליבע. פאַרקערט, עס האָט איר הנאה געטאָן צו הערען פון אים אַזעלכע ווערטער, עס איז איר געווען גוט צו הערען, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ מענש, וואָס ליבט איר נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק. „זאָל ער וויסען, אָט דער, דער מאַן אירער, — האָט זי געטראַכט, — אַז ס'איז נאָך דאָ איינער ביי וועמען זי איז נאָך אַלץ טייער, און וואָס וואָלט נאָך אפילו היינט מיט איר חתונה געהאַט".

זי האָט געפּילט, אַז וואָס מער גוטע ווערטער העלער זאָגט איר, אַלץ מער ערוועקט זיך אין איר אַ געפיל פון פּראָטעסט און נקמה צו איר מאַן, ווען ווענן זי האָט איצט, אונטער'ן איינ־דרוק פון ברוגז'ער אָפּגעזונדערטקייט, ניט געקענט זיך דערמאָנען איין גוטען שטריך, וואָס זאָל אַרויסרופען איר פאַרגעבונג און מיט־געפיל פאַר איר מאַן.

און ווען העלער האָט געזען אַז זי שווייגט, האָט ער אָנגענומען איר האַנט, זי צוגעלייגט צו זיין האַרצען, און אויסגערופען מיט אַ שטימע וואָס האָט געקלונגען ווײ־מוטיג און ליידענד:

— גאָט מיינער, פאַרוואָס האָט די האַנט מיך אָפּגעשטופּט פון זיך? מיר האָבען דאָך געקענט גליקליך זיין...

זי האָט די האַנט ניט צוגעכאַפּט.

ס'איז געוואָרען שפּעט.

איבער'ן וואַסער, אַנטקעגען דער באַנק אויף וועלכער זיי זיינען געזעסען, האָט זיך דערהערט אַ הייזעריגער פייפען: דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די שיפלאַך מוזען זיך צוריק אומקערען צו זייערע פּלעצער, ווייל ס'איז שוין שפּעט.

לאַנגזאַם, איינע נאָך די אַנדערע, האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען די שיפלאַך מיט די רויטע לעמפּלאַך. די יונגע שטימען האָבען זיך מער ניט געהערט. די האַרמאָניקע האָט פון ערגעץ נאָך אַרויסגעלאָזט די לעצטע קלאַנגען...

דאָס וואַסער איז געווען אויסגעליידיגט פון שיפלאַך, און שטיל אין דער טונקעלהייט פאַרבאָרגען אין זיך די סודות, וואָס עס האָבען איבערגעלאָזען אָט די אַלע וועלכע זיינען איצט ניט לאַנג דאָ געשוואומען...

קלאַראַ האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון איר אָרט.

— וואָס איילט איר? — האָט העלער זי געפרעגט.

— ס'איז שפּעט, ס'איז צייט צו גיין, — האָט קלאַראַ נעענטפערט פאַרטראַכט.

— וואַרט, נאָך איין מינוט! — האָט העלער זי געבעטען — איך וויל אייך עפּעס פרעגען.

— פרעגט! — האָט קלאַראַ געענטפערט שנעל.

— קען איך אייך נאָך אַמאָל זען?
קלאַרא האָט אַ ווײַלע נאָכגעדענקט און געענטפערט:
— יאָ!
— ווען?
— מאָרגען!

* * *

אַרײַנקומענדיק אין הויז, האָט קלאַרא געטראָפן איר מאַן זיצענדיק אַ פאַרטראַכטער. מיט טיפע און שמערצליכע בליקן האָט ער געקוקט צום טיר, וואו ער האָט ערוואַרטעט זי זאָל אָנקומען.

זי האָט זיך ניט ווײַסענדיק געמאַכט, זיך געהאַלטן ווי זי באַמערקט אים ניט. אַ פאָר מאָל האָט זי זיך אַ זײַטיגן דריי געטאָן איבער'ן הויז, און איז פאַרשוואונדן צו זיך אין צימער.

דער מאַן איז איר שנעל נאָכגעגאַנגען.

זיי זײַנען אַ ווײַלע שטיין געבליבן איינע אַנטקעגן די אַנדערע ווי שטומע... באַלד אָבער האָט ער זיך אָפּגערופן:

— הער, קלאַרא, עס קען מער אַזוי ניט גיין. ווי לאַנג אַ שטײַגער, קען אָנהאַלטן אַט אַזאַ אַרט לעבן? ס'ווערט אומ־מעגליך דאָ צו זײַן.

— איז וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? — האָט זי בייז אַרויסגערעדט.

— איך וויל זיך מיט דיר דורכריידן מענשליך און פרײַנטליך. וואָס, נאָך אַלעמען, האָט דאָ צווישן אונז אַזעלכעס פּאַסירט, וואָס האָט אונז אַ ריס געטאָן איינע פון די אַנדערע? אויב עס איז טאַקע געשען עפּעס אַזעלכעס אויסערגעוויינליכעס, פון וואָס דער ריס קען ווערן אַלע מאָל גרעסער, דאַן איז דאָך אומזיסט וואָס מיר זײַנען צוזאַמען אונטער איין דאַך. אויב ניט אַזוי, טאָ צו וואָס־זשע אַזאַ דערווײַטערונג, אַזאַ פאַרביסענקייט איינע געגען די אַנדערע?

— פריער ברענגסטו דערצו, און איצטער פרעגסטו.

— צי איך האָב צו דעם געבראַכט, איז נאָך אַ פראַגע. אָבער ניט באַשולדיגן וויל איך איצט, אָדער די שולד פון זיך אַרונ־טערצונעמען. איך וויל בלויז זײַן אויפריכטיג, קומען צו אַ שלום, אַזוי אָדער אַזוי. קלוגע מענשען דאַרפן קענען צווישן זיך

דורכקומען, זיך אויסגלייכען. די פראַגע איז דאַ איצטער, אַלזאָ, פון קומען צו אַ פאַרשטענדעניש...

* * *

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, נאָכדעם ווי דאָס פּאָר'ל האָט זיך גוט דורכגערעדט און ביידע האָבען אַרויסגעשליידערט די פּאָר־וואורפען און אויסריידענישען און אַנגעקליבענע ביטערניש, וואָס מען האָט געפילט איינע געגען די אַנדערע, האָט די הויז זיך גענומען אויסלייטערען פון דער שווערער לופט, מיט וועלכע ס'איז געווען אָנגעפילט, ווי נאָך אַ שווערען רעגענדיגען טאָג, ווען עס באַווייזט זיך מיט אַמאָל די זון...

מאַן און פרוי האָבען ווידער אַמאָל צווישען זיך האַרציג גערעדט און פריינטליך איינע די אַנדערע זיך אָנגעקוקט... ווידער אַמאָל געפילט ווי אין די זיסע האָניג־חדשים, נאָך וועלכע פּאָר־בענקטע הערצער בענקען אַזוי שטאַרק, און וואָס מען רופט „ליבע און גליק".

אויף מאָרגען האָט קלאַרא לאַנג געטראַכט צי זאָל זי האַלטען דעם „אַפּאָינטמענט" מיט העלער'ן. זי האָט אַזוי קיין חשק ניט געהאַט צו גיין.

זי האָט אָבער באַשלאָסען, אַז אויס אַכטונג צו יענעמס ליבע, וואָס ער פילט צו איר, דאַרף זי יאָ אים זען.

זי האָט זיך מיט אים געטראָפען. אָבער שוין באַלד ביי דעם ערשטען בליק האָט העלער דערקענט אַז זי איז אַן אַנדערע, ניט דיזעלבע ווי נעכטען.

און ווען ער האָט איר איינגעלאַדען אויף אַ שפּאַציר, האָט זי קאַלט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב היינט קיין צייט ניט. מיין מאַן איז אין דערהיים, און איך קען אים ניט לאָזען אַליין.

און ווען ער האָט אָנגענומען איר האַנט, האָט זי שנעל די האַנט אַרויסגעצויגען און זיך ענטשולדיגט, אַז זי קען מיט אים לענגער ניט פאַרבלייבען. זי האָט אַ זאָג געטאָן „אַ גוטע נאַכט" און איז פאַרשוואונדען.

העלער איז געבליבען שטיין פאַרוואונדערט און צוטראָגען...

בלאָנדזשענדיגע

בר כוכבא

ס'איז געווען מיטאָגצייט.

דער טאָג איז געווען אַ האַלבזומערדיגער, איינער פון די טעג, וואָס איז ניט זומער ניט ווינטער; ווען די זון וויל זיך סתם אַ שפּיל טאָן, און עס ווערט וואַרעם און ליכטיג.

אין פּאַרק, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אַ שאָפּ־געגענט, האָבן זיך פאַרקליבן אַרבייטער, וועלכע האָבן זיך גע־איילט אָפּצועסן זייער אָרעמען מיטאָג, אום זיי זאָלן זיך קענען צוזעצן און איינזאַפּן אַ ביסעל פרישע לופט, אָנעמען כח פאַר'ן צווייטען האַלבען טאָג אַרבייט.

פאַרבייגייענדיג דורכ'ן פּאַרק, האָב איך זיך אַ ווײַלע צוגע־זעצט אויף איינער פון די בענק, און מיט צופרידענהייט געלאָזט די זונשטראַלען גלעטען מיין פּנים — דער קלאָרער הימעל און די דורכזיכטיגע וואָלקענדלעך, וואָס מען באַמערקט אַזוי זעלטען אין דער גרויסער שטאָט, האָט אין מיר אַרויסגערופען אַזוי פיל ליכטיגע עראינערונגען, אַזוי פיל היימישע וואַרעמקייט און פרייד.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ שטילען ברומען פון אַ ניגון, אַ באַקאַנטען ניגון, אַ ניגון, וואָס האָט זיך אין מיר איינגעקריצט נאָך פון די אינגעלשע יאָרען, — אַ סך, אַ סך ניגונים האָב איך שוין זינט דאַן געהערט, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען גלייך פאַרשוואונדען געוואָרען פון מיין זכרון. דעם ניגון אָבער קען איך ניט פאַרגעסען, — דעם ניגון פון „בר כוכבא"...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. נאָענט ביי מיין זייט איז געזעסען דער, וואָס האָט שטילערהייט געברומט דעם „בר כוכבא" ניגון. אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט, אַ ווײַלע האָבען מיר זיך אָנגעקוקט און מיר האָבען זיך דערקענט.

— „בר כוכבא"! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסען איבעראַשט.

— „פּאַפּוס"! — האָט ער צוריקגערופען פאַרוואונדערט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָבען מיר ביידע, איבעראַשט פון אונזער

פלוצלונגען צוזאמענטרעפען זיך, ניט געקענט אויסריידען א ווארט. מיר האבען זיך געהאלטען ביי די הענט און געשוויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז א געשיכטע פון די היימישע אינגעלשע יארען :

אין אונזער שטעטעל, ווי אין אלע קליינע אידישע שטעטלאך אין דער אלטער היים, האט זיך ניט געפונען א פלאץ, וואו מען זאל זיך קענען ארייינכאפען דורך דעם לאנגען ווינטער צו פאר־טרייבען די לאנגווייליגקייט פון קליינשטעטעלדיגען לעבען. דער אלטער דור האט געפונען פלאץ פאר זיין גייסטיגען אפרו אין בית־המדרש. דער יונגער דור אבער האט ניט געהאט קיין שום פאר־ווײלונג: ניט געווען קיין טעאטער, קיין קינא, ווי אין די גרויסע שטעט. און ס'איז געווען אומעטיג...

בלויז איין מאל, פאר פורים, פלעגט אין שטעטעל ווערען לעבעדיג. חברה פלעגען זיך פארשטעלען פאר פורים־שפילער און ארומלויפען איבער די הייזער, איבער די גאסען; און אמאל אויך געבען א פארשטעלונג ערגעץ אין א ליידיגען שטאל. אמת, זייער נים קיין פאסיגער פלאץ פאר „אקטיארען", אבער פארט א „טע־אטער־פארשטעלונג"...

איינמאל אינמיטען ווינטער, איז פון דער גרויסער שטאט אראפגעקומען ביינוש, א יונגערמאן א בעל־מלאכה, וואס האט יארענלאנג געארבייט אין די גרויסע שטעט און האט זיך שוין גענוג אנגעזען און אנגעהערט, געהאט ניט קיין שלעכטע שטימע צום זינגען און א גוטען קאפ, וואס האט שנעל איבערגענומען וואס מען באדארף.

ביינוש איז ניט געווען סתם א בעל־מלאכה (א קאמאשען־שטעפער), נאר א מענש מיט דראמאטישע אמביציעס, א גלוי־ביגער: געגלויבט אין די כחות פון זיין אייגענעם טאלאנט, און אויך געגלויבט, אז צווישען זיינע ברידער ארבייטער געפינען זיך גענוג באהאלטענע כחות מיט אמת'ען איינגעבוירענעם טאלאנט: מען דארף נאר דעם טאלאנט אין זיי אויפוועקען...

דאס שטעטעל האט זיך דאן זייער שטארק גענייטיגט אין געלט פאר אירע אינסטיטוציעס: פאר'ן הקדש, בקור־חולים, קא־מיטעט און אלע אנדערע אנשטאלטען. מען האט געזוכט מיטלען

ווי דאָס געלט צו שאַפֿן. אויף אַסיפֿות און פֿאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען צוליב דעם צוועק אָפּגעהאַלטן געוואָרן, האָט מען פֿאַר־געשלאָגן פֿאַרשיידענע פּלענער, אָבער פֿון די פּלענער האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן.

דאַן איז געקומען ביינוש מיט אַ פּלאַן, אַז ער וועט אויפֿפֿירן אַן אמת'ע טעאַטער־שטיק, צו וועלכער דער עולם וועט לויפֿן אויף'ן וואונדער און ס'וועט אריינשטראָמען געלט פֿון אַלע זייטן.

די בעלי־בתים פֿון שטעטל האָבן אפֿילו פֿון זיין פּלאַן ניט געוואָלט הערן, מאַלע וואָס אַ יונגענמאַן אַ בעל־מלאכה ווילט זיך ווערן אַן „אַקטיאָרשטשיק" טאַקע אויף אַן אמת; מאַכן חוזק פֿון זיך און פֿון שטעטל. אַזאַ ניט־פּורימדיגע שפּיל קען זיך דאָס שטעטל ניט פֿאַרגינען...

ביינוש האָט זיך געפֿילט שטאַרק געקריינקט און באַליידיגט. ער איז אָבער ניט געווען פֿון די יונגעלייט, וועמען מען קען אָראָפּשלאָגן פֿון מוט. אים, דעם גרויסשטאָטיגן, וואָס האָט שוין „אַלץ געזען און געהערט", קען מען אַזוי מיר ניט דיר ניט, ניט פֿאַרלייקענען. ער וועט זיי ווייזן, די בעלי־בתים, די ליידיגגייער וואָס ער קען, ער וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

ער האָט אַליין אויף זיין רעכענונג, אָנגעהויבן צו־זאַמענ־צושטעלן אַ „טרופּע" יונגעלייט פֿון דורכאויס „אַרבייטס־מענשען", און ביי איינעם פֿון דער טרופּע איז הויז יעדן אָוונט נאָך דער אַרבייט אָנגעהויבן „איינצושטודירן" „בר כוכבא"...

ס'האָט זיך אָבער ניט געפֿונען אין שטעטל קיין אַרבייטס־מיידעל, וואָס זאָל איינוויליגן צו שפּילן „דינה". נו, האָט מען זיך אַן עצה געגעבן געפֿונען, אַ אינגל, וואָס האָט געהאַט אַ מיידעלשען אויסזען און ס'איז רעכט געווען...

מערקווירדיג, ווי ביינוש האָט געדענקט כמעט גאַנץ בר־כוכבא אויף אויסווייניג, סיי די ווערטער, סיי די ניגונים. די ראָלן האָט ער איינגעטיילט יעדן נאָך זיין „שטאַנד" אין „טאַלאַנט". זיך האָט ער גענומען די ראָלע פֿון דעם גרויסן העלד בר כוכבא. מיר האָט ער צוגעטיילט די ראָלע: „פּאַפּוס".

ווי אַ געבוירענער „רעזשיסער" איז ביינוש געשטאַנען און געלערנט ווי צו שפּילן; געשטאַנען שטאָלץ מיט דעם פֿולן באַ־

רוף פון איינעם, וואָס גלויבט אין זיין טאַלאַנט און פעהיגקייטען...

יעדען אָוועגט האָבען זיך די שיינע געזאַנגען פון „בר כוכבא" געהערט איבער דער שטילער גאַס, וואו געזעמלעד מענשען זיינען געשטאַנען אונטער די פענסטער מיט אָנגע־שטעלטע אויערן און געהערט. די בעלי־הבתים האָט דאָס געזאַנג געשטאַכען ווי מיט נאָדלען. „וואָס הייסט, מען גייט אויפפירען אַ שפּיל אין זייער ערלויבניש?—האָבען זיי זיך געקאָכט—ס'אַראַ חוצפּה'ניקעס! מען דאַרף זיי אַלע אַרעסטירען".

אַז ס'איז אָבער אַוועק אַ לענגערע צייט און דאָס זינגען האָט ניט אויפגעהערט און ווי מען האָט זיי איבערגעגעבען „איז דאָס געזאַנג אַ מחיה צו הערען". אַז „אַזוי וואָס" האָט מען נאָך ניט געהערט און דאָס זיינען בלויז פּראָבען: היינט וואָס וועט שוין זיין ביי דער אמת'ער שפּיל? — דאַמאָלסט זיינען די „שטעטעלשע־פאַרזאָרגער" געוואָרען אַ ביסעל ווייכער, אָנגעהויבען אַריינצו־שטעקען פון צייט צו צייט די נאָז, אַ שמעק טאָן וואָס ס'הערט זיך.

דער ערשטער וואָס האָט זיך מטריח געווען און געקומען צו די פּראָבען, איז געווען מאָטיע — גבאי פון קאָמיטעט, וואָס איז נעענטער צום אָרימען פאָלק, ווייל ער טיילט אויס מיט זיינע אייגענע הענט דאָס געלט צו די אָרימעלייט. ער איז אַריינגעקומען ברייט, מיט פאַרנעם, צוערשט אַריינגערוקט זיין ברייטע, שוואַרצע באָרד, ווי אַ שליח פון זיין אָנקומענדער גרויסקייט, נאָכדעם אַריינגעשטופּט זיין רייכען באַלעבאַטישען גוף, ווען ער איז אַריינגעקומען זיינען די „אַקטיאָרען" צוטומעלט געוואָרען, געבליבען שטיין מיט אָפענע מיילער. ביינוש האָט זיך אָבער אויף אים ניט אומגעקוקט, געהייסען ווייטער אָנגיין מיט דער „פּראָבע" און זיך פון קיינעם ניט לאָזען שטערען.

דערנאָך האָבען אָנגעהויבען קומען צו די פּראָבען די רעכטע פּני מיט זייערע רייכע זינדעלעך און טעכטערלעך. געשטאַנען שטאָלצע אָנגעצויגענע, מיט אַ האַלבשפּאָסיגען שמייכעל אויף די ליפּען זיך צוגעהערט צו אונזער זינגען, און זיך איבערגעוואונקען איינע מיט די אַנדערע.

ווען מיר די פּראָבע־מאַכער, פלעגען אויף זיי אַ קוק טאָן, פלעגט אונז קאַלט ווערען. מיר פלעגען אין גאַנצען פאַרלירען

דעם מוט, פאַרגעסען וואָס מיר טוען אוןריידען. אונזערע אַזוי אויך ניט גאָר וואָזשנע שטימען, פלעגען אָנהויבען ציטערען און פאַרגיין ווי די הענער...

ביינוש, אונזער רעזשיסער, פלעגט ווערען אַן אויפגעקאָכטער ער פלעגט אויסדריקען זיין פּראָטעסט מיט ניט אומקוקען זיך אויף זיי און ווייטער אָנגיין מיט'ן איינשטודירען די ראָלען. אים פּערזענלעך האָט עס אפילו ניט אָנגערירט; ער האָט זיך געפילט העכער פון זיי.

ווען אונזערע רייכע פּראָבע־צוהערער פלעגען אַוועקגיין, פלעגט אונז ביינוש שטאַרק אויסריידען פאַר אונזער שוואַכקייט און פאַר'ן פאַרלירען זיך אין זייער געגנוואַרט. „ווייזט, אַז איהר זייט מענ־שען מיט שטאָלץ און אַרטיסטישער ווירדע!" — פלעגט ער אונז ברידערליך שטראָפען, — „שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם: איהר זייט אַרטיסטען, איהר פאַרשטייט און זיי וואָס זיינען? גאָרנישט! לאַכט פון זייערע קעפּ!"....

דערענדיגט די ווערטער, פלעגט ער מיט אַמאָל אַרויסלאָזען אַ ברום, אַז מיר פלעגען אַזש פאַרציטערט ווערען:

געקומען איז די צייט,
יאָ, יאָ, די צייט!
זי איז שוין גאָר ניט ווייט!
יאָ, יאָ, ניט ווייט!
דאָס לאַנד באַפרייען,
יאָ, יאָ, באַפרייען! א. אז. וו.

זיין שטימע האָט געקלונגען שטאָלץ און דראָענד ווי דער קול פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס וואָרענט דעם הערשענדען־קלאַס, אַז די צייט איז שוין ניט ווייט, ווען דאָס אָרימע אַרבייטער־פאָלק וועט פון זיך אַראָפּוואַרפען דעם יאָך פון די הערשענדיגע בעלי־הבתים אין וועלכער פאָרם זיי זאָלען ניט זיין, פון דעם קעניג ביז דעם בעלי־הבית. . .

און איך מוז צוגעבען, אַז ער האָט אונז אַלעמען באַהערשט מיט זיין שטאָלצען אויסדרוקפאָלען געזאַנג. מיר האָבען זיך דערפילט פרייער, מוטיגער און גלויביגער.

...און אָט שטייען מיר אויף דער „בינע". וואָס איז ספּעציעל

אויפגעקלאפּט געוואָרען אין דער שטעטעלדיגער פייערלעשער־געביידע, פון וועלכער מען האָט מיט דער ערלויבניש פון דעם פּריסטאַוו אַרויסגעפירט אַלע פייער־מאַשינען אין גאַס אַרויס, און דער פּלאַץ איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „טעאַטער".

אויף די צונויפגעקלאַפּטע בענק, אַנטקעגען אונז איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער געביידע, זיצט מען און מען שטייט קעפּ אויף קעפּ... הונדערטער אויגען זיינען געווענדט צו אונז, די שטעטעלשע „מוזיק" זיצט האַרט ביי דער בינע און קלאַפּט אויס „מאַרשע און געזענגע".

מיר, די „אַקטיאָרען" אַנגעטאָן, ווער אין בערד, ווי אידען: ווער אין קרוין און אין שווערד, ווי דער קעניג און דאָס קעמפּענדיגע פאָלק, שטייען אַנפאַנגס ווי געליימט, קענען קוים אַרויסברייננגען אַ וואָרט, אָבער ביינוש אָנגעטאָן ווי דער העלד בר כוכבא, שטייט אַ העלדישער, אַ שטאָלצער קעגען אונז, און טרעט אונז שטילערהייט אויף די פיס, טענה'ט שטיל, בעט זיך ביי אונז מיר זאָלען זיך ניט פאַרלירען. זען מיר זאָלען ניט בלייבען דער חוזק פון שטעטעל...

און מיר פאָלגען ביינוש'ן. ביינוש האָט איבער אונז אַ גע־וואַלדיגען כח; אַז ביינוש בעט, מוז מען אים צוליב טאָן. מיר טוען זיך אַלע אָן אַ כח און לאָזען זיך אַריין אין דער שפּיל, פאַר־טיפען זיך אין אונזערע ראָלען ווי ס'בעדאַרף צו זיין. דער סופליאָר שטייט הינטערען פאָרהאַנג און העלפט אונז אַרויס...

ווען דער ערשטער אַקט איז געענדיגט און דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער, פאַלט אַ דונערנדער אַפּלויז, מען מוז דעם פאָר־האַנג אויפהויבען עטליכע מאָל. יעדער אין שטעטעל קען די שפּי־לער און מער רופט אַלע אַרויס ביי די נעמען: יענקל! חיים! זישע! וועלוועל! הערט זיך פון עולם מיט קלאַפּערייען.

און ווען מיר באַווייזען זיך אויף דער בינע, מאַכט מען אונז גרויסע אָוואַציעס, אַפּילו די רייכע, די פּני, וועלכע זיצען אין די ערשטע רייען, קענען זיך ניט אָפּהאַלטען פון אַפּלאָדירען אונז.

די גרעסטע און שטורעמדיגסטע אָוואַציע האָט געקראָגען ביינוש, דער עולם האָט איהם איינפאַך ניט אָפּגעלאָזען. חוץ דעם, וואָס ער האָט זיין ראָלע ווירקליך דורכגעפירט ווי אַ געניטער אַק־טיאָר, ווי אַ שטערן, וואָס האָט אונז אַלעמען פאַרטונקעלט, האָט

אים דער עולם אויך געגעבען אנערקענונג פאַר זיין גאַנצען אויפטו.

אַ וואָך צייט, יעדען אָוועגט האָט אָנגעהאַלטען די שפּיל. און יעדען אָוועגט איז געווען געפּאַקט, און יעדען מאָל די זעלבע באַגייסטערונג. פינאַנציעל און מאָראַליש אַן ערפאָלג.

ביינוש האָט זיך געפילט איבערגליקליך: ניט אַזוי מיט זיין פערזענליכען ערפאָלג, ווי מיט דעם ערפאָלג פון דער גאַנצער זאַך: מיט דעם אַרטיסטישען אויפטו, מיט זיין אידעאַלען און חלומות־דיגען פאַרנעמען זיך אויף ווייטער. — — — — — — — — —

דאָ אין אַמעריקע בין איך אָפט געגאַנגען אין טעאַטער, אָנ־הויבענדיג מיט דער גאַלעריע, ביז צו די „באָקס־סיטס“. געזעסען און זיך צוגעקוקט צו פאַרשיידענע דראַמען און צו די שוישפּילער. און וואו און אין וועלכען טעאַטער איך בין געזעסען, פלעגען מיר אַרויפקומען אויפ'ן זינען יענע גליקליכע פריי־ליכע שוישפּילערישע נעכט פון אַמאָל אין מיין אַלטער היים.

מיינסטענס פלעגט עס פּאַסירען, ווען מען פלעגט שפּילען „בר כוכבא“. איך פלעג צו אָט דער בר כוכבא־שפּיל קומען אָפטער. ס'האָט מיך געצויגען צו בר כוכבא. איך האָב שוין פיל, זייער פיל טעאַטער־שפּילען געזען, אָבער בר כוכבא איז געווען און איז פאַרבליבען מיין ליבלינג שפּיל.

אין בר כוכבא'ן דערזע איך זיך אין מיין אייגענער ראָלע: דערפיל דעם אַמאָל, די בענקשאַפט נאָך מיין יונג פאַרגאַנגען לעבען. עס פאַרדריסט מיר ניט, וואָס יענע עטליכע אָוועגטען זיינען געווען דער אָנפאַנג און די ענדע פון מיין אַרטיסטישער קאַריערע, ווייל איך פיל, אַז זיין אַן אַקטיאָר איז ניט געווען און איז ניט אין מיר.

ביינוש... יאָ... ביינוש... פון אים, פלעג איך זיצענדיג און צוקוקענדיג זיך צום שפּיל, יאָ טראַכטען און אַ סך טראַכטען; ווייל איך האָב געהאַלטען, אַז ביינוש איז אַן אַרטיסט מיט די ביינער, אין ביינוש'ן איז פאַרהאַן דער קינסטלערישער חוש און די קינסטלערישע פאַרשטענדעניש. ביינוש איז געווען אַ פאָלקס־קינד, אַ בעל־מלאכה; אָבער פול מיט קינסטלערישען טעמפּעראַ־מענט און גלויבען אין זיך... ביינוש טאָר ניט זיין און ווערען עפּעס אַנדערש. ביינוש, וואו ער זאָל ניט זיין, איז פאַרבליבען אַן אַרטיסט.

— וואו איז ער היינט ביינוש? וואו האָט אים איצט, אַריבער

צוואַנציג יאָר שפּעטער דאָס מזל פאַרטריבען? וואָס איז געוואָרען מיט זיין גאָלדענעם טאַלאַנט? — פלעג איך זיצענדיג טראַכטען און געפילט ווי און באַנג פאַר אַלץ וואָס פאַרגייט, ווערט צושיידט אָפּגעריסען, פאַרטריבען און פאַרוואָרפען אויף פאַרשיידענע וועגען פונ׳ם לעבען, אומשטענדען און צייט. — — — — — — — — — — — —

און אָט שטייט ער פאַר מיר, ביינוש, מיין העלד, מיין בר־כוכבא! מיר האַלטען זיך ביי די הענט, שווייגען און קומען איינע די אַנדערע אין די אויגען, וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט טרערען.

— וואָס מאַכסטו ביינוש, ליבער? — רייסט זיך קוים ביי מיר אַרויס, און מיין שטימע ציטערט.

— אָט ווי דו זעסט, מען שטעפּט שיך.....

— שיך!... גיט מיר אַ קלאַפּ אין האַרצען. — און איך פיל ווי עפּעס האָט אין מיר אַ קלעם געטאָן, אַ שטאַרקען דריק געטאָן.

— יאָ, ברודער, שיך.

איך קוק אויף אים:

אַ איד, שוין אַ פאַרעלטערטער, מיט אַ בלייך פאַרזאָרגט פּנים, טראָגט פאַרשמירטע אַרבעטס־קליידער, רעדט שטיל, אָפּגעלאָזען, קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע מידע און האָפנונגסלאָזע בליקען.

— וואָס איז מיט דיר, ביינוש, וואָס איז געוואָרען מיט דיר, בר כוכבא, מיין העלד, וואָס דו ביזט אַזוי מוטלאָז, פאַר׳חושכ׳ט?

— דאָס לעבען, מיין פריינט, פּאַפּוס, דאָס לעבען, ווען מיר זיינען יונג, דרייסט און גלויביג, שפּילען מיר טעאַטער מיט׳ן לעבען; אָבער שפּעטער, שפּילט דאָס לעבען און די אומשטענדען טעאַטער מיט אונז.

— האָסטו גאָר פאַר דער גאַנצער צייט מער ניט געשפּילט?

— בין איך געוועזן איבעראַשט.

— ניין, האָט ער טרויעריג געענטפערט, — מיין גרויסער ערפאָלג דאַמאָלט, איז געווען מיין אומגליק, מיידלאַך האָבען זיך צו מיר גענומען שדכנ׳ען, שדכנים האָבען מיר ניט אָפּגעלאָזען, ביז מען האָט מיר פאַרשלייערט... כ׳האָב חתונה געהאַט, פאַרשטייט זיך, אז ניט חו״ש מיט איינער פון די רייכע, נאָר מיט איינער פון אונזערע, פון פאָלק...

— און נאָכדעם?

— נאָכדעם דאַרף מען מאַכען אַ לעבען פאַר אַ ווייב מיט אַ

קינד, און אַ צווייטע וואָס איז געקומען... געמוזט אַרבייטען נאָך שווערער, שטעפּען נאָך מער שיך. און קומענדיג אַהער מיט מיין פרוי און צוויי קינדער, גלייך ווייטער געמוזט שטעפּען שיך. דאָ האָט מיר מיין פרוי ווידער געבוירען אַ פּאָר קינדער, און איך האָב געמוזט שטעפּען נאָך מער שיך.

— האָסטו ניט געקענט זיך דאָ אַנשליסען אין אַ דראַמאַטישען קלוב, שפּילען, ביז מען וואָלט אויסגעפונען און אַנערקענט דיין טאַלאַנט, און דו וואָלסט זיך פון דער אַרבייט אַרויסגעדרייט?

— ניט געקענט, ברודער! — האָט ער טרויעריג אַרויסגערעדט. אומשטענדען אַזוינע געווען, וואָס האָבען אין מיר דערדריקט, דער־שטיקט מיין טאַלאַנט, מיין ווילען. איך האָב זיך געריסען, אָבער איך בין יעדען מאָל צוריקגעשטויסען געוואָרען.

— און איצט, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אומעטיגען שווייגען אַרויסגערעדט, בין איך שוין לאַנג ניט מער „בר כוכבא" דער העלד, נאָר בר כוכבא דער „באַזיגטער". איך האָב אַלץ פאַרלאָרען, ניטאָ שוין לאַנג מיין אַמאָליגער גלויבען, מיין טאַלאַנט, אפילו מיין שיינעם חלום האָב איך פאַרלאָרען. איצט בין איך אַ איד אַן אויס־געמאַטערטער, אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער אַרבייט, באַפאַלען מיט קליינע און גרעסערע קינדער און שטעפּ שיך.

ער איז געבליבען אַ ווײַלע זיצען שטיל, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, און באַלד האָב איך ווידער דערהערט אַ שטיל ברומען מיט דעם ניגון פון בר כוכבא, וואָס האָט זיך אַזוי טרויעריג „צוואווי־טאָגט געריסען פון זיין ברוסט. עס האָט מיטאַמאָל פון ערגעץ אַ פייף געטאָן אַ צייכען, אַז די מיטאָג־שעה איז געענדיגט.

ביינוש האָט זיך האַסטיג אַ כאַפּ געטאָן, מיר אַ האַרציגען דריק געטאָן די האַנט, און איז דער גיך ביטער אַ זאָג געטאָן:

— נו, דער העלד, בר כוכבא מוז לויפען שטעפּען שיך! און איז פאַרשוואונדען געוואָרען צווישען דער מאַסע אייליגענדיגע אַר־בייטער, וועלכע האָבען געאײַלט זיך צו די פאַבריקען.

איך האָב אים נאָכגעקוקט מיט שטומען ווייטאָג און געהאַט דאָס געפיל, ווי דאַמאָלסט ביי דער שפּיל, ווען אונזער העלד בר־כוכבא, וואָס האָט אונז דערמוטיגט ביים שפּילען איז באַזיגט גע־וואָרען פון די רוימער.....

אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער ניגון

אין אַ שפּעטער נאַכט שעה, איז מיר אויסגעקומען פֿאַרבייצו־גיין דורך אַ פּלאַץ, וואו עס ווערט געבויט אַ ניי הויז. אַרום הויז וואָס האָט נאָך דערווייל אַ פּנים פֿון אַ סקעלעט, ליגן אָנגעוואָרפֿן שטיינער, אײַזן, ציגעל, און אַנדערע שווערע זאַכן וואָס זײַנען נויטיק ביים בויען אַ הויז. אַרום די ברעגן פֿון די אָנגעוואָרפֿענע מעטאַלן און שטיינער ברענען טונקעלע, רויטע פֿײַערלאַך, וועלכע לאָזן וויסן די פֿאַרבייגייער צו זײַן פֿאָרזיכטיק מיט׳ן גאַנג, זיך ניט אָנצושלאָגן אָן עפּעס וואָס ליגט נאָענט ביים וועג.

אויפֿ׳ן „סיידוואָק" אַנטקעגן איבער דעם הויז־סקעלעט, שטייט דעם וואַטשמאַנ׳ס ביידעל איינגעהילט אין נאַכטיקער פֿינס־טערניש. אַ שוואַכער שײַן בלויז לויכט אומעטיק אַרויס דורך דעם שמאָל, נידעריק פֿענסטערל פֿונ׳ם ביידעל, וואָס פֿאַרגרעסערט נאָך די איינזאַמקייט און אָפּגעזונדערטקייט פֿון דעם, וואָס זיצט אינ־וויניק און האַלט אַן „אויג" אויפֿ׳ן דרויסן...

פֿאַרבייגייענדיק אַט דורך דעם פּלאַץ, האָט אַן אומהיימליכער געפֿיל אַ שרעק געטאָן מײַן האַרץ. דאָס איז געווען אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקעל אין איינעם פֿון די נייע געגנטן וואו די שטאָט ברייטערט זיך אויס, וואו שטאָט און פֿעלד קומען זיך צוזאַמען, און שטאָט זוכט זיך אַריינצורײַסן אין פֿעלד, און פֿעלד קוקט קרום, בייז אויף דער שטאָטישער חוצפּה... וויל זיך באַפֿרייען און קען ניט... ליגט דאָס פֿעלד שטיל און שטום ווי איינגעגראָבן אין זיך, אין פֿאַרדראָסיגער און אומרוהיגער פּאַרטיפּטקייט, וואָס רופֿט אַרויס שרעק און אומרו ביי די פֿאַרבייגייער.

זייענדיק באַהערשט אַט פֿון דעם געפֿיל, האָב איך פּלוצלונג דערהערט שטילע, האַרציגע טענער פֿון אַ פֿידעל, וועלכע זײַנען גע־קומען פֿון דעם וואַטשמאַנ׳ס ביידעל, און זיך צוטראָגן איבער דער אומעטיקער פֿינסטערקייט...

איך בין שטיין געבליבען, זיך צוגעהערט. דער ניגון איז מיר געווען באַקאַנט, שוין לאַנג, זייער לאַנג, אַז איך האָב אים ערגעץ געהערט; כ'האָב אָבער ניט געדענקט ווען, וואו און פון וועמען.

שטילערהייט, שטייענדיג ניט ווייט פונ'ם ביידעל און צו־הערענדיג זיך צום ניגון, איז מיר דער ניגון אַלץ מער און מער נעענטער געוואָרען. איך האָב אים גענומען נאָכזינגען, און זינ־גענדיג האָב איך געפילט ווי עס הויבען זיך אָן פונאַנדערוויקלען בילדער נאָך בילדער פון מיין אַלטער היים, פון מיינע קינדער־יאָרען. ווי פון טונקעלע נאָכטגעוועבען האָבען זיך גענומען אַרויס־שיילען עראינערונגען.

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערזען אַלס אינגעל שטיין ביינאַכט ביי יענקעל דעם קלעזמער'ס הויז מיט נאָך עטליכע אינגלעך. ביי יענקלען איז אַן אייגענע שמחה, ער מאַכט חתונה זיין טאָכטער, איז די קאַפּעליע אויפגעלייגט; עפּעס אַ קלייניגקייט, אַן אייגענע שמחה, ביי אַן אייגענעם מענשען, ביי אייגענער משפּחה, און נאָך ביי וועמען, ביי דעם אָנפירער פון דער קאַפּעליע! איז מען פרייליך, שפּילען חברה גאָר מיט אַן אַנדער חשק... שטענדיג שפּילט מען פאַר יענעם, היינט שפּילט מען פאַר זיך...

פאַרגייען זיך די פידלען מיט האַרציגער פרייד... צוואויינט זיך דער באַס מיט פריידען־טרערען... צוהוליען זיך דער פּויק מיט'ן פּייקעל ווי היימישע מחותנים, ווי איינער זאָגט: „היינט איז אונ־זער צייט!" שטראָמען די זיסע ניגונים אַרויס אין דער שפּעטער נאַכט אַריין צולויפען זיך איבער'ן שטעטעל, וועקען די מענשען פון שלאָף: „אַ חתונה איז היינט אין שטאָט, ביי איינעם וואָס האָט ביז היינט געשפּילט אויף אַלע שטעטעלשע חתונות. היינט איז אַן אייגענע שמחה, יענקעל דער קלעזמער מאַכט חתונה אַ טאָכטער!"

יענקעל אַליין גייט אַרום אַ פאַרפּוצטער, אויסגעסטרויעט אין זיינע יום־טוב'דיגע קליידער, שפּילען אָבער וויל ער ניט, — היינט איז ער אַ מחותן, און וויפיל חברה קלעזמאָרים צובעטען אים ניט ער זאָל יאָ שפּילען, ווייל וואָס פאַר אַ טעם האָט שפּילען אַ חתונה, אפילו אַן אייגענע, אָהן יענקלען, — האָט ער זיך אָבער איינגע־שפּאַרט אַז דוקא היינט וועט ער ניט שפּילען, און טוט אים עפּעס!

אָבער דאָ מישט זיך שוין אַריין לייזער דער בדחן; און מיט בדחנ'שע „שטיק" נעמט ער ווירקען אויף יענקלען ער זאָל יאָ שפּילען. ער טרינקט מיט אים „לחיים!" איין מאָל און צוויי מאָל; און ווען דאָס העלפט ניט, פאַרפּאַסט ער באַלד אויפ'ן אָרט אַ לידעלע און צווינגט זיך, און די קאַפּעליע שפּילט אונטער:

אוי, יענקעל דער קלעזמער,
ער סטרויעט שוין די סטרונע;
אַט וועט ער שוין באַלד שפּילען אַ טאַנץ
וועלען מיר טאַנצען מיט גרויס כונה...

און אַט דאָס איז דאָך דער ניגון, איך האָב זיך דערמאָנט! דאָס איז דאָך דער ניגון וואָס איך הער איצט שפּילען פון וואַטשמאַנ'ס ביידעל אַרויס. וואו קומט איצט, מיט אַזוי פיל יאָרען שפּעטער דער ניגון אַהער, אַט דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקעל? ווי אַזוי האָט ער דאָ אַהער פאַרבלאָנדזשעט? ווער שפּילט אים אַצינד?

איך בין געשטאַנען אין דער נאַכטיגער שטילקייט און פינס־טערניש און זיך ניט געקענט אָפּרייסען פונ'ם אָרט, פון וואַנען די טענער זיינען געקומען. פאַרשוואונדען איז פון מיר דער גע־פיל פון שרעקליכער איינזאַמקייט, וואָס דער כמעט אומבאַוואוינ־טער געגענט האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפען. איך בין אין גאַנצען געווען באַהערשט פונ'ם ניגון, וואָס האָט אַזוי אומגעריכט פאַר מיר פאַרבלאָנדזשעט אַט דאָ אַהער, אין דער האַלב ווילדעניש.

איך האָב באַשלאָסען אַריינצוגיין אין ביידעל זיך איבערצוציי־גען ווער עס איז אַט דער יעניגער, דורך וועמען אַ פּאָר צענדליג יאָרען ריידען צו מיר מיט אַזאַ נאָענטקייט, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען פּאַסירט.

איך האָב אָנגעקלאַפּט.

דאָס שפּילען האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט. אַ ווײַלע איז אינוועניג שטיל געווען. קענטיג אַז דער קלאַפּ אין טיר אין אַזאַ שפּעטער נאַכט־שעה האָט דעם, וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען, איבערגעשראָקען. באַלד אָבער האָב איך דערהערט אַ שטימע:

— הו איז דהאַט

— אַ לאַנדסמאַן! — האָב איך אין פּשוט'ן אידיש געענט־פערט צו מאַכען אים פילען היימישער און פאַרטרויענדער.

— אַ לאַנדסמאַן, אַ לאַנדסמאַן? — האָב איך געהערט ווי ער

האָט זיך אַליין אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט געצוויי־פעלט צי איך בין טאַקע דער וואָס איך זאָג. און מיט אַ „מינע!" וואָס באַדייט: „וואָס האָב איך צו פאַרלירען?" האָט ער אַן עפּען געטאָן דאָס טירעל.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַן עלטערען מענשען. די האָר, און דאָס קײלעכדיג אַרומגעשאָרען בערדעל, שוין כמעט אין גאַנצען ווייס. ער האָט געטראָגען אַן אַלטען, אָפּגעקראָכענעם אויבער־מאַנטעל, דעם קאָלנער אויפגעשטעלט, וואָס האָט פאַרשטעלט האַלב פון זיינע אויערען. דאָס פּנים איז ביי אים געווען גע־קנייטשט און דערציילט פון ליידען וואָס האָבען אים עלטער גע־מאַכט מער ווי יאָרען.

אַ ווײלע האָבען מיר זיך ביידע אָנגעקוקט אַן ווערטער.

— דאָס זייט איר דאָך, יענקעל דער קלעזמער! — האָב איך אין איין אָטעם אויסגערופען און אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט.

— און ווער איז דאָס אַ לאַנדסמאַן? — האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט, הערענדיג ווי איך רוף אָן זיין נאָמען.

איך האָב אָנגערופען מיין פאָטער'ס נאָמען, און אים געגעבען עטליכע סמנים.

— ביזטו דאָך דער אמת'ער לאַנדסמאַן! — איז ער שוין מער דערפרייט געוואָרען. און איך האָב נאָך בולט'ער דער־זען דעם אַמאָליגען יענקעל דעם קלעזמער מיט זיין קלעזמערישען טעמפּעראַמענט. נו, זעץ זיך, — האָט ער פאַר מיר געמאַכט אַן אָרט אויף דעם ליידיגען קעסטעל. — וואָס הערט זיך עפּעס? דערציייל עפּעס נייעס! ווי קומט אַ לאַנדסמאַן אַזוי שפּעט ביי־נאַכט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם געגענט?

— דערציילט מיר בעסער ווי איר קומט אַהער? — האָב איך אים צוריק געפרעגט. — יונגע מענשען, ווייסט איר דאָך, זיינען פול אומעטום, אָבער איר, ווי קומט איר אויף די עלטערע יאָרען אַהער?

— ווי איך קום אַהער? אַ שיינע מעשה! וואָס־זשע, דו ווייסט גאָרניט וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרען אָפּגעטאָן אין דער היים? ס'איז דאָך עפּעס, ברודער, געווען אַ מלחמה! אונזער שטעטעל איז אין גאַנצען צושאָסען געוואָרען. ס'גאַנצע

שטעטל האט געברענט, איז מען געלאפן, מען האט דען גע־וואוסט וואו מען לויפט? בין איך אזוי נאך א נאכט לויפעניש געקומען צו א באן־סטאנציע. האט מען מיך און נאך אידען ארויפגעפאקט אויף א וואגאן און פארפירט ערגעץ אין ראסיי. דאס איבעריגע, ברודער, זאלסטו ניט פרעגען. ס׳האט גענומען יארען ביז מיין טאכטער האט מיר אריבערגעבראכט אהער קיין אמעריקע. איז וואסזשע זאל איך טאן, איך וועל דאך ניט זיצען ביי מיין טאכטער סתם אזוי און עסען, ווייל אן אלטער קלעזמער אין אמעריקע, איז, להבדיל, ווי אן אלט פערד, עסען וויל עס, אבער קיין צייט האט עס ניט... זאל איך אפשר גיין שפילען איבער די סטריטען? נאו סער! יענקעל דער קלעזמער שפילט ניט אויף די גאסען! יענקעל, אז ער קען ניט שפילען אויף לייטישע חתונות, שפילט ער ניט פאר קיינעם... שפילט ער בעסער פאר זיך אליין.. בין איך, ווי דו זעסט, בעסער געווארען א וואטשמאן, האב זיך מיין פידעלע מיט זיך און שפיל זיך ווען איך וויל... דו זעסט, ברו־דער, דעם פידעל? — האט ער מיר באוויזען דעם פידעל — דאס איז אלץ וואס איז מיר פארבליבען... וואו איך בין געוועזען, איז מיין פידעלע מיט מיר געוועזען... איך האב אים אפגעהיט ווי דאס אויג אין קאפ... ווערסטו אפשר נעמען א ביסעלע?.. א קלעזמער, פארשטייסטו, אן א ביסעלע איז ווי א פידעל אן א סמיטשיק... האט מיר, הייסט עס, שוין גאט יא צוגעשיקט א לאנדסמאן אזוי שפעט ביינאכט, וואס זאל מיר האלטען קאמפאניע טא זאל זיין „חי“ געלעבט!

ער האט ארויסגעשלעפט פון ערגעץ דאס „ביסעלע“... מיר האבען צו עטליכע מאל געמאכט „לחיים!“ מיר זיינעןביידע גע־ווארען פרייליך און אויפגעלייגט, אז עס האט זיך אונז שיר ניט פארגלוסט צו גיין א טענצעל...

יענקעל האט א נעם געטאן דעם פידעל און זיך ערשט אויף אן אמת צושפילט. וואו ערגעץ א ניגון פון די אמאליגע היימישע חתונות האט ער אויסגעשפילט. ער האט געשפילט מיט הארץ, מיט געפיל, מיט זעלטענער באגייסטערונג. אזוי שפילען האט ער, דאכט זיך, אפילו אין די אמאליגע יונגע יארען, אין דעם

רעכטען גלאַנץ פון זיין קלעזמערישער קאַריערע, ניט נעשפּילט.
די אויגען זיינען ביי אים געווען ווייט אַפען, דאָס פּנים צופלאַמט.
עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט וועלען אַרויסשפּילען
זיין גאַנצען וויי און צער. וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבען
זייט ער איז אַפּגעריסען געוואָרען פון׳ם היימישען שטעטעל און
זיין קאַריערע אַלס קלעזמער האָט זיך געענדיגט.

נעמענדיג נאָך צו ביסעלאַך, האָט ער גאָר אויפ׳סניי אַ שפּיל
געטאָן און איך האָב צוגעזונגען:

אוי, יענקעל דער קלעזמער,
ער סטרויעט שוין אָן די סטרונע;
אָט וועט ער שוין באַלד שפּילען אַ טאַנץ
וועלען מיר טאַנצען מיט גרויס כונה...

יענקעל האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט שפּילען. אַוועקגע־
לייגט דעם פידעל, און איז געבליבען זיצען אַ מידער און אַ פאַר־
טראַכטער. אין די אויגען זיינען אים געשטאַנען טרערען.

איך האָב זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגיין.

— קום אַמאָל אַריין ווען דו פאַרבלאָנדזשעסט אַהער. דו
הערסט? — האָט ער געזאָגט, אַרויפלייגענדיג די האַנט אויף מיין
אַקסעל, באַגלייטענדיג מיך צום טיר, און זיין שטימע האָט ווי
געציטערט. — פאַרשטייסט, מען איז אַליין און קינדער אין אַמע־
ריקע, ווייסטו דאָך, מען איז אַזוי עלענט... ווען ניט מיין פידעל,
וואָלט איך אפשר אויסגעגאַנגען פון אומעט... פאַרשטייסט... קום
אַמאָל אַריין! — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסען האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. לאַנגזאַם האָב
איך זיך געשלעפּט צוריק איבער דעם שטילען אומעטיגען געגענט.
דער ניגון האָט מיר ניט אָפּגעלאָזט, ווי פון זיך אַליין האָט דער
ניגון אַרויסגעזונגען:

אוי, יענקעל דער קלעזמער,
ער סטרויעט שוין אָן די סטרונע!...

איך האָב זיך אַ קער געטאָן צוריק, געוואָרפען פון דער ווייט
אַ בליק אויפ׳ן ביידעל. דאָס פייער׳ל אינוועניג איז שוין נעווען
אויסגעלאָשען...

דאָס ברעקעלע טאַלאַנט

אין אַ זונטאָג בייטאָג, ביי אַ בענעפיט פון מיינע לאַנדסלייט, האָב איך אין טעאַטער באַמערקט אַ אידען, וואָס האָט די גאַנצע צייט צווישען די אַקטען פון מיר ניט אַרונטערגענומען די אויגען. זיין כסדר׳דיג קוקען אויף מיר פון דער רייע, וואו ער איז געזעסען, איז מיר געוואָרען אויפפאַלענד. עס האָט מיר געדאַכט אָדער עס האָט מיר אָנגעהויבען צו דאַכטען, אַז זיין אויסזען איז מיר ניט פרעמד, אַז איך האָב אים אַמאָל ערגעץ געזען. ס׳הייסט, געזען האָב איך ניט דאָס פּנים ווי עס האָט איצט אויסגעוויזען, נאָר ווי עס האָט אויסגעוויזען אַמאָל; ווען און וואו דער „אַמאָל" איז געווען האָב איך ניט געדענקט.

כ׳האָב באַמערקט, ווי דער איד האָט זיך יעדען מאָל אַ הויב געטאָן פון׳ם אָרט און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט צו מיר וועלען צוגיין, אָבער ער האָט זיך גלייך צוריקגעכאַפּט, ווי ער וואָלט ניט געווען זיכער צי זיין צוגיין צו מיר וועט מיר זיין אָנגענעם.

פאַר׳ן לעצטען אַקט בין איך צו אים צוגעגאַנגען און נאָך איידער איך האָב אויסגערעדט אַ וואָרט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט און מיט פרייד אויסגערופען:

— מענדעל! ס׳איז דאָך טאַקע מענדעל! האָב איך, הייסט עס, ניט געמאַכט קיין טעות.

איך האָב אָנגעקוקט דעם אידען, וואָס רופט מיר ביים היי־מישען נאָמען „מענדעל". אַ איד מיט אַן אויסגעטריקענט פּנים, אַ שיטער אַרומגעשאָרען בערדעל, מיט גרויליכע, ניט פאַרקעמטע האָר אויף׳ן קאָפּ. זיין גאַנצער אויסזען האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק פון איינעם, וועמען עס גייט שוין ניט אַן ווי ער זעט אויס, ווייל קיינער קוקט זיך סיי ווי אויף אים ניט אום.

— דו... איר... דערקענט מיך ניט? — האָט ער ניט וויסענ־דיג ווי צו מיר צו ריידען, מיך צו איר׳צען אָדער ניט אַרויסגערעדט.

— ניין, איך דערקען אייך ניט — האָב איך זיך מודה געווען.

— איך בין דאָך הענאָך, אַ לאַנדסמאַן, געוועזענע שכנים.

— דאָס ביזטו דאָס, הענאָך? — האָב איך אויסגערופען פאַר־וואונדערט, און אַ ים מיט עראינערונגען האָבען זיך אויפגעוועקט אין מיין געדאַנק...

הענאָך, דאָס איז געווען „אַ טאַטענס זונעלע", אַ וואויל־קענער, אַ „ספּאָרט", איז שטענדיג געגאַנגען שיין און ריין געקליי־דעט, די שוואַרצע האָר שיין פאַרקעמט, די דינע וואָנצעלעך אַרומ־געשאָרען און פאַרדרייט מיט צוויי שפּיצלאַך ביי די ברעגען. האָט געקענט גוט טאַנצען און שפּילען אויפ'ן פידעל.

אַרומגעגאַנגען איז ער מיט די שענסטע מיידלאַך פון שטעטעל און געפירט ראָמאַנען. פאַר קיין פּרנסה האָט ער ניט באַדאַרפט זאָרגען, איז כלומרשט געווען אַ פּריקאַשטשיק ביי זיין פאָטער אין שניט־קראָם און ס'איז אים געווען וואויל ווי די וועלט.

הענאָכ'ן איז מיט אַמאָל איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף אַ וואַנ־דער טאָן איבער דער וועלט. „ס'איז אים נמאס געוואָרען". האָט ער זיך באַקלאָגט, צו זיצען שטענדיג אויף איין אָרט. ער וויל אָנזען אַ וועלט. די עלטערען האָבען אים ניט געלאָזט. ער האָט זיי אָבער ניט געהערט, ער איז פּלוצלונג אַפּגעפאָרען קיין אַמעריקע.

זייט דאַן זיינען אַריבער יאָרען. כ'האָב פון הענאָכ'ן ניט געהערט. דעם אמת געזאָגט, האָט ער מיר ניט אינטערעסירט. איך האָב זיך קיינמאָל אויף אים ניט נאָכגעפרעגט. מיר זיינען, אמת, געווען אַמאָל שכנים; ווען ער האָט געשפּילט אויפ'ן פידעל האָב איך ליב געהאַט צו הערען. מיר האָבען זיך אַפילו פון צייט צו צייט דורכגערעדט, אַמאָל גענומען אַ שפּאַציר צוזאַמען, קיין חברים אָבער זיינען מיר ניט געווען.

איצט, ווען איך האָב זיך מיט אים פּלוצלונג געטראָפען און דערזען ווי ער זעט אויס, ווי ער האָט זיך דורך דער צייט געענ־דערט סיי אינערליך, סיי אויסערליך, האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. כ'האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, דערפילט די ניט־זיכערקייט און באַדענלאָזיגקייט פונ'ם אייגענעם לעבען...

נאָכ'ן לעצטען אַקט האָט ער מיר אָפּגעוואַרט, געבעטען כ'זאָל זיך מיט אים אַביסעל דורכגיין. ער וויל זיך מיט מיר דורכריידען.

מיר זיינען געגאַנגען איבער דער עוועניו און געשמועסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין פיר דערוואַקסענע קינדער, אַלע געלערנטע. איין טאָכטער איז אַ סקול־טיטשערין, אַ זון לערנט פאַר לאָיער, נאָך אַ מיידעל איז אַ פּיאַנאָ לערעריןאון די אינגסטע טאָכטער גייט אין האַי־סקול.

— ווי קומט עס — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — וואָס איר... איך מיין דו... ביזט געווען אין טעאַטער אַליין, אָן דיין פרוי? ענטפער מיר, איך בעט דיר, אויף דו... איך קען ניט פאַרטראָגן ווי דו איר׳צט מיר...

— נו, זאָל זיין דו... כ׳מיין, אַז דו ווילסט...— איז ער ווי לעבעדיג געוואָרען פון מיין פריינטליכע באַציאונג צו אים, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס באַציען זיך צו אים מיט פריינטשאַפט און ווירדע איז ביי אים אַ נייעס — דו... דו... פאַרשטייסט, מיין אַניוטע, מיין ווייב מיין איך, גייט ניט אין אידישען טעאַטער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צו גוט און וואויל איז אים ביי זיין ווייב ניט און איך האָב געפרעגט:

— האָסטו טאַקע, דאָ, אין אַמעריקע חתונה געהאַט?

— נעווים דאָ — האָט ער מיט אַ זיפץ געענטפערט — קומענדיג אַהער האָב איך זיך געגוג אָנגעליטען, קיין מלאכה האָב איך ניט געקענט, האָב איך אַביסעל אונטערגעהונגערט ביז אַ לאַנדס־מאַן האָט אויף מיר רחמנות געהאַט און מיר אַריינגענומען צו זיך אין שאַפּ, וואו כ׳האָב זיך אויסגעלערענט מאַכען „העטס". געשטאַנען און זיך געבראָטען אַנטקעגען „סטים", וואו מען סטימט די העטס: די הויט איז מיר אַזש פון די הענט און פון דעם פּנים אַראָפּגעקראָכען... חתונה געהאַט האָב איך טאַקע מיט׳ן לאַנדס־מאַנ׳ס אַ מיידעל, דאַמאָלט נאָך אַ האַלבע גרינע, היינט אָבער איז זי אַז „אַמעריקאַנער ליידי" און עס שטייט איר שוין ניט אָן קיין אידיש טעאַטער — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ דראַבנעם נאַליג געלעכטעריל.

— און דו אַרבייסט נאָך אַלץ אין שאַפּ? האָב איך געפרעגט.

— מ׳אַרבייט, מ׳אַרבייט, ברודער, אַ ברירה האָט מען! די הוצאה איז גרויס, אויסהאָדעווען קינדער אין אַמעריקע איז ניט

קיין קליינינקייט. ס׳איז ניט ביים טאַטען אין דער היים. דאָ, אַז מען וויל קינדער מאַכען צו לייט, מוז מען שווער אַרבייטען, און איך אַרבייט... דו געדענקסט מיין שיינע קאָפּ האָר — האָט ער מיר אַנגעוויזען מיט׳ן האַנט אויפ׳ן קאָפּ — וואו זיינען זיי איצט? צובריט און צופאַלען געוואָרען פונ׳ם קאָכעדיגען סטים. וואָס עסט מיך שוין פאַר די לעצטע עטליכע און צוואַנציג יאָר... און וואָלט עס כאָטש זיין אָנגעלייגט — האָט ער דערענדיגט טרויעריג — וויים איך וואָס? ! מען האָט אַ גרויסען ווערט ביי זיי...

— און וואו וואוינסטו? — בין איך געוואָרען נייגעריג.

— אַ, וואוינען, וואוין איך שוין גאָר שיין. ווייסט דאָך, דערוואַקסענע מיידלאַך, און נאָך אַזעלכע מיידלאַך! מען מוז וואוינען שיין. די טאָכטער די טיטשערקע העלפט מיר אַביסעל אַרויס, און וואוינען וואוינען מיר אין די בראָנקס.

— ווייסטו גאָר וואָס — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — אויב דו ווילסט און האָסט צייט, פאָר זיך גאָר דורך צו מיר אַהיים, דו וועסט ביי מיר זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— גוט, איך וועל פאָרען מיט דיר — בין איך נייגעריג געוואָרען צו קענען זיין פאַמיליע און מיר זיינען אַוועק צום סאָבוויי.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין הויז זיינען אונז אַנטקעגען געקומען אַ פּאָר פון זיינע מיידלאַך, שיין און „פלעפּעריש" פאַר־פּוצט. זיי זיינען אונז פאַרבייגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטען אונז ניט באַמערקט...

הענאָך איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט פון די טעכטער׳ס אויפנאַמע. ער האָט אויף מיר געוואָרפען אַ פאַרשעמטען בליק און צומישט אַרויסגערעדט:

— אַמעריקאַנער קינדער... שטענדיג ביזי... שטענדיג פאַר־נומען... נאָר מען האַלט אין לויפען... באַמערקען ניט וואָס אונטער׳ן נאָז טוט זיך...

דאָס זאָגענדיג האָט ער זיך דערווייל אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָרט, וואו מיך אַריינצוזעצען.

איך האָב גלייך באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער פילט זיך דאָ, אין דעם הויז, ניט צו היימיש...

דערווייל איז אָנגעקומען זיין ווייב, אַ פרוי פון אַ יאָר פינף־

און־פּערציג, אַ נידעריגע און פּעטליכע, מיט לאַנגע אויערינגלאַך אויף אירע פּולע אויערען. די האָר „געבאַבט״, דאָס פּנים אונטער־געפאַרבט; זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט איצט געקומען פון ביוטי פּאַרלאָר.

דערזעענדיג איר מאַן מיט אַ גאַסט, איז זי שטיין געבליבען מיט אַ מינע פון איבעראַשונג, ווי זי וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס איר מאַן איז געקומען מיט נאָך אַ מענשען, וואָס דאָס איז אַפּנים ביי אים געווען אַ זעלטענהייט. זי האָט מיך אָפּגעמאָסטען פון אויבען ביז אַראָפּ מיט אירע בליקען, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי זי באַדאַרף מיט איר מאַנ׳ס גאַסט פאַרנעמען איר צייט. ווי ס׳האָט אויסגעוויזען, האָט זי פון איר מאַנ׳ס פריינט ניט צופיל געהאַלטען.

הענאַך, אַ צוטומעלטער, האָט דערווייל אויסגענוצט די גע־לעגענהייט און מיר פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז מיין פריינט, מאַקס סילווער, אַ לאַנדסמאַן.

— פּליעז טו מיט יו — האָט זי זיך אַ קאָקעטישען נויג געטאָן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז איך האָב ביי איר אויסגענומען.

— לאַיקווייז — האָב איך זיך אויך פאַרנויגט.

— וואָס שטייט איר, קומט אַריין אין פּאַרלאָר — האָט זי האַלב אין אידיש האַלב אין ענגליש געזאָגט.

הענאַך האָט זיך דערפילט פרייער, קענטיג, אַז צוליב דער גאַסטפריינטליכקייט צו מיר האָט ער אויך גענאָסען אַ גוט וואָרט.

זי האָט מיר אַריינגעפירט אין פּאַרלאָר און מיך פאַרגעשטעלט פאַר אירע טעכטער און פאַר׳ן זון. די קינדער האָבען מיר עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זיך געוואונדערט, וואו עס האָט זיך צו זייער פאָטער גענומען אַ פריינט פון אַ גאַנץ אַנדער טיפּ און אויסזען ווי ער, זייער פאָטער איז אַליין.

אויף הענאַכ׳ן האָט מען זיך כמעט ניט אומגעקוקט, ער איז געשטאַנען אַ ווייטער, אַ פרעמדער אין אָפּגעזונדערטער איינ־זאַמקייט, ווי ער וואָלט ניט באַלאַנגט צו דעם הויז, ווי ער וואָלט צופעליג אַהער פאַרבלאָנדזשעט. זיין גאַנצער גאַנג און אויסזען האָט זיך עפּעס ניט אַריינגעפּאַסט אין אָט דעם שיינעם אויפ־געראַמטען הויז, מיט דער אויסגעפּוצטער ווייב, און יונגפרייליכע

ענגליש־ריידענדע פּלעפּערישע טעכטער. ער האָט אויסגעוויזן קאָמיש און אומבאַהאָלפן.

אַ געפיל פון רחמנות האָט מיר אַרומגעכאַפּט צו אים, דעם אַמאָליגן בעל־הבתישן זונ'דל. דעם היימישן פּראַנט, דעם וואויל־קענער פון אונזער שטעטל, דעם ליבלינג פון די מיידלאַך. איך האָב פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ לעכערליכער לאַגע ער געפינט זיך. איך האָב אים שטילערהייט באַדויערט און מיטגעפילט.

„אַט אַ מענש" — האָב איך געטראַכט, — „געווען אַ פרייער. אַ זאָרגלאָזער יונגערמאַנטשיק, וועמען עס האָט ניט געפיילט אין דער היים, ביי זיינע עלטערן, פון פויגעל־מילך, איז מיט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדע לאַנד, וואו אַן אָרימער אַרבייטער. אַ לאַנדסמאַן, האָט אים פאַרזאָרגט מיט אַ "דזשאָב" און — מיט אַ ווייב, טאַקע זיין אייגענע טאָכטער, פאַר וועלכע ער האָט אַלע זיינע יאָרען שווער געאַרבייט און אַרבייט נאָך ביז היינט, פאַר־זאָרגט די הויז, מאַכט די קינדער צו לייט, אַלץ פון זיין שווערע פּראַצע. און ער אַליין? ער איז פאַרבליבן אַ גרינער, אויס־געאַרבייטער, אויסגעקוועטשטער „לעמאַן" און האָט ביי ווייב און קינדער אַ פּנים פון חוזק...

— טשיר אַפּ באָי! — האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן, ווען מיר זיינען געבליבן אַליין אין פּאַרלאָר, — וואָס דרייסטו זיך אַרום ווי אַ פרעמדער אויפ'ן יאַריד?

— ניטאָ קיין מוט, ברודער! פאַרשטייסט? די אַרבייט האָט מיר דערשלאָגן, צוקריפּעלט די נשמה מיט'ן גוף. קיין צייט ניט געווען צו לערנען און איך בין געבליבן הינטערשטעליג...

— אָבער דער בעל הבית פון הויז ביסטו דאָך, דו אַרבייסט, לייגסט אַוועק די כחות און פאַרזאָרגסט זיי אַלעמען און דו דאַרפסט ניט זיין אַזוי געפאַלען ביי זיך, פאַרגעס ניט, אַז דו שטאַמסט פון אַ באַלעבאַטיש הויז, אַ היימישער וואויל־קענער...

— עט, וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס דאָ אַלץ? — האָט ער אַ טיפען זיפץ געטאָן, און אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ.

— יאָ, גוט וואָס איך האָב זיך דערמאָנט. וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין פידעל שפּילען, שפּילסט נאָך אַמאָל?

— האַ? — האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ווי מען וואָלט

אים פלוצלונג אויפגעוועקט אַן אַלטע וואונד — צו איך שפּיל אויפ'ן פידעל? אָ, ניין, איך האָב שוין קיין פידעל אין האַנט ניט געהאַל־טען איך געדענק שוין ניט די צייט. ניט ס'איז געלעגען אין זינען, ניט ס'איז געווען די געלעגנהייט, מען איז שטענדיג דערשלאָגען...

— אַ שאָד, אַ שאָד, האָסט געהאַט אַ שיינעם טאַלאַנט צום שפּילען — האָב איך באַדויערענד ארויסגערעדט.

— און וועמענס פידעל איז דער? — האָב איך אים געפרעגט באַמערקענדיג אויף דער פּיאַנאָ ליגען אַ פידעל.

— אָ, דאָס איז מיין אינגסטער טאָכטער'ס. זי נעמט לעסאָנס אין פידעל שפּילען.

— אָנו, פּראָביר אדרבה געבען אַ שפּיל, לאָמיר הערען צי דו געדענקסט נאָך עפּעס. האָב איך ארונטערנעמענדיג דעם פידעל אים דערלאַנגט אין האַנט אריין.

— עט, וויים איך וואָס? — האָט זיך הענאָך אָפּגעוואָרפען.

— כ'מיין אַז איך האָב שוין אינגאַנצען פאַרגעסען.

— אָבער פּראָבירען מעגסטו דאָך — בין איך צו אים צוגע־שטאַנען — טו מיר צוליב און פּראָביר... וואַרט, לאָמיר זיך נאָך דערמאָנען וואָס... דו געדענקסט ווי דו פלעגסט אַמאָל שפּילען טשייקאָווסקי'ס ראָמאַנס?

— אָ, טשייקאָווסקי'ס... טשייקאָווסקי'ס ראָמאַנס... — האָט ער גערעדט ווי פון חלום, — יאָ, איך געדענק...

און ווי ער וואָלט מורא האָבען ער זאָל עס ניט פאַרגעסען, האָט ער מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דעם פידעל, אים צוגעלייגט צום אַקסעל, און אַ פּאָר מאָל אַ שוואַכען פיר געטאָן מיט'ן האַנט איבער די סטרונעס, ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, צי זיינע פינגער דינען אים נאָך... און ער האָט אָנגעהויבען שפּילען.

אָנפאַנגס איז ער געווען שטאַרק נערוועז, ווי ער וואָלט באַ־דאַרפט אויפטרעטען אין אַ זאַל פאַר אַ גרויסען עולם: דאָס שפּי־לען איז אים אָנגעקומען שווערליך, ער האָט געשפּילט שטיל און איינגעהאַלטען. זיינע פינגער האָבען זיך ווי געליימטע געגליטשט איבער די סטרונעס. אָבער מיט יעדער רגע איז אים די האַנט געוואָרען לייכטער, די טענער קלאָרער און העכער, דאָס שפּילען זיכערער, אויסגעהאַלטענער, ביז ער האָט זיך צולאָזט אין פולען שוואונג...

איך בין געווען איבערראַשט צו זען, ווי הענאָך האָט זיך אין עטליכע מינוט געענדערט. ער איז גאָר געוואָרען אַן אַנדער מענש, זיין איינגעקנייטשטער גוף האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָרען באַוועגליך, זיינע אויגען האָבען באַקומען דעם גלאַנץ פון אַמאָל.

עס זיינען אַריינגעלאָפען די ווייב מיט'ן זון און די טעכטער און געבליבען ווי פאַרשטיינט פון פאַרוואונדערונג זעענדיג ווי דער שטענדיגער איינגעקנייטשטער און ניט באַמערקטער מאַן און פאָטער זייערער שפּילט אַזוי שיין אויף'ן פידעל. זיי האָבען ניט געוואָלט גלויבען זייערע אייגענע אויגען.

— פּאָפּאָ איז פלעיאינג וואיאָלין! — איז געוואָרען אַ שטילער געמורמעל צווישען דעם ברודער מיט די שוועסטער. די ווייב איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע מיט אַ האַלב אָפענעם מויל, ווען אַ מענש ווערט פּלוצלונג פון טויט לעבעדיג וואָלט עס ניט אַרויסגערופען קיין גרעסערען וואונדער.

און הענאָך איז טאַקע מיט אַ מאָל ווי פון טויט לעבעדיג געוואָרען. מיט אַ מאָל גאָר אַן אַנדער פּנים באַקומען ביי ווייב און קינדער אין די אויגען. זיי זיינען געשטאַנען און געגאַפט.

ווען הענאָך האָט געענדיגט, זיינען אים די טעכטער מיט'ן זון באַפאַלען מיט פראַגען:

— פּאָפּאַ, ווהער ענד ווהען דיד יו לאירן דהאַט?

זיי האָבען גאָר ניט געקענט קומען צו זיך פון איבערראַשונג.

הענאָך איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלאָרענער פון דעם טומעל, וואָס זיין שפּילען האָט פּלוצלונג אַרויסגערופען. עס איז שוין אָבער ניט געווען די פאַרלאָרענקייט וועלכע קומט פון געפאַלענקייט און הילפלאָזיגקייט, נאָר אַ פאַרלאָרענקייט וואָס קומט פון ערפאָלג, דערהויבונג און אָנערקענונג.

—פּלעי, פּאָפּאַ, עי ליטעל מאָר! — האָבען די קינדער געבעטען.

און הענאָך האָט מיט אַ מאָל באַקומען מוט, זיך געלאָזט אַ ביסעל בעטען, ענדליך האָט ער איינגעווילגט. ער האָט געשפּילט און די טאָכטער די פּיאַניסטקע האָט אים באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ.

שפּילענדיג האָט הענאָכ'ס פּנים געשטראַלט פון פרייד. וועגען אַזאַ גליק צו ווערען פּלוצלונג אַזוי אויפגעריכט האָט ער קיינמאָל ניט גע'חלום'ט.

א ממזר

דערהערט אז ביי זיינע לאנדסלייט איז א באל, האט זיך דייוו פארפוצט אין די שענסטע זאכען, אנגעטאן זיין גאלדענע „וואטש און טשיין", פארשטעקט די „דיימאנד פין" טיף אין זיין „גאלד"-באבלומטען „טיי", אזוי אז זי זאל זיך ניט פארלירען. אריינגעלייגט עטליכע פון זיינע ביזנעס-קארטלאך אין זיין וועסטען-קעשענע, און זיך געלאזט גיין צום באל.

געגאנגען איז ער מיט א שווער געמיט, מיט א טרויעריגען באוואוסטזיין אז ער וועט קיין נחת אויפ'ן באל ניט האבען. ער קען זיי שוין, זיינע לאנדסלייט, זייער באנעמונג צו אים איז אים שוין ניט פרעמד זיי קענען אים קיינמאל ניט מוחל זיין זיין פארגאנגענהייט. זיי גיבען עס אים צו פילען אויף שריט און טריט א וואו נאר ער באגעגענט זיך מיט זיי. זייערע פאראכטליכע בליקען זוכען אים שטענדיג צו דערמאנען, אז ער איז ניט דער-זעלבער ווי אנדערע, וועלכע האבען טאטעס און מאמעס, וועלכע מען קען און מען וויים. און ער? ער איז א צוגעווארפענער פון אומבאקאנטע, פארשוואונדענע מענשען, וועלכע האבען אים אין זייער שטעטעל אלס ניי-געבוירען קינד איבערגעלאזען אויף הפקר...

א ווי דאס קריינקט אים און באליידיגט אים!... ווי מיט שארפע מעסערס שניידען אים זייערע בליקען זיין לייב. און אין דער טיפעניש פון זיין הארץ טוט אים אזוי וויי... עפעס ברענט און גליט אין אים א העלישער פייער פון אלטע און נייע וואונדען, וועלכע ווערען קיינמאל ניט פארלאשען...

ער האט טאקי דערפאר זיינע לאנדסלייט א לאנגע צייט אויסגעמידען... אנטלאפען פון זיי וואו דער שווארצער פעפער

וואַקסט. געלעבט אין פרעמדע קרייזען, באַלאַנגט צו פרעמדע פּאַראַיינען, געטאַנצט אויף פרעמדע שמחות...

דאָס איז אָבער אַלץ געווען דאַמאָלט, ווען ער איז מיט שווערער מי אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, אַן אָרימער און עלענטער אינגעל. געליטען הונגער, זיך אַרומגעדרייט איבער די פרעמדע גאַסען אַן אָפּגעריסענער און געזוכט אַ „דזשאָב" ביז דער איד פון דרייגודס סטאָר האָט אים אַריינגענומען.

איצט, ווען ער איז רייך, האָט אַן אייגענע גוט־גייענדע ביז־נעס און ווערט אַלע טאָג רייכער, איצט האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ ווילדער פאַרלאַנג דוקא זיך צו באַגעגענען מיט זיינע לאַנדס־לייט; זאָלען זיי אים אָנקוקען און זען ווי „דוד'ל ממזר", (ווי זיי האָבען אים גערופען) ווייזט אויס. זאָלען זיי זיך דערוויסען פון זיין רייכטום און צופּלאַצט ווערען פון קנאה; דאָס וועט זיין זיין גרעסטע נקמה...

דער באַל איז געמאַכט געוואָרען צו העלפען זייער היימישע שטעטעלע, און כמעט אַלע לאַנדסלייט זיינען געקומען העלפען מאַכען דעם באַל פאַר אַן ערפאָלג.

פאַרשידענערליי קלאַסען לאַנדסלייט האָבען זיך דאָ אויס־געמישט. יונגוואַרג וועלכע זיינען שוין געבאָרען געוואָרען אין אַמעריקע, די קינדער פון די לאַנדסלייט, וועמען עס איז ניט קיין אונטערשיד צו וועלכען צוועק דער באַל איז געמאַכט געוואָרען, אַבי זיי קענען טאַנצען און זיך אַמוזירען.

עס האָבען זיך אויך געפונען לאַנדסלייט קאַבּלעפּעל, וועלכע האָבען ליב צו טאַנצען אויף אַלע חתונות... טומלען זיך און שרייען אום מען זאָל מיינען ווער וויים וואָס פאַר אַ גרויסע אַר־בייטען זיי האָבען אויפגעטאָן...

ניט קיין קליינע טייל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון די היימישע געוועזענע יחסנים, וועלכע האָבען אינ'ם היימישען שטעטעל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, געפירט דאָס שטעטעל פאַר'ן נאָז, געהאַלטען פון זיך אַ וועלט. אַריבערגעקומען זיינען זיי אַהער צוליב פאַרשידענע אורזאַכען. דאָ אָבער אינ'ם ווייטען און

פרעמדען לאַנד זיינען זיי פאַרלאָרען געוואָרען... אויסגעמישט געוואָרען מיט'ן טויזענט־כוואַלעדיגען המון... קיינער קען זיי ניט, און קיינער ווייס זיי ניט... קומען זיי צום באַל זיך אָפּפרישען... ווייזען זיך פאַר די לאַנדסלייט אין זייער אַמאָליגער גדולה... גייט מען אַרום איבער'ן האַל פּאַרלעב־ווייז און גרופּען־ווייז און מ'בלאָזט זיך... מען מאַכט דעם אָנשטעל ווי אַמאָליגע צייטען אין דער היים — קהל זאָל זיך דערשרעקען...

אַ סך אָבער זיינען געקומען אמת־ערנסטע. די טוער, די, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבען טאַקי איבערגעגעבען צו העל־פען די אָרימע ברידער און שוועסטער פון דער אַלטער היים.

מוזיק האָט געשפּילט און פאַרלאַך האָבען לוסטיג געטאַנצט. זיך געדרייט אין קאַרעהאַד, אין יוגענטליכען צוהיצטען באַגער נאָך פרייד און גענוס. עס איז די מינוט קיינעם פון די טענצער אַפילו ניט איינגעפאַלען אַז מיט יעדען טאַנץ זייערען טאַנצען זיי אויס אַ שטיקעל ברויט פאַר אַ הונגעריגען, אַ ביסעל מילך פאַר אַ קינד...

דייוו האָט זיך אַרומגעדרייט צווישען עולם אַ פרעמדער... זיך אויסגעמישט אין דער ענגשאַפט, און ניט געקענט געפינען קיין אָרט פאַר זיך...

קיינער, האָט זיך אים געדאַכט, דערקענט אים ניט, און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום... יעדער איז פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין משפּחה, און מיט זיינע באַקאַנטע... מען רעדט, און מען פרעגט זיך נאָך איינע אויף די אַנדערע, און מען דערציילט זיך געשיכטעס, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער אַלטער היים..

אָנפאַנגס האָט דייוו'ן הנאה געטאָן וואָס מען דערקענט אים ניט, און ער קען אומגעשטערט אַרומגיין ווי אַ ווילד־פרעמדער און זיך צוהערען און זיך צוקוקען צו אַלץ וואָס גייט פאַר אַרום אים.

באַלד אָבער האָט זיך זיין געפיל געביטען. עס האָט אים אָנגעהויבען פאַרדריסען זיין עלענטקייט און זיין איינזאַמקייט און זיין וויסט לעבען אויף דער וועלט...

אַז אומעטיגער, אַ פאַרטראַכטער האָט ער זיך אַרומגעדרייט

איבער'ן האַל, ניט הערענדיג מער אַפילו די קלאַנגען פון די מוזיק און ניט קוקענדיג מער אויף די טאַנצענדע פּאַרלאַר.

אַן אומעט, אַ שווערער און אַ דריקענדער, האָט געפּרעסט זיין האַרץ... און אַ לויה־שטימונג האָט ארומגענומען זיין נשמה...

„ווער בין איך? און וואָס פאַר אַ פינסטערער מזל האָט מיר געבוירען?" — האָט ניט אויפגעהערט האַמערען אין זיין מח — „וועמענס בין איך? און מיט וועמען געהער איך זיך אַן?"

זיין גאַנצער טרויעריגער לעבען, זייט ער איז צו זיין שכל געקומען האָט זיך ווי פון אונטער אַ שלייער אָנגעהויבען אַפּוויק־לען פאַר זיין געדאַנק. האָבענדיג דאָס געפיל, אַז ער געפינט זיך צווישען לאַנדסלייט, האָבען פאַרשידענע עראינערונגען, ווי גליענדע פונקען, אויפגעבליצט פאַר זיינע אויגען. לאַנג פאַרגאַנגענע בילדער האָבען פאַר אים אויפגעלויכטען...

ער האָט זיך דערזען אין זיין היימישען שטעטעל, וואָס איז קיינמאָל קיין היים פאַר אים ניט געווען... וואו מען האָט אים ארומגעיאָגט ווי אַן עלענטען הונט, ניט געטאָגט וואו גענעכטיגט, ניט גענעכטיגט וואו געטאָגט: קלעפּ, שמיץ און הונגער זיינען געווען זיינע אייביגע באַגלייטער...

היינט וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון רבי'ן און פון די קינדער! דער תלמוד־תורה מלמד האָט אים שיר ניט דעם לונג אָפּגעהאַקט, און די קינדער האָבען זיך מיט אים געשעמט און אים גערופען: „דודל ממזר!"

„ממזר!"

ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז אימיצער האָט אים דערקענט און אים אַ רוף געטאָן ביים היימישען נאָמען.

ער האָט זיך פאַרלאָרען ארומגעקוקט. קיינער אָבער האָט אים ניט דערקענט און קיינער האָט אים ניט גערופען.

ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער מוזיקאַנט אויפ'ן פּויק האָט עטליכע שטאַרקע קלעפּ געגעבען — אַ צייכען אַז אימיצער פון דער רעליף קאָמיטע וויל עפּעס ריידען.

דער עולם האָט זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטאָן נעענטער צום רעדנער.

דייוו, אַ פאַרצאַרנטער איז מיטגעשלעפּט געוואָרען נאָכ'ן עולם.

דער רעדנער האָט פאַר'ן עולם ערקלערט דעם צוועק פון היינטיגען באַל. אין רירענדע ווערטער האָט ער געשילדערט די ביטערע אָרימקייט און נויט, וועלכע זייערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים האָבען אויסצושטיין. וואו אַ האַלב שטעטעל האָט כמעט ניט קיין דאַך איבער'ן קאָפּ און די קינדער זייערע גייען אויס פון הונגער...

דער עולם, פאַרגעסענדיג זיך אַ ווייל אַז דעם באַל, איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט מיט ערנסט און מיט מיטגעפיל. ביי מאַנכע זיינען די אויגען געווען פאַרטרערט. עס איז קענטיג געווען אַז זיי זיינען שטאַרק גערירט...

דייוו איז געשטאַנען צווישען עולם און זיך צוגעהערט מיט'ן גרעסטען אינטערעס צו דעם רעדנער. געקוקט אויפ'ן רעדנער מיט אָנגעשטרענגטע בליקען און געשלונגען זיין יעדען וואָרט.

און מערקווירדיג, וואָס מער דער רעדנער האָט אין שוואַרצע פאַרבען געמאָלען די ביטערע לאַגע פונ'ם שטעטעל, פון די מענשען, אַלץ מער האָט דייוו געפילט, ווי אין זיין האַרצען צוואַוואַקסט זיך אַ ווילדע און טיפע הנאה, פייערלאַך פון האַס און נקמה האָט אַ לויכט געטאָן אין זיינע פאַרוויינטע אויגען...

„גוט! גוט אַזוי! — האָט אין אים געברויזט אַ ווילדער כעס — זאָלען זיי אויך פילען דעם טעם, וואָס איך האָב ניט איין מאָל געפילט. זאָלען זיי אויך בעטלען און שלאָפען אונטער'ן הימעל מיט די קינדער אויפ'ן גאַס, ווי איך פלעג עס טאָן. אָט וואָס דוד'ל ממזר ווינשט אייך!" — האָט ער שטיל אין זיך געברומט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה.

דער רעדנער האָט געענדיגט מיט אַ האַרציגען אַפּיל פאַר הילף.

דער עולם האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען. די הערצער זיינען נאָך געווען טיף גערירט פון רחמנות צו די אומגליקליכע.

עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן געלט פון אַלע זייטען. צו צען און צו פינף און צו איינצעלנע דאָלאַרס. עס האָט געמאַכט דעם

איינדרוק אַז אַ געבענשטער דאָלאַר־רעגען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. דורך וועלכען עס וועט אַרויסקומען ברויט פאַר די היימישע הונגעריגע.

צווישען דער מאַסע באַקאַנטע געבערישע הענט האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען אַ האַנט אַ פרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע; אַ וואָרף טוענדיג איז דער גיך אַ טשעק צו דעם רעדנער, איז די האַנט גיך פאַרשוואונדען...

דער רעדנער האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן טשעק און איז געבליבען שטיין אַ צוטומעלטער... ער האָט זיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען.

— הונדערט דאָלאַר! — האָט ער פאַרוואונדערט אויסגע־רופען. ווער איז ער? וואו איז ער דער גוטער מענש?

צווישען עולם איז געוואָרען אַ טומעל. יעדער האָט זיך אַרום־געקוקט, געפּרואווט זוכען די געהיימניספולע פּערזאָן.

דייוו אָבער איז שוין געווען אויפ'ן וועג צום אַרויסגאַנג.

ער האָט נאָך פאַספּייעט צו הערען ווי דער רעדנער האָט הויך אויסגערופען:

„געבענשט זאָל זיין די אומבאַקאַנטע האַנט!“

דייוו האָט אַ פאַרקרימטען שמייכעל געטאָן.

אַ „חתונה“

מען האָט זיך געגרייט צו דער טאָכטער'ס חתונה.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי „געגרייט“; אין אמת'ן איז זיך ניט געווען וואָס צו גרייטען.

די חתונה וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען איז געווען ניט מער ווי אַ „צוליבטאָנעניש“ פון דער טאָכטער'ס זייט.

די טאָכטער, אַ פרייע, אַן אויפגעקלערטע, וואָס לייענט ביכער און נעמט אַן אנטייל אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט, האָט שוין לאַנג אָפּגעבראָכען מיט די „נאַרישע צערעמאָניעס“, וואָס האָט געהאַלטען די מענשהייט פאַרשקלאַפט דורות און דורות.

זי האָט געגלויבט, אַז וואָס עס אַנבאַלאַנגט איר פּריוואַטען לעבען, באַדאַרף זיך קיינער ניט אַריינמישען. די חתונה, דאָס איז די ליבע, און די מחותנים — דער פרייער ווילען.

זיינען נאָך אָבער טאַטע־מאַמע אַלץ פאַרבליבען „אַלט־פרענקישע“ מענשען, וואָס רעכענען זיך ניט און ווילען ניט וויסען פון דער נייער צייט מיט די נייע מנהגים. זיי האָבען זיך ניט געקענט אויף קיין פאַל פאָרשטעלען, ווי אַזוי האָט עס אַ קינד חתונה אָן אַ חתונה?

די מוטער איז געווען אויסער זיך, ווען די טאָכטער האָט איר ערקלערט, אַז זי וועט ניט פּראַווען קיין חתונה ווייל, ערשטענס, גלויבט זי ניט אין דעם, און, צווייטענס, האָט זי ניט ליב דעם גאַנצען טומעל און טאַראַראַם וואָס מען מאַכט אויף אַ חתונה... מענשען ווילען זיך טומלען, אַמוזירען, זאָלען זיי גיין אין אידישען טעאַטער... וואָס האָט מען צו איר?...

האָט די מוטער געוויינט און געקלאָגט. אַזוי לאַנג געוואָרט

אויף אַ שטיקעל נחת, און צום סוף, נאַ דיר! עס האָט זיך איר געליינט די האַדעוואַניע...

דער פאָטער, אַ פרומער, אַ שול-מענש, וואָס לערענט אַלע אָווענט „עין יעקב" פאַר'ן עולם, האָט גאָר געקערט וועלטען: — אַזאַ חרפּה! אַזאַ בושה! ער וועט ניט קענען ווייזען די אויגען אין שול. געגנוג האָט אים שוין דאָס טעכטערל פאַרשוואַרצט דאָס פּנים מיט אירע „ספּיטשעס" וואָס זי האַלט אַרום די קאָרנערס פאַר די „ציצאַליסטען". וואָלט זי כאָטש אַוועק דרשנ'ען ערגעץ אין אַן אַנדער געגענט. דאָרט וואו מען קען אים ניט, איז דרייט זי זיך דוקא אַרום דאָ, אין „זיין" געגענט און דרשנ'ט...

ער איז אַמאָל צופעליג פאַרבייגעגאַנגען און דערהערט פון דערווייטענס איר שטימע. עס זיינען אַפילו געשטאַנען אַ סך מענשען און זיך צוגעהערט... איז ווען עס עפענט זיך דאַ־מאָלסט אויף אַ גרוב, וואָלט ער זיכער אריינגעשפּרונגען, אבי די חרפּה ניט צוזען.

אַ שיין פּנים האָט עס! ער, דער טאַטע, אַ בעל-דרשן אין בית המדרש, און זי, די טאָכטער, אַ דרשנ'טע אויפ'ן גאַס...

וואַרפען עס אים די אידען אין שול אָפּט אויף. — פאַוואָס, טענה'ן זיי, דערלאָזט ער דאָס? ער, אַזאַ פרומער און ערליכער איד, אַ למדן, זאָל דערלאָזען צו אַזאַ אומ'כבוד!

גיי לאָז ניט, אַ גרויסע דעה האָט ער איבער איר!

עס טריפט אים טאַקע דאָס בלוט יעדען מאָל ווען ער הערט עס.

און גיי דערציייל זיי, זיינע שול-חברים, אַז אַ חוץ אַט דעם „חסרון", וואָס זי האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, איז זי דוקא אַ וואויל קינד, האָט זייער אַ גוט האַרץ, גיט אַוועק אַלץ, וואָס זי פאַרדינט, האַלט כמעט אויף די גאַנצע הויז, און זי אַליין האָט אַפילו ניט אַ רעכט קליידעל אויפ'ן לייב...

און קומט אַמאָל אַריין אַן אָרימאַן אין הויז, וועט זי אים שוין ניט אַוועקלאָזען מיט ליידיגען, דעם לעצטען סענט וועט זי אים אָוועקגעבען.

גיי דערציייל עס זיי, זיי וועלען עס אים אסור וועלען גלויבען!

ער ווען זי וואָלט נאָר ניט געווען אַזוי משוגע, וואָלט ער פון איר געהאַט אַ פּיין ביסעל נחת !......

צום סוף האָט די טאָכטער פּאַרט נאָכגעגעבן. באַשטאַנען עס זאָל זיין אַ חתונה טאַקע ביי אירע עלטערן אין הויז.

זי האָט ניט געקענט פּועל'ן ביי זיך צו פאַרשאַפן אַזוי פיל צער און הארץ ווייטאָג אירע אַלטע טאַטע־מאַמע...

דער באַשלוס איז איר ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

זי האָט, ערשטענס, באַדאַרפט פּועל'ן ביי איר „פריינט". וואָס איז אין דעם זין נאָך שטרענגער פון איר, ער זאָל באַשטיין דורכצומאַכן די „צערעמאָניע".

ער האָט זיך אַ שיין ביסעל געקווינקעלט. צו ענד איז ער דאָך באַשטאַנען, פאַרזיכערענדיג אַז ער טוט עס בלויז צוליב דער ליבע...

צווייטענס, האָט זי באַדאַרפט איבערצייגען אירע קאַמפּס־חברים אין דער וויכטיגקייט פון ניט פאַרשאַפן קיין קריינקונג טאַטע־מאַמען.

אָבער דאָ איז עס איר שוין ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

זי האָט זיך אָנגעשטויסען אָן אַ שטאַרקע געגנערשאַפט...

— דו זאָלסט עס טאָן ? — האָט מען צו איר פון אַלע זייטען גע'טענה'ט.

עס האָבען ניט געהאָלפען אירע אַלע אַרגומענטען, אַז חתונה האָבען איז אַ פּריוואַטע זאַך, אַז אום צופרידענצושטעלען עלטערן, מוז מען זיך אַמאָל נאַריש מאַכען. אירע פריינט זיינען אָבער מיט איר ניט געווען איינשטימיג און זיינען געבליבען אומצופרידען.

„הייסט עס, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך אירע פריינט, וועלכע זיינען שוין כלומר'שט אויפגעקלערטע און מיט אַ ברייטערען בליק אויפ'ן לעבען, קענען ניט אָדער ווילען איר ניט פאַרשטיין און ווי געהעריג אָפּשאַצען איר באמת גוט־געמיינטע טאַט — היינט ווי קען זי פאַרלאַנגען אַז אירע עלטערן, וועלכע זיינען אַלטע און פרומע מענשען, און וועמענס גאַנצער גליק באַשטייט אין אַ קינד'ס חתונה זאָלען אין דעם זין זיין מער פאַרגעשריטען ?"

און אויב איר איז ניט ליב און אַנגענעם צו הערען די פאַר־ווירפע פון אירע ראַדיקאַלע פריינט, טאָ ווי וועט עס איר טאַטען

לייכט זיין צו הערען די פּאָרווירפע פון זיינע רעליגיעזע פריינט און דער מאַמען פון אירע פרומע שכנות?

די אַלטע פראַגע, וואָס איז אַזוי שווער צו פאַרענטפערען.

די חתונה איז געווען אַ שטילע, אַ פאַרבאָרגענע, ווי מען וואָלט זיך פון אימיצען באַהאַלטען... די פאָרהאַנגען זיינען געווען אַריבערגעהאַנגען איבער די פענסטער... קיין כלי־זמר האָבען ניט געשפּילט, און די גאַס איז ניט געווען אויף מיט דער חתונה. קיין אייגען פון נייגעריגע פאַרבייגייער האָבען ניט אַריינגעקוקט, און קינדער האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט הערען די קלאַנגען פון די מוזיק.

פון צייט צו צייט האָבען ווי די שאָטענס דורכגעשלייכט אַ פּאָר עלטערע אידען, וועלכע דער טאַטע האָט פאַרבעטען פון שול, און אַ פּאָר עלטערע ווייבער, דער מוטער'ס נאָענטסטע פריינט. אויך אַ פּאָר פון דער כלה'ס פריינט און אַ פּאָר פון חתנ'ס פריינט זיינען געקומען.

אין הויז איז געווען אויפגעראַמט... אַפילו דעם טאַטענ'ס ספרים, וועלכע שטייען אין ספרים־שראַנק מערסטענטייל ניט אין אָרדענונג, זיינען דאָס מאָל געווען אויסגעשטעלט מיט אַ סדר... שטאָלץ און מיט ווירדע האָבען די רוקענס, אַפילו שוין אַלטע און פאַרבויגענע, אַרויסגעקוקט צו דער שטוב מיט מענשען און זיך, דאַכט זיך, געגרויסט מיט זייער אַלטקייט...

אַנטקעגען, ביי דער צווייטער זייט וואַנט, זיינען געשטאַנען דער טאָכטער'ס ביכער אין אַ שיינעם „בוק־קיים", אויסגעשטעלט מיט אַ סדר, און געגלאַנצט מיט זייער נייקייט און מיט זייערע פאַרשידענאַרטיגע קאָלירען און אויפשריפטען אין אידיש און אין ענגליש.

דעם טאַטענ'ס אידען, וועלכע זיינען אַריינגעקומען, זיינען גלייך צוגעפאַלען צום ספרים־שראַנק, באַקוקט יעדען ספר מיט רעליגיעזען ערענפורכט... געקנייטשט דעם שטערען און געפינ־טעלט מיט די אויגען, ווי זיי וואָלטען ניט געווען זיכער צי זיי דאַרפען זיך צורירען צו די פאַרבאָרגענע סודות, וואָס ליגען באַ־האַלטען אין די ספרים.

די פּאָר פון דער כלה'ס און חתנ'ס פריינט, האָבען זיך גלייך צוגעכאַפּט צום ביכער שראַנק, איינגעגראָבען די אויגען אין די נעמען פון די שרייבער, אַרויסגענומען אַ בוך, אַ צווייטען, אַ וואָרף געטאָן אַ פּאָר שנעלע בליקען אויף איין זייטעל, אויף אַ צווייטער און צוריק אַוועקגעלייגט...

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי צוויי וועלטען מיט צוויי באַזונדערע לעבענס־אַנשויאונגען, האָבען זיך דאָ צופעליג צוזאַמענגעטראָפען... דאָס אַלטע מיט דאָס נייע, און דאָס געווער זיינען די שטומע ספרים און די ביכער, מיט וועלכע זיי זוכען איינע די אַנדערע צו באַזיגען...

צוויי טישען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דער לענג זיינען געווען באַצויגען מיט ווייסע טישטיכער. די אַלטע, נאָך פון דער היים מיטגעבראַכטע מעשענע לייכטער וועלכע זיינען שוין איבער־געגאַנגען בירושה צום דריטען דור האָבען געגלאַנצט. ווי זיי וואָלטען איצט געווען ניי... די ליכט האָבען געברענט און געשאַפען די געוויינליכע שטימונג וואָס זיי שאַפען סיי ביי שמחות, סיי ביי לויות.

אידען און אידענעס זיינען געזעסען אויסגעזעצט אַרום די טישען, גענומען צו ביסלעך משקה, שטאַרק משמח זיין אָבער, האָבען זיי זיך ניט געקענט...

די גאַנצע חתונה איז זיי עפּעס אויסגעקומען אַז אַ טעם און אָן אַ ריח...

— טאָקע ווי אַ חתונה אָן כלי־זמרים! — האָט מען אין דער שטיל אומצופרידען צווישען זיך אַליין געמורמעלט.

אפילו דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען זיך געפילט גאָר ניט געהויבען...

זיי זיינען אַפילו אַרומגעלאָפען, געווען פאַרשמייעט ווי מחתנים, דערלאַנגט צום טיש, געזוכט צופרידענצושטעלען דעם עולם... געענטפערט אויף די מזל־טוב'ס „מיט מזל זאָל איר לעבען!" זיך פּרובירט פרייען, אפילו כאַפּען אַ טענצעל... אָבער טיף אין האַרצען האָט עפּעס אין זיי שטיל געקלאָגט... ניט דאָס, עפּעס ניט דאָס האָבען זיי ערוואַרטעט פון זייער קינד'ס אַ חתונה.

א שטילע חתונה פלעגט מען אמאָל מאַכען אין דער היים, ווען דאָס מיידעל פלעגט פאַרפירט ווערען פון איר ליבהאַבער און מען פלעגט אים צווינגען מיט איר חתונה צו האָבען... אָבער פאַרוואָס קומט זייער קינד אזא חתונה?...

די „כלה" איז געזעסען מיט איר „חתן" ערגעץ פאַררוקט אין א באַזונדער ווינקעל. גלייך ווי ניט זיי מיינט מען עס... עס איז זיי ניט אָנגעגאַנגען וואָס ארום זיי קומט פאָר... די כלה האָט ניט געטראָגען דעם געוויינליכען כלה־שלייער אויפ'ן קאָפּ, און דער חתן האָט ניט געטראָגען קיין פראַק, אפילו ניט קיין נייעם בגד... עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי דער חתן מיט דער כלה דאַרפען ערשט קומען.

די פּאָר פריינט פון חתן־כלה זיינען געזעסען לעבען זיי, מען איז געזעסען און גערעדט צווישען זיך פון באַוועגונגס־זאַכען, פון די לעצטע געשעענישען אין רוסלאַנד... און פון דעם קומענדיגען קאַמפּיין אין אמעריקע... געמאַכט פּלענער פאַר ווייטערדיגע אַרבייט, ווי מען דאַרף פאַראייניגען אַלע ארבייטער כחות אנטקעגען דער פאַראייניגטער רעאַקציע, ארויסשטעלען א פאַראייניגטען פראָנט און — — —

— צו דער חופּה! צו דער חופּה! — איז געוואָרען א געשריי. חתן־כלה זיינען מיט אמאָל ארומגערינגעלט געוואָרען מיט אויפגעהויבענע הענט, וועלכע האָבען געהאַלטען ברענענדע ליכט...

פיר הענט האָבען געהאַלטען פיר דרענגלעד, איבער וועלכע עס איז געווען אויסגעשפּרייט די חופּה... אונטער וועלכע חתן־כלה זיינען כמעט מיט געוואַלד ארונטערגעשטויסען געוואָרען...

חתן־כלה זיינען געשטאַנען ווי אין חלום, געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס מען וויל...

דער חזן האָט עפּעס געזאָגט. נאָכדעם זיי געגעבען עפּעס צו טרינקען. עפּעס האָבען זיי געפילט ווי דער קאָפּ איז זיי פאַרטשאַדעט.

זיי האָבען ביידע גאָרניט געזען און גאָרניט באַמערקט.

זי האָט בלויז באַמערקט איר טאַטען מיט דער מאַמען שטיין אין א זייט און ביידע האָבען אזוי האַרציג און שטיל געוויינט...

די „קאָרוס־גורל"

אומצופרידענע, מיט געפילען פון ווייטאָג און ענטוישונג, האָבען זיך די עלטערען געגרייט צו זייער טאָכטער'ס ערשטען אויפטריט אַלס כאָר־זינגערין אין אַ גרויסען טעאַטער.

ניין, ניט דאָס האָבען זיי ערוואַרטעט ווען זיך אויסלאָזען פון אַלע זייערע האָפנונגען, אַנשטרענגונגען און פילע אָפּפער, וואָס זיי האָבען געבראַכט פאַר זייער קינד.

יאָרען לאַנג האָבען זיי ביידע געאַרבייט שווער און ביטער אין זייער סטיישאַנערי־סטאָר; ניט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט; געקליבען אַ סענט צו אַ סענט; אָפּגעשפּאַרט פון זיך און פון די אַנדערע קינדער, און געצאָלט פאַר זייער פלאָרענס'עס מוזיק־לעסאָנס צו פינף און צו צען דאָלאַר. די לערער האָבען אַזוי פיל האָפנונגען געגעבען, אַזוי פיל געלויבט איר שטימע, פאַרזיכערט, אַז זי וועט מיט איר זינגען אַמאָל איבעראַשען די אָפּערא־וועלט, וויינינגסטענס די קאָנצערט בינע.

און וואָס זאָלען זיי לייקענען: זיי, די עלטערען, האָבען אויך געדענקט, אַז ס'וועט אַזוי זיין. אמת, זיי זיינען ניט קיין גרויסע מבינים אויף זינגען און אויף אַ שטימע, אָבער אַ געפיל האָבען זיי.

ווען זייער פלאָרענס זעצט זיך אַוועק ביי דער פּיאַנאָ און הויבט אָן זינגען, פילען זיי, אַז ס'איז פאַרט ניט דער געוויינליכער געזאַנג, וואָס זיי הערען פון צייט צו צייט אין טעאַטער אָדער אין וואָדעוויל. ווען זי זינגט, שלאָגט זי ביי זיי אינגאַנצען אַרויס פון קאָפּ די געוויינליכע געדאַנקען, און זי טראָגט זיי אַוועק אין דער לופטען, ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט.

האָט זיך אָבער פון אַלע חלומות און האָפנונגען אויסגעלאָזען אַ בוידעם... די צייט איז געוואָרען זייער שלעכט. די ביזנעס

איז ניט געגאַנגען, די כחות האָבען זיך אויסגעשעפּט, זיי האָבען מער ניט געקענט אויסהאַלטען זייער טאָכטער און נאָך צאָלען פאַר אירע לעסאָנס.

זיי זיינען געווען פאַרצווייפעלט. ס'האָט זיי שטאַרק וויי געטאָן זייער קינד'ס איבערגעבראָכענע קאַריערע, העלפען אָבער האָבען זיי איר מער ניט געקענט.

נאָך פיל זאָרג און איבערלייגונג איז געבליבען, אַז ביז די צייט וועט זיך פאַרבעסערען זאָל זייער טאָכטער דערווייל זוכען עפּעס צו טאָן צו פאַרדינען כאָטש פאַר זיך, ביז זיי וועלען אים־שטאַנד זיין צו העלפען איר ווייטער פאָרטזעצען איר שטודיום.

איז פלאָרענס טאָג נאָך טאָג אַרומגעלאָפען זוכען אַ „פּאָזי־שאָן", אָפּגעהאַקט די טירען פון די אָפיסעס, געווען שוין אַפילו גרייט צו אַרבייטען אין אַ פעקטאָרי, אַבי עפּעס צו פאַרדינען. קיין אַרבייט האָט זי אָבער ניט געקענט, און פאַר קיין אָפיס־אַרבייט ניט געווען צוגעגרייט, פלעגט זי צוריקקומען אַהיים אַ דערשלאָגענע.

איין טאָג האָט זי געלעזען אַן אַדווערטייזמענט, וואו מען פאַרלאַנגט „קאָרוס־גוירלס", האָט זיך פלאָרענס אָן דעם אָנגעכאַפּט. דאָס זינגען, אַפילו אין כאָר, איז איר פאָרט געווען נעענטער ווי אַלע אַנדערע אַרבייטען. ניט לאַנג טראַכטענדיג איז זי אַהין אַוועק, האָט לייכט דורכגעמאַכט די פּראָבע און איז גלייך אָנגע־שטעלט געוואָרען אין כאָר.

היינט אָוועגט האָט פלאָרענס צווישען פילע אַנדערע „קאָרוס־גוירלס" צום ערשטען מאָל באַדאַרפט ערשיינען אויף דער בינע.

זיינען טאַטע מאַמע געזעסען צווישען עולם אומעטיגע, נידערגע־שלאָגענע, געהאַט דאָס געפיל ווי זיי וואָלטען חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און ניט געטראָפען... ניט געקראָגען דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט, דעם, אויף וועמען זיי האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט און געהאָפט, און זייער נחת איז קיין נחת ניט...

זיי זיינען געזעסען שטילע, שווייגענדיגע, ניט אַרונטערגענומען די אויגען פון דער בינע, וועלכע איז נאָך געווען פאַרהאַנגען ווי אַ בלינד אויג. זיי האָבען זיך געפילט אַזוי אומהיימליך, אַזוי

אומרואיג, אזוי ניט זיכער מיט'ן גורל פון זייער קינד, וועלכע געפינט זיך דארטען אונטער'ן פארהאנג...

די מוזיק האט א קלאפ געטאן. דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבען און א רייע מיידלאך האבען זיך מיט א געזאנג א לאז געטאן טאנצענדיג איבער דער בינע, און אונטערן שיין פון די פילפארביגע עלעקטרישע ליכט, געלאפען אהער, אהין, געמאכט דעם איינדרוק ווי א בינטעל קאלירטע סטענגעס, וועלכע זיינען געווען צונויפגעבונדען, האבען זיך מיט אמאל אפגעבונדען און פלאטערען ארום אין דער לופטען...

פלארענס'עם עלטערען האבען פון דער ווייטען מיט אנגע־שטרענגטע בליקען געזוכט זייער טאכטער, אבער ס'איז זיי אומ־מעגליך געווען זי צו דערקענען צווישען די דרייסיג, אדער פערציג מיידלאך, וועלכע האבען געטראגען אזעלכע פויערשע קליידלאך און שפיציגע היטעלאך פון אלערליי קאלירען. אלע האבען זיי, דאכט זיך, געהאט דעם זעלבען אויסזען. דערצו זיינען זיי זינ־גענדיג אזוי שנעל ארומגעפלויגען, אז מען האט זיי קוים געקענט נאכפאלגען.

איר שטימע האבען זיי אפילו יא דערקענט. איר וואונדער־בארע קאנטראלטא האט זיך געהערט העכער און בולט'ער פון אלע אנדערע שטימען, זי איז אבער פארשלונגען געווארען אינ'ם גערויש פון די טענץ און אין דער קלאפעריי פון דער מוזיק.

דער נומער האט זיך געענדיגט. דער עולם האט אפלאדירט. זיי ארויסגערופען, און די זעלבע סצענע האט זיך עטליכע מאל ווידערהאלט.

דעם צווייטען מאל זיינען די „קארוס־גוירלס" ארויסגעקומען שוין אן היטעלאך און אין קליידעלאך וואס האט קוים צוגעדעקט זייערע לייבער — דאס מאל האבען די עלטערען פלארענס'ען גלייך דערקענט. אבער... עס איז זיי פינסטער געווארען אין די אויגען, ווען זיי האבען דערזען איר גאנג...

„איז דאס פלארענס, אונזער פלארענס ?" האבען זיי שטילערהייט איינע די אנדערע געפרעגט. אפשר מאכען זיי א טעות. זיי האבען זיך פאר קיין פאל ניט געקענט פארשטעלען, אז

דאָס במעט נאַקעטע מיידעל איז זייער טאַכטער, אַז דאָס טאַנצט זי אַזוי און זי שפּרינגט אַזוי און הויבט די פיס.

זיי האָבן מער ניט געקענט איינזיצן, עס האָט זיי געהויבן פון אָרט. קוים דערלעבט דער נומער זאָל זיך ענדיגן, און ניט וואַרטענדיג מער אַ מינוט זיינען זיי אַרויסגעלאָפן פון טעאַטער.

ווען זיי זיינען אַרויס אין גאַס האָבן זיי זיך געשעמט צו קוקן איינע די אַנדערע אין די אויגן. שווייגענדיגע, פאַרקלעמטע, זיינען זיי געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון טעאַטער און געוואַרט אויף זייער טאָכטער צו פאָרן אַ היים.

— אין אַ שיינעם גאַנג האָבן מיר זי היינט געזען! האָט דער פאָטער ענדליך מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן אַרויסגע־רעדט — ס'האָט זיך געלוינט די גאַנצע מי און כחות וואָס מיר האָבן פאַר איר אַוועקגעלייגט.

— וואָס קען זי נעבאך העלפן, דאָס קינד? — האָט די מוטער געזוכט זי צו פאַרענטפערן, — און איר איז עס דען צום האַרצן? פאַרגעס ניט, אַז אונזער פלאָרענס איז אַ וואויל און אַנשטענדיג מיידעל. איך בין זיכער, אַז זי עסט זיך דאָרט אויף אַ לעבעדיגע, אָט פון דעם גאַנג און פון אַלץ אַרום...

— נו אודאי, ווער זאָגט דען... כ'מיין... כ'מאַך זי דען שולדיג? אודאי ליידט זי פון דעם און ס'איז מיר טאַקע אַ ביי־טערער רחמנות אויף איר.

— צו וואָס די נויט קען ברייגגען! — האָט די מוטער געזיפצט.

— דו הערסט פריידע, כ'וועל זי מער ניט לאָזן גיין אַהער. ס'מעג זיין וואָס עס איז, פאַר אונזער פלאָרענס'ן איז דאָ קיין אָרט ניט.

— טו ווי דו פאַרשטייסט! — האָט די מוטער צוגעשטימט.

פלאָרענס אַ לאַבענדיגע, אַ שטיפענדיגע איז אַרויסגעקומען פון טעאַטער צוזאַמען מיט אַנדערע „קאָרוס־גוירלס“. ווען זי האָט דערזען די עלטערן, איז זי אַ ווײילע געבליבן אין אַ פאַר־לעגענהייט. זי האָט זיך שנעל אָפּגעזעגענט מיט די מיידלאַך און צו זיי צוגעלאָפן אויסרופענדיג מיט פרייד אויפ'ן קול:

— האָ גרענד, האָ מאַרוועלאָס איט וואַז!

די עלטערען זיינען געווען ערשטוינט צו זען זייער טאָכטער אַזאַ פריילעך־געשטימטע. זיי האָבען ערוואַרטעט זי זאָל אַרויס־קומען אַן אומעטיגע, אַ פאַרווייינטע, מיט אַ שווער צובראָכען גע־מיט, האָבענדיג אין זינען, אַז פון איר חלום צו דערגרייכען די אָפּערא אָדער קאָנצערט־בינע איז זי געוואָרען אַ געוויינליכע כאָ־ריסטקע. און דאָ דערזען זיי איר כמעט אַ גליקליכע. זיי האָבען עס ניט געקענט פאַרשטיין.

דעם גאַנצען וועג אַ היים איז פלאָרענס געווען אין דער זעלבער שטימונג; ניט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון פאַרדראָס צו איר ניי־געשאַפענער לאַגע. פאַרקערט, זי איז געווען זייער צו־פרידען, ניט אויפגעהערט צו דערציילען פון די וואונדער, וואָס מען זעט זיך אָן הינטערען „סטיידזש", פון דעם פרייליכען לעבען דאָרט. די עלטערען האָבען איר אָנגעקוקט מיט חשד און — זיך פאַר עפּעס געשראָקען...

אויף מאָרגען איז פלאָרענס אויפגעשטאַנען זייער פרי. גע־שטאַנען לאַנג ביים שפּיגעל, זיך געפּוצט, געפאַרבט דאָס פּנים, די ליפּען, אַ זאַך וואָס זי פלעגט זעלטען טאָן. זי האָט זיך געקליבען צו גיין צום „ריהוירסעל".

— פלאָרענס גיי ניט אהין! — האָט דער פאָטער ערנסט מיט געבעט אַרויסגערעדט.

— וואָט דו יו מין, כ'זאָל אהין ניט גיין! — האָט פלאָ־רענס איבעראַשט אָנגעקוקט דעם פאָטער — דהאָט'ס די אָרדער, כ'מוז זיין אין צייט צום "ריהוירסעל".

— פלאָרענס, דיין „דזשאָב" געפעלט מיר ניט... דער מאַמען אויך ניט... פאַרשטייסט... ס'איז ניט פאַר דיר — אַזאַ גאַנג... מען וועט שוין ווי עס איז אויסקומען אָן דיין „דזשאָב".

— פּאַפּאַ, פּליעז פאַרהאַלט מיר ניט דאָ, איט איז נאָט סאָ בעד עז יו טהינק... כ'מוז פאַרדינען זיך צו דרעסען און צו צאָלען פאַר מיינע לעסאָנס. פּליעז, פּאַ, דאָנט טעיק איט סאָ סיריאָז...

— טו מיר און דער מאַמען צוליב, טאָכטער, און לאָז עס איבער, ס'איז, זאָג איך דיר, ניט פאַר דיר...

— באַט פּאַ, לאָז מיר טרייען אַ פּאָר וואָכען. דאַנט פאַרגעט איט איז פּאַרטהי דאָלאַרס איי וויק... כ׳מוז האָבען די געלט פּאָר אַ דרעס און פּאָר אַ קאָוט. כ׳האָב שוין באַלד ניט וואָס אָנצוטאָן...

דער פאָטער איז שטיל געבליבען. איר „ארגומענט" אַז זי האָט שוין באַלד ניט וואָס אָנצוטאָן האָט אים געצוואונגען צו שווייגען.

„און אין אמת׳ן וואָס קען דאָ זיין פּאָר אַזאַ אומגליק, אַז זי וועט אין די פּאָר וואָכען פאַרדינען אויף וואָס זי באַדאַרף — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ער אַליין קען איר איצט מער מיט גאָרניט העלפען".

———

ניט קיין פּאָר וואָכען זיינען אַוועק נאָר אַ סך חדשים. פלאָ־רענס האָט ליב געקראָגען איר דזשאָב אַלס „קאַרוס־גורל" און דאָס לעבען הינטער די קוליסען, און גאָר ניט געטראַכט פון דאָרט אַוועקצוגיין.

די עלטערען האָבען שוין לאַנג איינגעזען, אַז זייער מי, געלט, און אַלע אָפּפער וואָס זיי האָבען פאַר איר געבראַכט איז געווען אַרויסגעוואָרפען, אַז דער ציל צו ווערען אַ גרויסע אַרטיסטין איז ניט געקומען פון דער טיפקייט פון איר האַרצען. אַז ס׳איז איר אַלץ איינס וואָס זי טוט און וואו זי איז. איר שיינע, גאָט געבענ־שטע שטימע איז בלויז ביי איר אַן אינסטרומענט מיט וואָס צו אַרבייטען.

מיט יעדען טאָג וואָס איז אַוועק האָבען פאָטער און מוטער געפילט ווי זייער פלאָרענס ווערט פון זיי דערווייטערט, ווערט פרעמד און אָפּגעריסען פון זיי: דאָס בינע־לעבען האָט איר איינגאַנצען פאַרשלונגען. זי האָט זיך איינגאַנצען געענדערט, אפילו איר באַציאונג צו זיי, די עלטערען איז אַן אַנדערע, ניטאָ מער די ליבשאַפט, דער טיפער, איבערגעגעבענער געפיל צו זיי. מיט איר אָפּגעפאַרבט פּנים׳ל און ליפּעלאַך מיט די קויל־אונטער־געפאַרבטע אויגען, מיט אירע אויסערגעוויינליך קורצע קליידלאַך מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַן אָנגעצויגענע „דאָל"...

"ער, ס׳איז עפּעס גאָרניט די זעלבע פלאָרענס, זייער שטילע און ליבע קינד. זיי דערקענען איר קוים".

אין הויז געפינט זי זיך זעלטען. שטענדיג איז זי פארנומען מיט די „ריהויסעלס“, קומט בלויז אהיים שלאפען, און מאנכעס מאל פארטאג...

דער טאטע מיט דער מאמען ריידען מיט איר און פרעגען איר, וואס עס וועט זיין דער תכלית, צו דאס איז געווען דער ציל, אויף וואס זי האט פארשווענדט יארען, און האט זיי, די עלטערען, ממש פון העמד אויסגעטאן פארוואס טראכט זי ניט פון איר ווייטער־דיגע קאריערע, וואס האט צו טאן מיט איר לעבען און צוקונפט. זי ענטפערט זיי לאכענדיג, אונטערטאנצענדיג און אונטערזינגענדיג א לידעל פון „סטיידזש“:

„דאנט קאל מי בעקי,
מאי פלעים איז דהער!
לוק ענד סי: מאי פעי־טשעק
אי טהינק איט איז פעיר...“

טאטע מאמע קוקען זיך איבער שטום און מיט ווייטאג, ווי זיי וואלטען זאגען: נו, קיין אפערא־זינגערין וועט זי שוין ניט זיין. זי וועט שוין פארבלייבען א קארוס־מיידעל. זאל כאטש גאט העלפען זי זאל ניט אראפ פון גלייכען וועג...

אין שטילען צער

דעם גאנצען טאג זיינען זיינע טעכטער געווען ביי דער ארבייט, און כמעט גאנצע טעג איז דער אלטער אברהם געזעסען אליין ביי זיך אין צימער און געזאגט תהילים אדער אריינגעקוקט א פארטראכטער אין א ספר און געזיפצט... געגעסען האט ער דורך דעם טאג ווייניג.

אין אווענט פלעגט ער ווי א שאטען דורכשלייכען דורך די פאר צימערן אויפ׳ן וועג צום קיך, וואו עס איז געשטאנען אנגע־גרייט פאר אים עפעס צו עסען. פארבייגייענדיג פלעגט ער שטיל, די קינדער זאלען עס ניט באמערקען, ווארפען א פאר זייטיגע בליקען איבער די ווינקלען פונ׳ם הויז און שטיל אפזיפצענדיג פאר זיך פארשווינדען אין קיך, און פון קיך צוריק אין זיין צימער.

די פאר מינוטען וואס עס האט גענומען דעם אלטענס פאר־בייגיין, פלעגט ביי די דריי טעכטער ווערען א גרויסער גערודער. פונקט דאמאלסט זיינען זיי, די טעכטער, געזעסען יעדע איינע אין אן אנדער ווינקעל מיט א פריינט אדער א געליבטען און ראמאנסירט.

געזעסען זיינען זיי אין פארשידענע ליבעס־פאזען, אפען, ניט פארשטעלט, ווי פרייע, מאדערנע מענשען, וועלכע גלויבען אז זיי מעגען זיך האלטען פריי וואו און פאר וועמען עס זאל ניט זיין. אז זיי דארפען זיך פאר קיינעם ניט היטען און פארשטעלען, אפילו ניט פאר זייער אלטען טאטען...

אמת, זיי פארשטייען גוט די לאגע. זיי ווייסען, אז זייער פרומער און גאטספארכטיגער פאטער, וואס זיצט גאנצע טעג אין זיין צימער און זאגט תהילים, קען ניט צוזען ווי זיי, די טעכטער פירען זיך, לויט זיין מיינונג אויך, ניט ריכטיג, ווי גוטע, און

פרומע אידישע קינדער באדארפען זיך אויפפירען וויניגסטענס אין זיין געגענוואַרט, און אז ס'פּלאצט אין אים די גאַל יעדען מאָל וואס ער גייט פארביי און באמערקט זיי זיצען אַט אזוי... זיי באַמערקען אפילו זיינע בליקען, וועלכע שטעכען זיי דורך...

אבער, וואס קענען זיי העלפען? זיי קענען זייער יונגען לעבען צוליב אים ניט אפּברעכען. זיי קענען זיך צוליב אים ניט אפּזאגען פון דער פרייד, וואס עס פארשאפען זיי די מאָמענטען ווען זיי זיצען מיט יונגע לייט. באהאַלטען זיך, אפּהיטען זיך פון זיינע בליקען, האבען זיי ניט וואו, ס'איז ניטאָ אזוי פיל צימערען וואו זיי זאָלען זיך קענען אפּזונדערען, און זיי ווילען ניט זיין קיין היפּאָקריטען, זיי פירען זיך לויט ווי, זיי פארשטייען, דער נייער, מאָדערנער מענש באדארף זיך פירען און זיי באדארפען זיך פאר קיינעם ניט באהאַלטען.

פאר'ן טאַטען האבען זיי גענוג געטאָן. זיי האבען אים אריבערגעבראכט פון דער אַלטער היים, וואו ער איז געווען עלענט און אַליין זייט די מוטער איז געשטאָרבען. זיי האבען אים אריינגענומען צו זיך אין וואוינונג, אפּגעגעבען אַ באזונדערען צימער, היטען אים אָפּ אויף וויפיל זיי קענען, פארזאָרגען אים אפילו מיט כשר'ע עסענס, וואס די פרוי פון „נעקסט דאָר" קאָכט פאר אים? וואס האבען זיי געקענט וויסען, אז זייער פאָטער איז אזוי פרום... זיי האבען אים שוין אזוי פיל יאָרען ניט געזען. ווען זיי ווייסען פריער, וואָלטען זיי אים שוין בעסער געשיקט געלט ער זאָל זיך דאָרט פארבלייבען און אויסלעבען דאָס רעשט ביסעל יאָרען אין דער היים. ס'איז שוין אָבער פארפאַלען, ער איז שוין דאָ, טאָ זאָל ער זיין געזונטערהייט, נאָר זאָל ער זיי ניט שטערען...

שטערען... ס'רעדט זיך נאָר אזוי! אז סך הכל שטערט ער זיי גאָר ניט. ער זאָגט זיי קיינמאָל ניט קיין הויך וואָרט. מוסר'ט זיי ניט און רעדט זיי ניט אויס. אָבער דער קוק זיינער... און דער קרעכץ, דער שטילער, שטומער, און פארשטיקטער קרעכץ... און דער טרויעריגער צוואוויינטאָגטער ניגון ביים תהילים זאָגען כאָטש הינטער דער פארמאַכטער טיר, לעבערט זיי מער דאָס האַרץ, ווי

ער וואָלט אויף זיי געשריען, זיי געזידעלט, באַליידיגט, און זיי אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען.

אוי דער תהילים־ניגון! אין די ביינער ליגט ער זיי דער ניגון. פונקט דאַמאָלס ווען „שעהן" לייגט אַרויף זיינע פינגער אויף העלענס האָר, גלעט זיי, קוקט איר אין די אויגען אַריין... אָדער ווען סעמיאָן לייגט צו זיינע ליפען צו מאַשאַ'ס, אָדער ווען עלנאַרד האָלט מאַניען אַרומגענומען און פלוידערט פאַרליבטע ווערטער — פונקט דאַמאָלסט דערהערט זיך פּלוצלונג דעם אַלטענס תהלים־ניגון, וואָס רייסט זיך אַדורך דורך דער פאַרמאַכטער טיר און מאַכט אַ סוף צו אַלע ליבעס־פּאָזען, ליבעס קושען, און ליבעס ווערטער. ווי אימיצער וואָלט פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן: „פייער!" זיי דערפילען ווי עפּעס גיט הינטער זיי אַ ברי. ווערען צוטומעלט און פאַרלאָרען...

ס'איז שוין איינמאָל אַ ניגון! —

איין אָוונט האָבען די טעכטער באַמערקט אַז דער פאָטער קומט עפּעס ניט אַרויס און לויפט ניט פאַרביי מיט זיין געוויינליכען שטילען פאַרשטיקטען קרעכץ... אָנפאַנגס זיינען זיי געזעסען רואיג, אַפּילו צופרידען, וואָס זיי קענען פאַרברייננגען אומגעשטערט... ווען ס'איז אָבער פאַראיבער דער גאַנצער אָוונט און זיי האָבען ניט געהערט דעם באַקאַנטען ניגון, צו וועלכען זיי זיינען שוין געוועזן אַזוי צוגעוואוינט, האָט עס זיי געוואונדערט.

ווען איינע פון די טעכטער איז שטיל און פאָרזיכטיג צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר און זי עטוואָס אַז עפען געטאָן, האָט זי באַמערקט, אַז דער אַלטער איז געזעסען אומבאַוועגליך ביים טיש, דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען צום ספר וואָס איז געלעגען לעבען אים — ער איז געוועזן טויט.

דער פאָטער האָט זיינע טעכטער'ס „אויפירונג" לאַנג ניט געקענט פאַרטראָגען. צוקוקענדיג צו אַלעם און דריקענדיג דאָס אַלץ שטיל אין זיך האָט אין אים געפּלאַצט דאָס האַרץ... ער איז אויסגעגאַנגען מיט'ן תהילים־ניגון אויף זיינע ליפּען...

קיינער האָט מער די טעכטער ניט געשטערט...

זייער פאַרלעגנהייט

די צוויי שוועסטער עני און מילדרעד, זיינען טראַץ אַלע שטערונגען פון דעם אָרימען לעבען, אין וועלכען זיי זיינען ערצויגען געוואָרען, אויפגעוואַקסען שיין און גראַטע, סיי זייער אויסזען, סיי זייערע באַנעמונגען זיינען געווען איידעלע, פיין ערצויגענע ווי זיי וואָלטען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אונטער די בעסטע אומשטענדען.

אין אמת'ן איז זייער פאָטער געווען אַ בעל־מלאכה, אפילו אַ שטיקעל ביזנעסמאַן, אָבער אַז אַך און אַז ווי וואָס פאַר אַ ביז־נעס דאָס איז געווען. געזעסען פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט ערגעץ אין אַ קעלער און פאַריכט אַלטע שיך...

זיין אויסזען האָט זייער גוט געפּאַסט צו זיין ארבייט: אַ קורץ ריין מענשעל, מיט אַ פלאַקסען־שיטער בערדעל, די הענט און דאָס פּנים פאַרשוואַרצט, דער רוקען איינגעבויגען פון שטענדיגען זיצען אויפ'ן נידעריגען בענקעל.

ווען ביידע טעכטער, מיידלאַך, יונגע און שיינענדיגע, פלעגען אַמאָל אַרונטערקומען צום טאַטען אין „ביימסמענט״, האָט זיך ניט געוואָלט גלויבען, אַז אָט די צוויי ליכטיגע מיידלאַך־פּנים'ער האָבען עפּעס אַ שייכות מיט דעם אָרימען, דערשלאָגענעם שוסטער, און מיט דער גאַנצער אַטמאָספערע פון אַלטע צוריסענע שיך און טונקעלען, טוכלען ביימסמענט־ריח...

די מיידלאַך האָבען זיך מיט זייער פאָטער און מיט זיינע ביזנעס ניט געשעמט. כאָטש אַליין האָבען זיי געאַרבייט אין אָפיסעס, איינע אַלס סטענאָגראַפיסטקע און איינע אַלס בוקקי־פּערין, באַזיצענדיג איידעלע כאַראַקטערע און פאַרשטענדעניש פאַר'ן לעבען, האָבען זיי געפילט אַ מיטלייד צו זייער

פאַטער, זעענדיג ווי שווער אים קומט אָן צו פאַרדינען דאָס שטי־
קעל ברויט.

געוואוינט האָט דער שוסטער מיט זיין פאַמיליע ניט אין
קיין איבעריגס שיינע וואוינונג, ווייל כאָטש די מיידלאַך האָבען
פאַרדינט ניט שלעכט, האָבען זיי אָבער דעם פאָטער קיין סך ניט
געקענט העלפען. זיי האָבען די מערסטע פון זייערע פאַרדינסטען
פאַרטאָן פאַר זיך און דער גאַנצער יאָך אויפצוהאַלטען די הויז
איז געפאַלען אויף אים, אויף'ן פאָטער.

אודאי האָבען די מיידלאַך געזען, אַז די הויז זאָל האָבען
אַ שטיקעל פנים, און וויפיל עס איז נאָר מעגליך געווען האָט מען
די אָרימקייט פאַרשטעלט. אין שטוב איז שטענדיג געווען ריין
און ציכטיג, אָבער פאַרט ניט אַזאַ היים ווי עס פאַסט פאַר שיינע
דערוואַקסענע מיידלאַך.

אין די אָפיסעס וואו זיי האָבען געאַרבייט, און אומעטום וואו
זיי זיינען נאָר געקומען, האָבען זיי אויף אַלעמען געמאַכט דעם
איינדרוק, אַז זיי זיינען קינדער פון וואוילהאָבענדע עלטערען. אַז
זיי קומען פון אַ פיינע, איידעלע היים. זייער איידעלער אויסזען
און זייער פיינער באַגייען זיך מיט מענשען האָט גאָר קיין אַנדער
איינדרוק ניט געקענט מאַכען.

זיי זיינען נאָך געווען יונג, קיין ערנסטע באַציאונגען מיט
יונגעלייט האָבען זיי נאָך ניט געהאַט און קיין נויטווענדיגקייט זיי
איינצולאַדען צו זיך אין הויז איז נאָך ניט געווען.

אָבער די יאָרען לויפען. די מיידלאַך זיינען עלטער געוואָרען.
יונגעלייט פון דעם „העכערען" קלאַס האָבען זיך צו זיי אָנגעהויבען
שדכנ'ען טאַקע אויף אַן אמת. געוואַרט די מיידלאַך זאָלען זיי
איינלאַדען צו זיך אין הויז, פאַרשטעלען זיי פאַר זייערע עלטערען.

ערשט איצט האָבען די שוועסטער דערפילט אין וואָס פאַר
אַ טרויעריג לעבערליכער לאַגע זיי געפינען זיך. דאָס ערשטע מאָל
האָבען זיי זיך פאַרטראַכט וועגען זייער היים, וועגען זייער טאַטענס
ביזנעס... זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט די „דיסאַפּוינטמענטס" פון
די יונגעלייט ווען זיי וועלען, אַריינקומענדיג צו זיי, דערזען אַ הויז
אַן אָרימע, אַ מאַמע אַזאַ פשוט'ע און אַ טאַטען מיט אַזאַ אויסזען...

עס איז זיי געווארען שווער און אומעטיג. א טיפע זארג פארדער צוקונפט האט אנגעהויבען צו דריקען זייערע מיידעלשע הערצער.

— דו ווייסט, — האט עני די עלטערע, איינמאל געזאגט צו איר שוועסטער, — מען באדארף איבעררייַדען מיט'ן פאפא, ער זאל זיך „פיקסען", אויסזען ווי א מענש. כ'גלייך ניט ווי ער זעט אויס, און ווי ער גייט געקליידעט.

— און די „פאני וויסקי" וואס ער טראגט, ס'מאכט מיך קראנק! — האט מילדרעד, די אינגערע, באמערקט.

— און די מא וואלט אויך געמעגט אויסזען ניט אזוי „אלד פעשאנד", — האט עני צוגעגעבען.

—מען באדארף זאגען דעם פאפא, ער זאל זיך נעמען צו עפעס אנדערש. די „שו־מייקעריי" מוז ער אוועקווארפען.

— און מען מוז איבערמופען אין נייע רומס אין א שענערען געגענט, וואו מען זאל קענען אריינברייַנגען א מענשען.

אט אזוינע געשפרעכען האבען ביידע שוועסטער לעצטענס געפירט זייער אפט, און ביידענס פנים'ער האבען זיך געקנייטשט פון זארג.

פארבליבען איז אבער אלץ ביים אלטען. פאטער און מוטער האבען זייערע אלטע געוואוינהייטען ניט געקענט ענדערען. זיי זיינען שוין צו ווייט „אריינגעפארען" אין לעבען זיי זאלען איצט ווערען נייע מענשען מיט נייע מאניערען, און וויפיל די מיידלאך האבען מיט זיי ניט צו'טענה'ט, אז ס'איז פון זייערע קינדערס גליק וועגען, האט ניט געהאלפען.

וואס ס'איז שייך די „ביזנעס" האט דער פאטער אליין צוגעגעבען, אז מען האט אזעלכע צוויי געבילדעטע אמעריקאנער טעכטער, וועלכע שטייען אין שידוכים, וואלט אודאי שענער געווען ווען ער האט א גרויסען שוך־סטאר, ניט ליגען אין א פארזונקענעם בייסמענט, אבער אז ס'איז ניטא קיין אנדער ברירה מוז דאס אויך זיין גוט.

און „מופען" קען מען אויך ניט. אזוי פיל יארען אפגעוואוינט אין אטארני סטריט, א ביזנעס אויפגעבויט פון וואס ער האט אלע

יאָרען געמאַכט אַ לעבען, קינדער צו לייט געמאַכט, קינד און קייט קענען אים דאָ, און מיט אַמאָל נעם און מוף: הויב אָן, אַלץ אויפסניי: אַ נייער געגענט, נייע מענשען, נייע רומס, אַפילו נייע פּאַרניטשור וועט מען מוזען קויפען. ס'איז טאַקע פאַר אים און פאַר דער מאַמען איצט אויף די עלטערע יאָרען אַן עסק.

איי די טעכטער? וועט שוין דער אויבערשטער מוזען העלפען וואו זיי זיינען. אַזעלכע צוויי טייערע דימענטען ווי זיינעביידע מיידלאַך בלישטשען אַרוים פון אומעטום. זאָלען נאָר קומען די ריכטיגע באַשערטע מען וועט זיי שוין דערזען...

די מיידלאַך האָבען זיך פון די עלטערען אַרויסגעצויגען.

ס'האָט זיי אודאי ווייט געטאָן איבערצולאָזען די היים, די עלטערען, וועלכע זיי האָבען ליב געהאַט מיט קינדערשער ליב־שאַפט און איבערגעבענהייט, אָבער וואָס האָבען זיי געקענט טאָן, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען, אַז די מעלות זייערע זיינען אין זייערע אומשטענדען גאָר חסרונות... און חתונה האָבען מיט טאַטע־מאַמעס גלייכען קענען זיי ניט, און די יונגעלייט פון דעם „העכערען קלאַס" וועלען צו זיי ניט קומען ווען זיי זאָלען אַפילו דאָ אַפּוואַוינען יאָרען...

און די יאָרען הויבען שוין אָן צו דריקען, דריקען שווער אויף זייערע מיידעלשע געמיטער...

אין סטרייק

אין דער פרי זיינען די ארבייטער געגאנגען צו דער ארבייט מיט דעם באוואוסטזיין, אז נאכדעם ווי זיי וועלען אפארבייטען צוויי שטונדען, ביז צען א זייגער, דארפען אלע ווי איין מאן זיך אויפשטעלען, פארלאזען די ארבייט, איינפאקען און מיטנעמען מיט זיך די „טולם" און ארונטערגייען פון שאפ.

די ארבייט ביז צען האט זיך געצויגען נודנע און לאנגווייליג. די ארבייטער זיינען, ווי שטענדיג, ווער געזעסען, ווער געשטאנען ביי דער ארבייט, ווי עס וואלט גאר ניט געשען, אבער אין דער לופט האט זיך געטראגען א פארביסענע אומרואיגקייט, וואס האט זיך געהערט אין יעדען קלאפ פון מאשין, שער, און אייזען... איינגעגראבענע ארבייטער־אויגען האבען געקוקט אויף דער ארבייט. אבער געפילט ווי די הענט באוועגען זיך אזוי נאכלעסיג... און דער מח ארבייט אזוי ניט גערען, דאס הארץ קלאפט עפעס אזוי ניט געוויינליך און דער גאנצער גוף איז אזוי אנגעצויגען ווי צום פלאצען.

דער בעל־הבית און דער פארמאן, האבען ווי געוויינליך, זיך ארומגעדרייט איבער'ן פלאר און געקוקט; געטאן פארשידענע ארבייטען, אבער די טריט זיינען, דאכט זיך, ביי זיי געווארען שטי־לער און די באוועגונגען ניט זיכער... כאטש זייערע פנים'ער האבען נאך אלץ געהאט דעם שטאלצען און שטייפען אויסדרוק. זייערע שטומע בליקען האבען געשאסען מיט טיפען באהאלטענעם צארען און האס אויף די ארבייטער, וועלכע וועלען באלד מיט איין מאל אפשטעלען די ארבעט.

פונקט צען אזייגער איז די ארבייט ווי דורך א כישוף אפ־געהאקט געווארען. עס איז מיט אמאל געווארען שטיל. די מאשינען האבען אויפגעהערט צו קלאפען, די הענט זיך צו ווארפען. און די הייסע פרעס־אייזענס, זיינען ווי פארגליווערט געבליבען הענגען אין דער לופטען...

די אַרבייטער האָבען רואיג און שווייגענדיג זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און פאַנאַנדערגעמענדיג זייערע „טולס“, האָבען זיי איינע נאָך די אַנדערע אַרויסגעמאַרשירט פון שאַפּ.

אין שאַפּ איז געוואָרען שטיל ווי אויף אַ בית-עולם... עס וואָלט זיך ניט געוואָלט גלויבען אַז מיט עטליכע מינוטען פריער איז דער פּלאַץ געווען אָנגעפילט מיט לעבען און ענערגיע... אַז מיט עטליכע מינוטען פריער זיינען געזעסען מענשען, און מיט זייערע הענט און כח אָנגעהויבען און פאַרטיג געמאַכט אַלערליי קליידער, אָנגעהויבען פון אַ טויט שטיקעל מאַטעריאַל און אַזוי לאַנג מיט דעם געאַרבייט, געוואָרפען עס פון איין האַנט צו דער צווייטער, ביז דאָס שטיקעל מאַטעריאַל האָט ביסלעכווייז באַקומען לעבען. יעדער איינער פון די אַרבייטער, האָט אין דעם אַ שטיק פון זיין אָטעם, פון זיין לעבען, אַריינגעבלאָזען, ביז עס איז געוואָרען „עפּעס“, ס'איז געוואָרען אַ „זאַך“, וואָס איז אָט דורך זייערע אַרבייטער הענט באַשאַפען געוואָרען, פאַר דעם נוצען פון די מענשען. מענשען וועלען דאָס קלייד אָנטאָן, באַצירען מיט דעם זייערע קערפּערס. עס וועט מיטגיין מיט די מענשען. עס וועט לעבען מיט די מענשען...

איצט, נאָכדעם ווי די אַרבייטער האָבען פאַרלאָזען דעם שאַפּ, זיינען די שטיקער מאַטעריאַל געבליבען ליגען אָנגעהויבענע, ניט דערענדיגטע. דער אָנבליק פון אָט די ניט-פאַרענדיגטע זאַכען האָט געמאַכט אַ קאָמיש-טרויעריגען איינדרוק, וואָס האָט אויפ'ן בעל-הבית, וואָס איז נאָך די אַרבייטערס אַוועקגיין געבליבען שטיין ווי אַ דערשראָקענער, אָנגעוואָרפען אַ מרה שחורה... די בית-עולם'-דיגע שטילקייט האָט אים געשראָקען און אים געמאַכט פילען אַזוי קליין און ניט ווירדיג...

ער האָט אין דער פוסטקייט פון שאַפּ מיט אַ מאָל דערפילט זיין הילפלאָזיגקייט... „וואָס איינגענטליך, — האָט ער טרויעריג אַ טראַכט געטאָן — איז ער אָן זיי, זיינע אַרבייטער? אַ נול! אָן שום ווערט און באַדייטונג. וואָס קען אים העלפען דאָס געלט, און זיין טייערער אויטאָמאָביל, זיין רייכע הויז, אַז די אַרבייט ליגט, ס'וואַלגערען זיך אַרום שטיקלאַך סחורה און ס'זיינען ניטאָ

זיינע „הענט“, וועלכע זאָלען זיי צוזאַמענשטעלען און פאַרטיג מאַכען. מען זאָל עס קענען אַרויספּירען אויף דער וועלט צו פּאַרקויפען און האָבען פּראָפיטען?“...

אַט די געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפען דורך זיין מח די ערשטע עטליכע מינוטען. ער איז אַפילו גרייט געווען אַט אין די פּאָר מינוטען די אַרבייטער צוריקצורופען, נאָכגעבען זייערע פאָדערונ־ גען און אַ סוף זאָל עס נעמען! ער קען ניט פאַרטראָגען די ליידיג־ קייט און די שטילקייט, ס׳מאַכט אים קראַנק — טפו!

באַלד אָבער האָט אַ נקמה־געפיל צו די אַרבייטער אין אים אָנגעהויבען ברענען.

„אַט די רעוואָלוציאָנערען, די ליידיגגייער, ווער זיינען זיי דאָס, וואָס זיי גייען מיר „דיקטירען“ ווי איך זאָל זיך אויפפירען אין מיין ביזנעס? ס׳איז מיינע ביזנעס ניט זייערע“...

— אַ חוצפה אַביסל! מיר צו „דיקטירען“ וויפיל ווייזשעס כ׳זאָל זיי צאָלען, וויפיל שטונדען זיי זאָלען ביי מיר אַרבייטען! — האָט ער זיך צושריען אויפ׳ן קול, צום פאָרמאַן, וואָס איז גע־ שטאַנען אין אַ ווינקעל פון שאַפּ אַ דערשראָקענער און אַ צוטו־ מעלטער פונ׳ם „באָס“ ווילדען כעס.

און אַזוי ווי דער פאָרמאַן האָט ניט געענטפערט, האָט ער זיך נאָך אויף אַ העכערען קול צושריען:

— זיי וועלען ביי מיר קייען די ערד, אַט די שלעפּערס! איך מיט אונזער אָרגאַניזאַציע פון באָסעס, וועלען זיי געבען די וועלט צו זען! פון הונגער וועלען זיי ביי אונז אויסגיין! זיי וועלען זיך נאָך קומען ביי אונז בעטען און שטיין אויף די קני מיר זאָלען זיי צוריק אַריינגעמען צו דער אַרבייט פאַר דעם פּרייז וויפיל מיר וועלען אַליין וועלען. און אויף די שטונדען, וואָס מיר וועלען אַליין באַשליסען. הא, ניט אַזוי מאַקס?

— געוויס, וואָס פאַר אַ פראַגע! — האָט דער פאָרמאַן באַקומען מוט און אַ שפּרונג געטאָן אונטערטעניג נעענטער צום בעל־הבית. — מיר וועלען זיי ווייזען אַט די... די בעל מלאכות. ווי צו מאַכען סטרייקס, אַ שיינע צייט געוואָרען, אַ באָס איז ביי זיי קיין באָס ניט, אַ פאָרמאַן קיין פאָרמאַן ניט, שיינע צייטען!...

איי בעל־הבית! בעל־הבית! וואו נעמט מען אמאָליגע צייטען, ווען די אַרבייטער זיינען געווען אַרבייטער, געטריי, איבערגעגעבען! דאַמאָלסט איז אַ פאָרמאַן אויך ניט שלעכט געווען, זיי האָבען זיך צוגעהערט, געהאַט דרך ארץ...

— ס'איז אָלרייט! נעווערמיין! — האָט שוין דעם באָס פאַרדראָסען וואָס דער פאָרמאַן האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי „צוספּיטשט" און געוואָרען מיט אים אַזאַ פּאַני־בראַט — דו זע בעסער, וואו מען קען קריגען עטליכע בעל־מלאכות. די אַרבייט ברענט... אנו, באַווייז וואָס דו קענסט...

— כ'וועל טרייען! האָט דער פאָרמאַן הכנעה'דיג געזאָגט — כ'וועל טרייען.

— אָלרייט! — האָט דער באָס אַ בייזער פאַרלאָזען דעם שאַפּ.

אין דער זעלבער צייט זיינען די אַרבייטער געזעסען אין האָל און זיך צוגעהערט צו די באַגייסטערטע רעדעס פון זייערע פירער.

קוקענדיג אויף די אַרבייטער צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען פילע עלטערע מענשען, וואָלט זיך גאָרניט געוואָלט גלויבען אַז אַט די מענשען אויסגעאַרבייטע, מידע, זיינען עס די וועלכע שאַפען דאָס די טייערסטע און שענסטע קליידער... אַז זיי זיינען דאָס די קינסטלער, וועלכע נייען אויס און וועבען אריין אין דער אַרבייט אַזוי פיל שיינקייט, אַזוי פיל רייכקייט, אַזוי פיל פאַרשידענע פיין אויסגעאַרבייטע „סטיילס" פון אַלערליי סאַמעטס און זייד, אַז זיי זיינען עס די, וועלכע באַקליידען די רייכע הערען און דאַמען אין די שענסטע און רייכסטע קליידער.

און זיי אַליין?...

„מיר וועלען קעמפען אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלען זיגען, דער זיג וועט זיין מיט אונז, מיט די גערעכטע, ווייל מיר קעמפען אַ גערעכטען קאַמף, אַ קאַמף פאַר ברויט און פאַר דאָס רעכט צו לעבען ווי מענשען!" — האָט דערענדיגט דער רעדנער.

און ווען די אַרבייטער הענט האָבען זיך אַ הויב געטאָן צו אַפּלאָדירען דעם רעדנער, איז איצט קלאָר געוואָרען די שטאַרקייט פון די הענט, וועלכע שאַפען די קליידער. אַ וועלט מיט גבורה איז געלעגען אָט אין די אויסגעהאָרעוועטע אַרבייטער־הענט.

אויף דער שיף *)

לערנער איז געשטאַנען אויפ'ן דעק פון שיף, און געקוקט אויף דער מחנה מענשען, וועלכע זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט זייערע פריינט. זיי זיינען געשטאַנען אונטען, געהויבען די הענט, געפּאַכעט מיט די ווייסע טיכלאַך, געשיקט לופט־קושען צום דעק, וואו די מענשען וועלכע האָבען געדאַרפט אָפּפאָרען זיינען גע־שטאַנען אויסגעפּוצטע און מיט אַ האַלב פרעמדען און האַלב היימי־שען שמייכעל אַראָפּגעשמייכעלט, ענטפערענדיג אויף די באַגרי־סונגען פון זייערע פריינט און באַקאַנטע.

לערנער האָט געזוכט מיט די אויגען כאָטש איין פּערזאָן, איין באַקאַנט פּנים, וועמען ער זאָל קענען זאָגען אַ לעצטען „גוט־באַי". ער האָט אָבער ניט באַמערקט אפילו איינעם, אָדער איינע. אַלע פּנים'ער זיינען אים געווען פרעמד און אומבאַקאַנט.

מערקווירדיג — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרען אין איין שטאָט, זיך געקענט מיט אַזוי פיל מענ־שען, באַלאַנגט אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, און איצט, ביים אַוועקפאָרען, איז אפילו קיינער ניט געקומען אים באַגלייטען...

ער האָט געקוקט מיט ביטערניש אויף דער פרעמדער מחנה מיט מענשען, און געפילט אַ טיפען און נאַגענדען פאַרדרוס.

מיט אַמאָל האָט זיך אים גענומען אויסווייזען, אַז אַט די אַלע מענשען, וועלכע שטייען אונטען און מאַכען מיט די הענט און רופען אויפ'ן קול די נעמען פון זייערע אייגענע, זיינען אייגענט־ליך ניט קיין באַזונדערע מענשען, נאָר איין מענש, אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער... און די הענט זיינען ניט קיין סך, נאָר איין האַנט, אַ גלאַטע און אַ פאַרגליווערטע... און אַלע שטימען זיינען איין שטימע, וועלכע קומט ערגעץ פון דער וויים, ווי אַ ווידער־קול פון אַ וויימער וועלט...

---

*) די דערציילונגען אין אָט דער אָפּטיילונג, געשריבען אונטער דעם איינדרוק פון אַ באַזוך אין דער אַלטער היים אין יאָר 1931.

לערנער׳ן איז געוואָרען אומהיימלאַך און באַנג. ער האָט מער ניט געקענט שטיין אין דער פראָנט־זייט פון דעם דעק. ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדער ווינקעל פון׳ם שיף און געוואַרט די שיף זאָל שוין אָפּגיין פון ברעג.

דער טאָג איז געווען שיין און זוניג. דאָס וואַסער האָט געגלאַנצט מיט זומערדיגער ליכטיגקייט. דער ים־ריח האָט זיך געטראָגען אין דער לופט און געמאַכט פּילען, אַז דאָ הויבט זיך אָן די ים־וועלט און וועט זיך אַזוי ציען פאַר טויזענטער מיילען.

לערנער האָט מיט טיפער הנאה אַריינגעאָטעמט אין זיך די פרישע ים־לופט, און זיך געפילט צופרידען שוין מיט דעם אַליין, וואָס זיין לעבען הויבט דאָך אָן אַריינגעוועבט צו ווערען אין אַ נייעם געוועב.

אמת דאָס נייע האָט נאָך ניט קיין באַשטימטע פאָרמען: ער ווייסט נאָך אפילו אַליין ניט אין וועלכע ריכטונג עס וועט אים פאַרטראָגען; דער וועג אַליין איז שוין אָבער אינטערעסאַנט, און פון דעם אַלטען, גרויען און וואָכעדיגען לעבען האָט ער זיך שוין יעדענפאַלס אַרויסגעפּלאָנטערט...

עס פאַלט אים איין: אָפטמאָל, ווען ער פלעגט זיך שפּיעלן מיט אַ שיפעל אויפ׳ן וואַסער און ער פלעגט מיט׳ן רודער פּרואוו׳ען קירעווען דאָס שיפעל אין אַ געוויסע ריכטונג, און אַ שטאַרקער וואַסער־דרוק האָט דאָס שיפעל צוריקגעשטויסען, פלעגט ער האָבען הנאה פון דעם, וואָס ער פלעגט אינגאַנצען אָפּלאָזען דעם רודער און לאָזען דאָס שיפעל לויפען פון זיך אַליין...

מעג עס אים פאַרטראָגען וואו עס וויל...

לערנער האָט זיך פאַרקוקט אויף די הויכע „הימעל־קראַצערס", און עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט אים אַרומגענומען.

עס איז אים אַרויפגעקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז פּונקט מיט אַכצען יאָר צוריק, ביי זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, איז ער אָט ווי איצט געשטאַנען אויפ׳ן דעק ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג.

און ווען ער האָט דערזען אָט די זעלבע „הימעל־קראַצערס". האָט ער זיך עפּעס ווי דערשראָקען פאַר זיי... עס האָט אויף אים

געמאַכט דעם איינדרוק אַז די גאַנצע שטאָט ניו יאָרק איז באַ־פעסטיגט מיט אַזוינע הויכע און ריזיגע געביידעס, וועלכע שטייען איינגעפּרעסט איינע אין די אַנדערע אַזוי, אַז ס'איז אַפילו ניטאָ קיין גאַס דורך וואַנען דורכצוגיין...

היינט קען ער שוין כמעט אַלע ניו יאָרקער גאַסען. ער דער־קענט שוין אַפילו פון ווייטען פילע פון די געביידעס און ווייס זייערע נעמען.

שוין גאָר ניט קיין פרעמדער אין דעם לאַנד!

און דאָך, ווי פרעמד, ווי עלענט ער האָט זיך שטענדיג געפילט, לעבענדיג אָט אין דער גרויסער און ריזיגער שטאָט.

ניטאָ, דאַכט זיך, קיין אומעטיגערע שטאָט אין דער וועלט.

אַכצען יאָר פון זיינע בעסטע און יונגע כחות האָט ער דאָ איבערגעלאָזען.

אַכצען יאָר...

ווי שנעל עס זיינען אַוועק די יאָרען.

געקומען אַהער יונג, פריש, מיט היימיש־פאַרקלערטע אויגען און מיט היים־אָנגעזאַפּטע טרוימערישע געפילען, האָט ער זיך גלייך פון אָנפאַנג ניט געקענט צופּאַסען צו די היגע אומשטענדען, און אַזוי איז ער פאַרבליבען די גאַנצע צייט.

ניט אויפ'ן „ריכטיגען וועג".

זיינע פריינט האָבען אים טאַקע ניט איינמאָל געוואָרענט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט אַרויפאַרבייטען אויב ער וועט גיין אויף דעם וועג.

„זיי" האָבען זיך טאַקע אַרויפגעאַרבייט. מן הסתם איז זייער וועג געווען דער ריכטיגער...

ער האָט אָבער אויף דעם וועג ניט געקענט און ניט גע־וואָלט גיין.

האָט ער אַכצען יאָר געשטעלט אין קאָן — און פאַרלאָרען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט פאָרט ער צוריק אַז אָרימער, אַז איינזאַמער, אַפילו די היימישע געפילען, די היימישע בענקשאַפט איז אים ווי אויס־געדרונגען געוואָרען.

אפשר דאָרט... ווען ער וועט זיין דאָרט... טרעטען אויף דער ערד וואו זיינע קינדערשע פיסלעך האָבען אמאָל געטראָטען, זיך באַגעגענען מיט די היימישע שטילע גאַסען, מיט די אָרום־שטאָטישע פאַר׳חלומ׳טע פעלדער, וועלדער און טייכלאַך, און הערען דאָס געזאַנג פון די פויערים און פויערטעס, גייענדיג אין אָוונט צוריק פון פעלד, ווען די זון זעצט זיך... דאַמאָלסט וועט אפשר אויפלעבען אין אים דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאָרען אויפ׳ן ווייטען וועג...

— —

א הילכיגער פייף האָט איבערגעריסען זיינע געדאַנקען.

די שיף האָט זיך אָנגעהויבען רירען, אָפּצושווימען פאַרזיכ־טיג פונ׳ם ברעג, אריינשניידען זיך אַלץ ווייטער אין ים אריין.

שטאָט און מענשען האָבען זיך אַלץ מער דערווייטערט, און דער ים־וועג איז געוואָרען אַלץ גרעסער און ברייטער.

לערנער האָט געפילט ווי א בענקשאַפט האָט אים מיט אמאָל ארומגענומען... נאָך וואָס? נאָך וועמען? — האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

ער האָט, דאַכט זיך, קיינעם ניט איבערגעלאָזען נאָך וועמען ער זאָל בענקען און ווער עס זאָל בענקען נאָך אים...

די שטראָמען מיט מענשען, וועלכע עס איז אים אויסגעקומען טאָג־טעגליך צו באַגעגענען, האָבען פאַרביי אים פאַרבייגעשטראָמט פרעמד און אומבאַקאַנט, ווי עס שטראָמען פאַרביי אָט איצט פאַר זיינע אויגען די כוואַליעס פונ׳ם ים און ווערען ערגעץ־וואו פאַרלאָרען.

אפילו זיינע נאָענטסטע פלעגען אויך צופאַלען ווערען, ווי קליינע קופּקעלעך, יעדער אין א באַזונדער ווינקעל אין דעם אייגען וועלטעלע...

און דאָך ווערט אַזוי אומעטיג און עס בענקט זיך...

אפשר נאָך די אַכצען יאָר?... — — — — — — — — — —

די נאַכט האָט אָנגעהויבען צופאַלען.

די שיף איז שוין געווען ווייט אין ים.

פון צייט צו צייט האָבען זיך נאָך באַוויזען פון דערווייטענס

שטראַלען ליכט, וועלכע האָבען ווי אַרויסגעפינקעלט פון וואַסער און זיך מיטגעקייקעלט מיט די כוואַליעס...

לערנער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפ'ן דעק, מיט די אויגען איינגעגראָבען אין דער אומענדליכער ווייטקייט, געזען ווי די ים־וועלט הילט זיך איין אין נאַכט און אין פינסטערניש... און די כוואַליעס ווי אַ שוואַרצע סטאַדע שעפּסען, קנוילען זיך איינע אין די אַנדערע... און די שיף גליטשט זיך מיט שטאַלענער שווערקייט איבער זייערע רוקענס און שניידט זיך אַריין טיף אין זייערע לייבער...

לערנער האָט זיך דערשראָקען... און שנעל אָפּגעטראָטען פון דעק...

ביי זיין מוטער׳ס קבר

(צום אָנדענקען פון מיין מוטער דבורה)

דער זון פון אמעריקע, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרען אָפּוועזענהייט פון דער אַלטער היים געקומען אַהין צוגאַסט, איז געשטאַנען א טרויעריגער ביי זיין מוטער׳ס קבר. דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען, די אויגען פאַרטרערט, און יעדע ווײַלע אַרויסגעלאָזען א טיפען זיפץ.

עס איז געווען אלול-צייט. אויף׳ן בית-עולם האָט זיך שוין מער ווי ערגעץ אַנדערש געפילט דאָס אָנקומען פון דעם הערבסט. עס האָט געבלאָזען א קיל ווינטעל און עס האָבען געראַוישט די בית-עולם בלעטער, פון וואָס די לופט איז פול געווען מיט ווײַמוטיגען טרויער און שווערען געפּרעסטען אומעט...

די פרי-מאָרגענדיגע זון האָט געשיינט מיט היימישער און נאָענטער קלאָרקייט; אָפּגעשלאָגען איר גלאַנץ אויף די ווײַסע מצבה׳ס מיט די שוואַרצע אויסגעקריצטע ווערטער און נאָך דייטליכער אָנגעוויזען די ליניען פון אייביגען פאַרגיין.

פון דאָ, און דאָרט, האָבען זיך געהערט פאַרשטיקטע שלוכצען פון פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי די קברים פון זייערע נאָענטסטע, אָנגעשפּאַרטע מיט די פּנים׳ער אָן גרעסערע און קלענערע מצבה׳ס — און געוויינט.

פון צייט צו צייט האָט דער ניגון פון „אל מלא רחמים" זיך דערטראָגען ווי א ווײַטער אָפּקלאַנג פון דעם טויט, וואָס האָט דאָ געפונען אייביגען רו און פרידען — — —

מיט א שווער געמיט איז דער זון פון אמעריקע געשטאַנען און געקוקט אויף זיין מוטער׳ס קבר, וואָס איז געווען ווילד און פאַרלאָזען. ווילדע גראָזען האָבען דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּראָצט

איבער דעם האַלב־איינגעפאַלענעם בערגעל ערד... און דאָס קליינע שטיינדעל, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּענס פאַר אַ מצבה, איז געווען פאַרזונקען אַזוי, אַז מען האָט עס שוין באַלד ניט ארויסגעזען...

אַז אומעטיגער און פיינליכער געפיל האָט דעם זון פון אַמעריקע אַרומגענומען. דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט קוקענדיג ווי אָרים און אַפּגעלאָזען דער קבר זעט אויס. און געטראַכט האָט ער וועגען דעם, אַז ס'זיינען שוין פאַרלאָפען צוואַנציג יאָר זייט ער איז אַוועק פון דער היים. צוואַנציג יאָר האָט ער זיין מוטער ניט געזען. צוואַנציג יאָר איז ער צוליב דעם, וואָס ס'איז אים אין אַמעריקע ניט גוט געגאַנגען ניט אימשטאַנד געווען צו באַזוכען זיין אַלטע היים, זען זיך מיט זיין אַלטע מוטער. און איצט, איז זי שוין ניט מער צווישען די לעבעדיגע...

„אָרים געלעבט, און אָרים געשטאָרבען!" — האָט ער געטראַכט און טרערען זיינען אים געפאַלען פון די אויגען. — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנטקעגען אים איז ווי מיט אַמאָל פון דער ערד אויסגעוואַקסען בעניע, אַן אַלט־פאַרוואַקסענער איד מיט רויטליכע אויגען, און מיט האַריגע אַריבערגעהאַנגענע ברעמען. ער איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבען שטעקען און זיך גוט צוגעקוקט צום פרעמדען.

— אַן אַמעריקאַנער? — האָט בעניע ווי אַרויסגעקרעכצט.

— יאָ!

— זייט איר דאָס, הייסט עס, שפרה'ס עה"ש זון?

— יאָ.

— אַ וואוילע אידענע געווען אייער מאַמע, אַ פרומע און אַ גוטע, אָבער זייער אָרים — האָט בעניע אַן אומעטיגען שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

דער זון האָט געשוויגען...

— וועט איר אפשר הייסען מאַכען פאַר אייער מוטער אַ „מלא"? אָבער אַ שיינעם, אַ פיינעם....

— מאַכט.

בעניע, אָנשפּאַרענדיג איין האַנט אויף זיין שטעקען און די

אַנדערע איבער זיין רעכטע זייט באַק, האָט ווי פון אַ האַלב צו־בראָכענעם באַס אַרויסגעציטערט:

„אַ — ל — מל — אַ — רח — מים שו — כן — במ — רו — מים —" און זיין צובראָכענע שטימע איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ מין כריפּען, וואָס דערמאָנט אין דאָס גוסס'ן פון אַ קראַנקען וואָס איז שוין נאָענט צום טויט.

דער זון פון אַמעריקע איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט... דאָס הייזעריגע כריפּען פונ'ם אַלטען האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק...

עס זיינען אים אַרויפגעקומען אומהיימליכע געדאַנקען וועגען די היימישע קינדער־יאָרען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַמאָל אין אַ פינסטערער ווינטער־נאַכט גייענדיג פון חדר איז ער פאַרבייגע־גאַנגען אַ הייזעל, וואו ער האָט זיך באַדאַרפט פאַרקירעווען צו דער מאַלדער גאַס צו זיין היים, מיט אַמאָל האָט ער דערהערט פון אינווייניג, פונ'ם הייזעל אַ פאַרשטיקט געוויין, און ווען ער האָט אַ קוק געטאָן דורכ'ן פענסטער, האָט ער דערזען אויף דער ערד ליכט ברענען... ער איז דאַמאָלסט שיר אָוועקגעפאַלען פון שרעק... דעם גאַנצען וועג אַהיים איז ער געווען ווי אָן אַ אָטעם... און אַריינקומענדיג אין הויז איז ער צוגעפאַלען צו דער מאַמען, איר אַרומגעכאַפּט און לאַנג ניט געקענט אויסריידען אַ וואָרט.

די מאַמע האָט אים דאַמאָלסט געקושט און געגלעט און מיט אים אַ סך אַריינגע'טענה'ט, ביז זי האָט אים באַרואיגט...

„ו..נאַ..מר..אָ..מן!" — האָט בעניע פאַרענדיגט די „מלא" אויף זיין העכסטע אָקטאַווע און איבערגעריסען דעם זונ'ס געדאַנקען.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פון אַ חלום, געקוקט מיט שטאַרע אויגען אויפ'ן אידען, וואָס איז שטיין געבליבען אַן אומע־טיגער און אויף עפּעס געוואַרט...

דער „אַמעריקאַנער" האָט זיך דערמאָנט. אַרויסגענומען אַ אַמעריקאַנעם דאָלער און אים דערלאַנגט.

בעניע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם דאָלער ווי אַ הונגעריגער אַ שטיק ברויט. געקוקט אויף אים און זיך געוואונדערט. און איז

שטיל פאר זיך גערעדט: א גאנצען דא־לאר! אוי־וואיי!

— הערט איר, האט ער זיך געווענדעט צום אמעריקאנעם, — הלואי שיקט מיר גאט צו א סך אזעלכע ווי איר, וואלט מען אפשר געקענט האבען דאס שטיקעל חיונה.

געזען אז דער „אמעריקאנער" שווייגט, האט בעניע געפונען פאר נויטיג אין אים אויפצוועקען דאס רחמנות־געפיל צום שטעטעל.

— וואס ווייסט איר, האט ער זיך פאנאנדערגערעדט און זיך פאר אים גענומען באקלאגען אויף דער לאגע פון שטעטעל, — וואס ווייסט איר, וואס אונזער שטעטעל איז אין די לעצטע יארען אויסגעשטאנען. מען קען עס גאר אזוי פיל ניט איבערגעבען. מענשען זיינען פשוט צופאלען פון הונגער. איר זעט אט די גאנצע האלב פון דעם נייעם בית־עולם, דאס זיינען אלץ קברים פון די אומגליקליכע מלחמה־יארען. ס'איז שוין געווען, הערט איר, איין מאל א צייט. אזעלכע צייטען זאלען זיך שוין מער ניט אומקערען. עפעס א קלייניגקייט שטארבען פון הונגער... ס'איז שוין גאר ניט אזא זיסער טויט... אייער מוטער אין ליכטיגען גן־עדן זאל זי זיין. איז אויך געשטארבען אין יענער צייט און מען האט געשמועסט יאקאבי אויך פון הונגער...

דער זון האט א ציטער געטאן... ער האט געהאט דאס געפיל ווי דער איד ווארפט אים פאר א שווערע באשולדיגונג.

— מען האט ניט געקענט, איר פארשטייט ר' איד, מען האט ניט געקענט העלפען. די וועלט איז געווען ווי פארשלאסען. מען האט ניט געקענט... — האט ער גערעדט מיט הארץ צום אידען, זיך וועלענדיג פארענטפערען פאר אים.

— נו, ווער זאגט דען? כ'מיין, וואס זייט איר שולדיג געווען?

— האט בעניע א זשמורע געטאן מיט די אויגען.

— הערט, — האט דער אמעריקאנער אין א ווײַלע ארום זיך געווענדעט צו בעניען, — איך וויל איר זאלט מיר פירען צום בעסטען מצבה מאכער פון דעם שטעטעל. איך וועל אייך פאר אייער טרחה גוט באלוינען. איר פארשטייט, ר' איד, איך וויל שטעלען מיין מוטער די שענסטע מצבה, אבער טאקע די שענסטע

און די טייערסטע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ צדקות, פאַר אַ נשמה, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבען געלייטערט, זאָלען זיך אַלע אָפּשטע־לען קוקען, איר נאָמען זאָל באַמערקט ווערען און איר אָנדענק זאָל געערט ווערען.

— גוט! אויסגעצייכענט! — האָט בעניע אויסגערופען, — אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר האָט רעכט. אָט דאָס הייסט אַ זון, אַ געטרייער זון. כבוד אם דאָס איז ניט קיין קלייניגקייט! האָ... האָ!...

און דער זון, אַן אויפגעלעבטער פון דעם געדאַנק, וואָס ער גייט טאָן פאַר זיין מוטער, האָט זיך געלאָזט גיין נאָך בעניען, וועלכער האָט אים געפירט דורך די גרין־באַבערגעלטע קברים אַרויס צום שווייגענדינען פעלד אויפ'ן וועג צום שטעטעל...

דעם טאטענס יארצייט

(צום אנדענקען פון מיין פאטער הירש)

פונקט דאמאלסט, ווען ער איז, נאך א לאנגיאריגער אבוועזענהייט פון דער אלטער היים, אראפגעקומען צו־גאסט אין זיין געבורטס־שטעטעל, איז אויסגעפאלען זיין טאטענ׳ס יארצייט. האט ער, דער זון, וואס איז געווען א פריינגעזאנענער מענש, זיך געפונען אין א גרויסער פארלעגענהייט, ניט געוואוסט וואס צו טאן און ווי ער זאל דא האנדלען.

שוין פופצען יאר איז אריבער זינט זיין פאטער׳ס טויט, ווען ער איז אוועקגעפארען, האט ער אים נאך איבערגעלאזען א לעבעדיגען. זיין פאטער איז געווען אן ערליכער, פרומער איד און א גוטער פאטער, וואס האט פארדינט אז מען זאל זיין אנדענקען האלטען הייליג און טייער.

אלע יארען וואס ער איז אין אמעריקע, זייט ער האט דערהאלטען די טרויעריגע בשורה פון זיין פאטער׳ס טויט, האט ער אז פאטער׳ס יארצייט קיין איין מאל ניט פארגעסען. אויף זיין אופן האט ער דעם יארצייט אפגעהיט, אפגעהיט ביי זיך אין הארצען.

אינ׳ם טאג פון טאטענ׳ס יארצייט האט ער שטענדיג געפילט אן אויסערגעוויינליך שטארקען און טיפען טרויער. דאס בילד פון זיין פאטער איז א מינוט ניט אפגעטראטען פון זיין געדאנק. ער איז געשטאנען פאר זיינע אויגען אן איינגעבויגענער, א פריי־צייטינג פארעלטערטער מיט א מידען און אויסגעליטענעם פנים פונ׳ם שווערען לעבען...

און דאס הארץ אין אים האט אין דעם יארצייט טאג אזוי ביטער געוויינט ווי אימיצער וואלט דארט אין דער טיף שטיל קדיש געזאגט... — — — — — — — — — — — — —

אין דעם יארצייט טאג אין אמעריקע, האט ער אויסגעמידען

יעדען פּלאַץ און אופן פון אַמוזירען זיך. דער טאָג איז פאַר אים געווען גאָר עפּעס אַן אַנדער טאָג ווי אַלע אַנדערע טעג (אַ חוץ זיין מוטער'ס יאָרצייט), מיט אַנדערע געדאַנקען און געפילען. דאָס איז אייגענטליך געווען דעם טאַטענ'ס יאָרצייט־טאָג...

דאָ, אינ'ם קליינעם שטעטעל איז אָבער אַלץ ווי געווען. דאָ האָט זיך גאָרניט געענדערט. דאָ פירט זיך נאָך אַלץ אויפ'ן זעלבען אַלטען שטייגער, אָט פונקט ווי ער וואָלט איצט אוועקגעפאָרען, ווי עס וואָלט צווישען אים און שטעטעל ניט געווען קיין מחיצה פון פינף־און־צוואַנציג יאָריגער ווייטקייט און אָפּגעזונדערטקייט... דאָ קענען אים נאָך אידען פון אַמאָל, פון דער צייט ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין חדר און מיט מאַנכע אַפילו געווען שול־חברים...

קוקט מען אויף אים, דעם אַמעריקאַנער, מיט טויזענט אויגען... שטאָט ווייסט אַז ס'איז דעם טאַטענ'ס יאָרצייט, וויל מען זען ווי ער וועט זיך אויפפירען אינ'ם טאָג פון יאָרצייט וועט מען זיך שוין במילא אָנשטויסען ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין אַמעריקע...

די אייגענע, דאָס ביסעל משפּחה, וואָס איז נאָך אים פאַר־בליבען אין דער אַלטער היים, קוקט אויך אויף אים אַ טאָג פאַר'ן יאָרצייט מיט עפּעס אַזעלכע שטילע, מיסטרויערישע און פאַר־באָרגענע בליקען... עפּעס זיינען זיי ניט זיכער ווי ער, דער אַמע־ריקאַנער זון, וועט דאָ האַנדלען... זיי אַליין, הייסט עס, וואָלט עס שוין אפשר אַזוי פיל ניט געאַרט און זיי וואָלטען אים שוין ווי עס איז מוחל געווען, אַבי זיין האַרץ איז אַ גוטע... זאָל ער האַנדלען ווי ער וויל, עס איז זיין אייגענע זאַך. אָבער די בליקען זייערע מאַנען, דאַכט זיך: „די שטאָט! גוואַלד, די שטאָט! די שטאָט, וואָס וועט זאָגען?...“

זיי האָבען עס אָבער מורא דעם אַמעריקאַנעם ארויסצוזאָגען, אַדער ביי אים עפּעס צו פרעגען זיי זאָלען אים חס ושלום ניט אריינברייינגען אין כעס. ווייל נאָך אַלעמען, האַלט ער, דער אַמע־ריקאַנער, זיי אויף מיט זיין הילף און שטיצע, און ניט די שטאָט...

גייט מען אַרום אים אַרום שטילע און נידערגעשלאָגענע מיט שטומען, און טיפען צער אין די אויגען...

דער עלטערער ברודער, חיים לייב, א פרומער פארהארע־וועטער, מיט אן האלב־איינגעבויגענער פלייצע, מיט א רחמנות־פאר'צער'טען פנים, קען זיך פארט ניט איינהאלטען און שטאמעלט ניט זיכער ארויס, ווי ניט מיט זיין שטימע:

— כ'מיין, משה (ער רופט אים אויף דעם היימישען שטייגער), אז דו ווייסט, אז היינט איז יארצייט נאכ'ן טאטען עליו השלום...

— צי איך ווייס? א שאלה א ביסעל! כ'געדענק דעם טאטענ'ס יארצייט זייער גוט.

חיים לייב ווערט אזוי גערירט פונ'ם אמעריקאנעם ברודער'ס ענטפער, אז עס גיט אזש א פינקעל א טרער ביי אים אין אויג. ער וויל ביי אים נאך עפעס פרעגען, אבער ער פארלירט זיך. די ווערטער פארהאקען זיך ביי אים אין האלז...

— ווילסט מיר עפעס זאגען, חיים לייב? — גיט א פרעג ביי אים דער אמעריקאנער ברודער מיט ליבשאפט און צוגעלאזענקייט אין זיין שטימע.

— יא, כ'מיין... מען וואלט באדארפט קויפען א יארצייט־ליכט... — רעדט ער ענדליך ארויס און ווארפט א צווייפעלהאפטען בליק אויפ'ן אמעריקאנעם ברודער.

— א ליכט! זאל זיין א ליכט!...

— א גרויסע ליכט! א ליכט, וואס זאל ברענען פיר און צוואנציג שעה... — גיט צו חיים לייב.

— גוט! גיי און קויף וואס פאר א ליכט דו ווילסט און צינד זי אן וואו מען דארף נא דיר געלט אויף א דעם!

דער אמעריקאנער לייגט אריין די האנט אין קעשענע און דערלאנגט דעם ברודער אויף עטליכע יארצייט ליכט...

חיים לייב פארשטייט נאך דעם ברודער'ס קול און האנדלונג, אז דאס איז אייגענטליך אלץ וואס ער האט ביים אמעריקאנעם געקענט אויספירען, אז מער באדארף ער מיט אים וועגען דעם ניט רעדען, אז דער ענין איז מיט דעם אינגאנצען ערליידיגט...

ער האט אים בלויז צוואוויסען געגעבען, אז ער האט די יארצייט ליכט אנגעצונדען און זי אוועקגעשטעלט אויף דעם טיש.

אויף וועלכען אידען לערנען „עין יעקב" און שטייטביים פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער שול־הויף גאַס... — — — — — — — —

שפּעט אין אָוונט האָט דער גאַסט, דער זון פון אַמעריקע, זיך אַרויסגע'גנב'עט פון דער היים און שטילערהייד, קיינער זאָל אים ניט באַמערקען, אַליין אַוועקגעשלייכט צום אַלטען בית־המדרש און זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגען פענסטער, וואָס גייט אַרויס צום שול־הויף־גאַס...

ס'איז געווען שטיל און פינסטער. נאַכטיגער אומעט און מרה־שחורה'דיגע פוסטקייט זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט איבער די שטילע, פינסטערע גאַסען און איינגעהילט די נידעריגע, חושך'־דיגע הייזלעך אין גרויל און אין פּחד... — — —

מאָריס איז געשטאַנען אין חושך און אַריינגעקוקט דורך דעם בית־המדרש פענסטער, אויפ'ן פּלאַץ וואו זיין טאַטענ'ס יאָרצייט ליכט איז געשטאַנען און געוואָרפען מאַטע, טונקעלע שטראַלען צו דער פינסטערער גאַס. די ליכט האָט אויסגעזען איינזאַם, אַזוי ווי ער, מאָריס, וועלכער איז געשטאַנען אין דער פינסטערניש איינער אַליין.

דער טונקעלער פלאַם האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַ שטי־לער הייליגער בענקעניש. מאָריס איז געווען טיף דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל צו זיין פאָטער, אַ הייליג געפיל.

ער האָט גענומען גיין צוריק צו זיין ברודער'ס היים. דערביי איז אים אויפ'ן האַרצען געוואָרען אַ ביסעל לייכטער, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך שרעקליכער. ער איז געגאַנגען דורך די שמאָלע פינסטערע גאַסען און געסלעך. די טונקעלע שטראַלען פון טאַטענ'ס יאָרצייט ליכט האָבען אים אַ שטיק וועג נאָכגעפאָלגט.

ווי איר מוטער פון אמאָל . . .

ווען העלד איז נאָך געזעסען אין באַן, וואָס האָט אים געפירט צו זיין קליין שטעטעלע, נאָך אַן אבוועזענהייט פון פינף און צוואַנציג יאָר, האָט ער אויסער דעם וואָס ער האָט אין זינען געהאָט זיין אייגענע משפחה, וועלכע ער האָט דורך דער גאַנצער צייט קיין איין מאָל ניט געזען, ניט וויינינגער אין זינען געהאָט לאה'ן, וועלכע איז פאַר זיין אָפּפאָרען פונ'ם שטעטעל צו אים געווען אויב ניט קיין אייגענע, איז זייער אַ נאָענטע.

זי איז דאַמאָלסט געווען אַ יונג, בליענדיג מיידעל פון אַ יאָר צוואַנציג, אַן איידעלע, אַ צאַרטע, מיט גאָלד־בלאָנדע האָר און הימעל־בלויע אויגען, אַ פּשוט'ע, ניט קיין באַלעזענע, און ניט קיין געלערענטע (ווייל אין שטעטעל איז צו יענער צייט קיין שולע ניט געווען און אויך ניט קיין ביכער צום לעזען), זי האָט אָבער באַזעסען נאַטירליכע, איינגעבוירענע זעלטען־שיינע אייגענשאַפטען. זי האָט געהאַט שיינע מאַניערען און איר גאַנצער אויסזען איז עפּעס געווען אַזאַ איידעלער, איר גאַנג אַזאַ לייכטער, אינטעליגענטער, גרויס־שטאָטישער.

זיי זיינען געווען נאָענטע שכנים און אים, העלד'ן, איז כמעט טאָג־טעגליך אויסגעקומען זי צו באַגעגענען און באַמערקען אירע שיינע מעלות. איז ער טאַקע דאַמאָלסט אין איר שטילערהייט געווען פאַרליבט.

ער איז אָבער צו יענער צייט נאָך געווען צו יונג און נאַאיוו ער זאָל זיין ליבע צו איר גאָר ארויפברייננגען אויף די ליפּען. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פופצען און זי, לאה, האָט זיך צו אים

באַנומען ווי צו אַ אינגעל, וואָס דאָס האָט אים שטילערהייט טיף געקריינקט און באַליידיגט.

דערנאָך האָט ער מיט אַנגסט און ווייַ באַמערקט ווי עס איז אַראָפּגעקומען צו איר ערגעץ פון דער פרעמד אַ חתן, וואָס איז געווען פּונקט דער היפוך פון איר: אַן עלטערער, אַן אָפּגעלאָזענער און אַ פאַרפרומטער מיט אַ האַלב־קייַלעכדיג בערדעלע וואָס איז געלעגען אויסגעשיט אויף זיין פּנים ווי שוואַרצער מאָן...

געטראָגען האָט ער אַ לאַנגע קאַפּאָטע, און אַ „וואַרשעווער" רונדיג היטעלע אויף זיין האַלב שפּיציגען קאָפּ, און אַ שפּיץ פון אַ פאַרברודיגט טיכעל האָט אַרויסגעשטעקט ביי אים פון קעשענע.

ווען ער, העלד, האָט זיי דאַמאָלסט באַמערקט גיין צוזאַמען אויף אַ שפּאַציר, האָט זיך אין זיין האַרץ עפּעס אַ ריר געטאָן... עס איז אים ניט געווען קלאָר צי דאָס איז פון ליבע, צי פון רחמנות צו איר אָדער פון ביידע צוזאַמען. ער האָט אָבער געפילט ווי טרערען שטיקען אים, שפּאַרען זיך צו זיינע אויגען... מעגליך אַז דאָס זיינען אפשר דאַמאָלסט געווען טרערען פון פאַרלאָרענקייט, פון קינדערשער אומבאַהאָלפענקייט פאַר עפּעס וואָס פאַרשווינדט, ווערט אָפּגעריסען פון זיין יוגענט, פון זיין לעבען, אויף אייביג... — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרענדיג איצט אויפ'ן באַן צו זיין געבורטס שטעטעל האָט ער, זיצענדיג אַ פאַרטראַכטער, דאָס אַלץ אין געדאַנק ווידער אַמאָל איבערגעלעבט. פון זיינע אויגען איז ניט אָפּגעטראָטען איר בילד מיט איר גאַנצער יוגענט און שיינקייט. פאַרגעסענדיג דערביי. אַז ער, העלד, איז שוין אַליין אויך ניט קיין יונגערמאַנטשיק, אַז ער איז שוין צוואַנציג יאָר פאַרהייראַט, האָט שוין דערוואַקסענע קינדער, וועלכע באַדאַרפען שוין באַלד הייראַטען. ער האָט איצט איבערהויפּט ניט געוואָלט טראַכטען פון דער היים, פון ווייב און קינדער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אַמעריקע און פון אַלץ וואָס איז אים דאָרט, אין זיין נייער היים־לאַנד, ליב און טייער.

איצט, נאָך פינף און צוואַנציג יאָר אָפּזיין אין אַמעריקע, נעמענדיג ס'ערשטע מאָל אַ רייזע צו זיין שטעטעל, צום ביסעל

משפחה וואס איז אים דארט פארבליבן, האט ער זיך אין גאנצן געוואלט באפרייען פון דאס אמעריקאנישע, און פון אלע וואס איז פארבונדען מיט'ן אמעריקאנער לעבן, סיי פונ'ם אייגענעם סיי פונ'ם פרעמדן, און זיך אין גאנצן איבערגעגעבן צו דאס, וואס האט אים פארבונדן מיט דער אמאליגער אלט־היימישקייט, מיט'ן היימישן לעבן, היימישע זיטן, ארייגזאפן אין זיך אלע עראינערונגען, מיט וועלכע ער איז פופצן יאר פון זיין אינגסטן לעבן געווען פארבונדן, געהאדעווט געווארן אין דער פרייד און אין דער לייד פון די בלאטיגע גאסן און געסלאך, מענשען און הייזלאך, און נאענט לעבן איר, לאה'ן, וועלכע האט אים דאן אזוי ווייניג פארשטאנען און ניט מיטגעפילט זיינע ליידן און בענקשאפט נאך איר...

און אט איז שוין ניט ווייט די מינוט, וואס ער וועט זיך מיט לאה'ן באגעגענען, זיך באגעגענען מיט דער לאה'ן פון זיין קינדהייט, מיט דער לאה'ן פון זיין יוגענט־חלום... — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

א פאר וואכען נאך זיין אנקומען אין שטעטעל, האט אבער העלד לאה'ן נאך אלץ ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו זען. זיינע אייגענע, זיין משפחה, האט אים קוים ארייגעכאפט, אים געהאלטען ווי אין קלעם, זיך מיט אים געפרייט, אזוי אז ער האט זיך פון זייערע הענט ניט געקענט ארויסדרייען.

א סך מאל האט ער ביי זיי געוואלט א פרעג טאן אויף לאה'ן. מעגליך אז זי וואוינט אפשר גאר ניט ווייט פון אים — האט ער געטראכט. ער האט זיך אבער אפגעהאלטען פון צו פרעגען, ניט וועלענדיג פאר זיינע אייגענע אנטפלעקען זיין ליבעס־סוד, וואס ער האט אזוי פיל יארען מיט זיך ארומגעטראגען. ער האט זי געוואלט אליין אויפזוכען, אליין אויסגעפינען, אליין זיך מיט איר באגעגענען...

דורך דער צייט האט זיך די טיר ניט צוגעמאכט. פונ'ם גאנצען שטעטעל, ווער ס'האט באדארפט, און ווער ס'האט ניט באדארפט, איז מען געקומען צו אים אפנעמען גרוסען פון אייגענע. העלד האט זיך געפונען אין א פארלעגענהייט. ניט געוואוסט זיי

וואָס צו זאָגען, און וואָס זיי צו ענטפערען. ער איז אין אמעריקע געווען ווייט אוועק פון לאַנדסלייט און פון לאַנדסמאַנשאַפטען. געלעבט זיין אייגענעם אָרט לעבען, אָפּגעזונדערט פון זיי דורך צייט און יאָרען.

האָט ער זיך געזוכט אַרויסצודרייען, אָפּ׳פּטר׳ענדיג דעם מיט אַ וואָרט, דעם מיט אַ שמייכעל. צופרידען אָבער זיינען די שטע־טעלשע איינוואוינער פון אַזעלכע גרוסען ניט געבליבען... עס איז זיי ניט געווען געגוג און זיי זיינען אוועק ניט באַפרידיגטע און־טערמורמלענדיג אומצופרידען עפּעס שטילערהייט...

איין טאָג האָט זיך די טיר געעפענט און עס האָט זיך באַוויזען אַ מיידעל פון אַ יאָר צוואַנציג און אַביסעל אַ פאַרשעמטע פאַר׳ן „אַמעריקאַנעץ״ שטיין געבליבען נאָענט ביים טיר.

ווען העלד האָט איר דערזען, האָט ער אַ שטאַרקען ציטער געטאָן, און ווי פאַרגעסענדיג זיך אין אַלעמען, וועלכע זיינען געווען דערביי, איז ער שנעל אויפהויבענדיג זיך פון׳ם אָרט צוגעלאָפען צו דער מיידעל און אָנכאַפּענדיג איר האַנט, דריקענדיג זי פעסט, האָט ער מיט גרויס פרייד און איבעראַשונג אויסגערופען:

„לאה!״

ס׳מיידעל איז צוטומעלט געוואָרען, געבליבען שטיין פאַר־שעמט און איבעראַשט אָנקוקענדיג העלד׳ן מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע, פאַרוואונדערטע אויגען...

העלד אַ פאַרגאַפטער איז געשטאַנען לעבען דער מיידעל ניט אָפּלאָזענדיג איר האַנט, געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע פאַר־חלומ׳טע בליקען, ווי ער וואָלט די מינוט אַליין ניט באַגריפען צי דאָס, וואָס ער זעט איצט מיט זיינע אויגען, איז אין חלום אָדער אויפ׳ן וואָר...

ערשט דאַמאָלסט, ווען די אַנוועזענדע האָבען פלוצלונג אויס־געשאָסען אין אַ געלעכטער באַגרייפענדיג דעם טעות, וואָס דער „אַמעריקאַנעץ״ האָט געמאַכט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט מיט זיינע בליקען געפרעגט וואָס מען לאַכט.

„דאָס איז דאָך לאה דער הענדלערקע'ס טאָכטער!‟ האָבען אַלע מיט אַמאָל אויסגערופען.

העלד האָט זיך געכאַפּט וואָס פאַר אַ טעות ער האָט געמאַכט און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַזוכענדיג דערנאָך לאה'ן, האָט זיך דאָרט העלד לאַנג ניט געזאַמט. עס האָט אים שרעקליך ווײ געטאָן צו קוקען ווי „זיין‟ לאה זעט אויס. וואָס פאַר אַ תל עס איז פון איר געוואָרען. עס איז אַפילו ניט פאַרבליבען קיין שאָטען פון דער לאה'ן, וועלכע ער האָט געקענט מיט פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק: איר שווער, אָרים לעבען, איר האַנדלען אויפ'ן גאַס אַרויסהעלפענדיג אין דער פּרנסה, האָט איר געמאַכט פאַר אַ אידענע... זי האָט אויסגעזען מיד און צובראָכען מיט אַ סך גרויע האָר אויפ'ן קאָפּ און מיט ווייניג ציין אין מויל...

זיין איינציגע טרייסט נאָך זיין ביטערער ענטוישונג איז געווען לאה'ס טאָכטער, וועלכע איז געווען אַזוי ענליך צו איר מוטער, ווען יענע איז געווען אַ מיידעל...

דער אמעריקאנער חתן

די פור האט זיך אפגעשטעלט לעבן רייזעל'ס הויז, און דער „אמעריקאנער חתן" האט אנגעהויבן ארויסצושטייגן פונ'ם וואגען.

רייזעל, וואס איז געווען פארפוצט אין „עסיג און אין האניג", ערווארטענדיג דעם חתן, וואס אירע אייגענע פון אמעריקע האבן פאר איר אראפגעשיקט, איז געשטאנען מיט א קלאפענדיג הארץ און מיט נערוועזע אנגעשטרענגטע בליקען ארויסגעקוקט צום וואגען... אויף דער מינוט איז דאך געהאנגען איר צוקונפטיגער לעבען און גליק. וועט ער איר געפעלען, איז זי א גליקליכע. וועט זי מיט אים חתונה האבען און אוועקפארען מיט אים צום לאנד פון איר שטענדיגער, מיידעלשער האפענונג — קיין אמעריקע. ארויס־רייסען זיך פון קליינעם, פינסטערען שטעטעל, וואו זי פילט זיך ווי א געפאנגענע אין קליינשטעטעלדיגער אומעט און בענקשאפט...

„און טאמער געפעלט ער ניט?..."

ס'הארץ האט איר נאך שנעלער אנגעהויבען צו קלאפען. ס'בלוט שנעלער צו לויפען אין די אדערען... זי איז קוים איינגע־שטאנען אויף אירע פיס פון נערוועזער, אנגעשטרענגטער ער־ווארטונג און אומגעדולד...

זיין פנים האט זי נאך ניט גוט געזען, זי האט שוין אבער באמערקט זיין ברייטע, פעסעלדיגע גוף זיך ארויסקייקלען פונ'ם ביידעל, וואס דאס אליין איז איר שוין געווארען דערווידער... און ווען זי האט נאך דערזען זיין פולע, האלב־קייל־עכדיגע געזיכט. האט איר מיט אמאל א שווערער קלאפ געטאן אין הארצען... ס'בלוט אין איר האט זיך עפעס ווי פארהאלטען... זי איז געבליבען שטיין ווי א פארשטיינערטע קוקענדיג צום פור מיט עפעס אזעלכע פאר־שטארטע אויסגעגלאצטע בליקען...

רייזעל איז געווען אַ מיידעל, וואָס האָט זיך עפּעס ניט אַריינ־געפּאַסט אינ׳ם לעבענס־שטייגער פונ׳ם קליינעם שטעטעל. עפּעס האָט איר שטענדיג געצויגען צו אַ ברייטערען, שטורמדיגען, גרויס־שטאָטישען לעבען. זי האָט אין זיך געהאַט אַ סך לעבען און באַוועגונג און ניט געפונען וואו עס אויסצולעבען. ס׳קליינע שטעטעל איז פאַר איר געווען צו ענג, די מענשען, אַזוי האַמעטנע, ניט רירעוודיג און פאַרשלאָפען. גאַרניט אין איינקלאַנג מיט איר שטורמדיגער נאַטור.

אַמעריקע האָט פאַר איר געהאַט אַ געוואַלדיגען רייץ. זי האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און אָנגעלעזען אָט פון דעם צויבער־לאַנד, אַז זי האָט ניט אויפגעהערט צו חלום׳ען און צו מאַכען פּלענער ווי אַזוי אַהין צו קומען. און כאָטש די טירען פונ׳ם לאַנד זיינען פאַר איר געווען פאַרמאַכט, האָט זי אָבער דאָך דעם געדאַנק וועגען אַמעריקע ניט געוואָלט און ניט געקענט אויפגעבען.

דערווייל האָט מען איר אין שטעטעל אָנגעהויבען צו ריידען שדוכים. די שענסטע יונגעלייט זיינען גערן געווען מיט איר צו הייראַטען. ערשטענס דערפאַר, ווייל זי איז טאַקע געווען אַ וואונ־דער־שיינע מיידעל; צווייטענס, צוליב די דאָלאַרען, וואָס אירע אַמעריקאַנער קרובים זיינען גרייט געווען איר צו שיקען פאַר אַ נדן...

רייזעל האָט אָבער וועגען חתונה האָבען דאָ ניט געוואָלט הערען. זי האָט די קליינשטעטעלדיגע „קאַוואַליערן" פון זיך אָפּגעטריבען. וואָס טויגען זיי איר, אַז איר גאַנצער געדאַנק און געפיל איז געווען איבערגעגעבען צו אַמעריקע.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו „באָמבאַרדירען" אירע אייגענע אין אַמעריקע מיט בריף, מען זאָל איר אַריבערנעמען, ווייל „ס׳גייט איר פּשוט אין לעבען, זי קען דאָ אין דעם קליין שטעטעל ניט זיין, זי ווערט פּשוט דערשטיקט"... — האָט זי זיי ניט אויפגעהערט צו שרייבען און בעטען ביי זיי רחמים, זיי זאָלען זען צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי זי זאָל קענען קומען צו זיי קיין אַמעריקע.

זי האָט זיי אויך געשיקט אירע בילדער ווי זי שטייט אַרונ־טערגענומען אין פאַרשידענע פּאָזעס (זי האָט ליב געהאַט אַרונ־

טערצונעמען פון זיך בילדער אין פאַרשידענע פּאָזעס) אין וועלכע זי האָט אויסגעוויזן באמת שיין און אינטערעסאַנט, אַזוי, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אירע אַמעריקאַנער אייגענע זיינען געווען טרוקענע געשעפטסלייט, זיינען זיי דאָך פון אירע מערקווירדיגע בילדער געוועזן ענטציקט.

זיי האָבען אָנגעהויבען צו זוכען פאַר איר אַ חתן פון זייער געשעפטס־וועלט, ביז עס האָט זיך זיי איינגעגעבען צו געפינען פאַר איר אָט דעם „סיטיזען", וואָס איז דאָס איצט אַראָפּגעקומען „איר נעמען", מיט איר חתונה האָבען און דערנאָך פאָרען מיט איר אַלס זיין פרוי קיין אַמעריקע...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען רייזעל איז אַביסעל געקומען צו זיך נאָך איר ערשטער ענטוישונג, וואָס זיין אויסזען האָט אין איר אַרויסגערופען, האָט זי זיך ערשט אַרומגעזען וואָס פאַר אַ ביטערען טעות זי האָט גע־מאַכט. פון זיינע בריף און פון זיין בילד וואָס ער האָט איר גע־שיקט, האָט זי זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלען ער זאָל זיין אַזוי דער היפוך פון אירע מיידעלשע באַגריפען און געפילען... עפּעס האָט ער אויסגעזען אַזוי אומגעלומפּערט און אומעסטעטיש אין אירע אויגען, אַז ס'האָט איר פּשוט אָפּגעשטויסען...

זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס זי, רייזעל, וועמען מען האָלט פאַר איינער פון די שענסטע און אפשר די שענסטע מיידעל אין שטעטל, נאָך וועלכע די שענסטע קאַוואַליערען יאָגען זיך נאָך, האָט זיך „אויסגעשריבען" אַזאַ חתן אַזש פון אַמעריקע.

עס איז איר געווען אַ שאַנדע פאַר אירע חבר'טעס, פאַר וועלכע זי האָט זיך פּשוט געשעמט די אויגען צו ווייזען. עס האָט איר אויסגעוויזן, אַז זיי טייטלען שטילערהייט אויף איר מיט די פינגער, לאַכען אָפּ פון איר: „אָט אַז אַמעריקאַנער חתן!..."

ביי אָט דעם געדאַנק פלעגט איר דאָס בלוט אַזש קומען אין פּנים אַריין... דאָס האַרץ פלעגט איר נעמען ווי טאָן... זי איז געוואָרען שרעקליך נערוועז און ניט איינמאָל האָט זי זיך געקליבען אַ זאָג צו טאָן צו איר חתן:

„פאָרט אייך, יונגערמאַן, געזונטערהייט צוריק קיין אַמעריקע,

כ'האָב אייך ניט ליב און כ'וועל מיט אייך קיינמאָל ניט חתונה האָבען!"

זי האָט זיך אָבער מיט אַלע כחות צוריקגעהאַלטען דאָס אים צו זאָגען, דערמאָנענדיג זיך אַז ער איז פּאַרט דער יעניגער, וואָס קען פאַרווירקליכען איהר האָפנונג אויף אַמעריקע. אַז אים וועט זי ווייטער בלייבען זיצען אינ'ם קליינעם, אומעטיגען שטעטעל, און איהר חלום וועגען אַמעריקע וועט שוין אפשר קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט ווערען.

דער „אַמעריקאַנער חתן", באַמערקענדיג ווי זיין כלה קווינקעלט זיך עפּעס, האָט אָנגעהויבען צו ווערען אומגעדולדיג. און מיט דעם שטאָלץ און זיכערקייט פון אַן אַמעריקאַנעם ביזנעסמאַן, האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק אונטערצוטרייבען, עס זאָל ש ו י ן זיין חתונה. „טאַים איז מאָני!" — האָט ער גע'טענה'ט אויף ענגליש, פאַרוואָס דער כלה'ס עלטערען האָבען שטאַרק דרך ארץ געהאַט. — „ביי אונז אין אַמעריקע, יו נאָו, צערעמאָניעט מען זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכען, היינט האָט מען חתונה און מאָרגען איז מען שוין ביי די ביזנעס... וואָס מיינט זי זיך, די כלה, אַז ער האָט ניט מער וואָס צו טאָן ווי נאָר צו זיצען און וואַרטען אויף זיין חתונה? ער האָט צו „אַטענדען" אין ניו יאָרק צו אַ ביזנעס. און „ביזנעס בעפאָר פּלעזשור!"

ס'מיידעל האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, זי האָט ניט געקענט באַשליסען וואָס צו טאָן. ס'איז איהר געווען אַזוי שווער צו ענטשיידען, ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען. ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל אין איהר יונגען לעבען, וואָס זי האָט זיך געפונען אין אַזאַ פאַרלעגענהייט.

דערצו האָבען די עלטערען אָנגעהויבען מיט איהר איינצו־טענה'ן, אַז ס'איז ניט שיין אַזוי צו באַהאַנדלען אַן אַמעריקאַנעם חתן, אַ געשעפטסמאַן, וואָס וויל איהר גליקליך מאַכען... וואָס וועט דאָרט, אין אַמעריקע, די פאַמיליע זאָגען? וואָס וועלען זיי פון איהר טראַכטען? „דו האָסט זיי — האָבען זיי גע'טענה'ט — אַזוי פיל פאַרדולט דעם קאָפּ מיט אַמעריקע, און איצט, ווען זיי האָבען פאַר דיר אַזוי פיל „געטרייט" און אַראָפּגעשיקט פאַר דיר אַזאַ

רייכען חתן, נעמסטו זיך גאָר איבער. זיי, די פאַמיליע, קענען נאָך דאָרט, גאָט באַהיט, ווערען ברוגז און אויפהערען שיקען דאָלאַרען פון אַמעריקע, זיינען זיי דאָך אויסגעשטעלט, זיי וועלען ניט האָבען פון וואַנען צו לעבען. זי וועט זיי דאָך פּשוט אַפּקוילענען...״

די טאָכטער האָט עס מיט ווייטאָג אויסגעהערט, רחמנות געהאַט אויף טאַטע־מאַמע, און באַשלאָסען: פאַרפאַלען! ס׳מעג זיין וואָס עס וויל זיך, זי וועט מיט אים חתונה האָבען. זי וועט זיך בעסער ברענגען פאַר אַ קרבן, איידער אומברענגען זיי פון זייער שטיקעל ברויט...

די חופּה איז געווען אַ שטילע, אַ באַהאַלטענע, אַזוי האָט דאָס מיידעל פאַרלאַנגט. קיינער, אויסער עטליכע עלטערע אידען מיט׳ן רב און חזן איז ניט געווען. עס האָבען ניט געברענט קיין חתונה־ליכט און עס האָבען ניט אָפּגעקלונגען קיין חתונה־ניגונים. עס האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק ווי אימיצער וואָלט אינ׳ם הויז געשטאָרבען, איידער אַז צוויי מענשען דאַרפען איצט אָנהויבען צו פירען אַ לעבען...

די כלה איז געווען בלייך ווי די וואַנט... איר קערפּער האָט שטיל געציטערט און אויף איר פּנים איז געווען אָפּגעדרוקט אַזאַ טיפער צער און ווייטאָג, אַז ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף איר צו קוקען...

די עלטערען, קוקענדיג אויף זייער טאָכטער, זיינען געשטאַנען מיט אומעטיגע בלייכע געזיכטער, און אונטערגעזיפצט שטיל פאַר זיך...

בלויז דער חתן האָט רואיג און הנאה׳דיג געקייט אַ שטיקעל „טשואינג גאָם״, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אַמעריקע, און קייענדיג מיט אַ הייזעריגליכען קול, שווער נאָכגעזאָגט דעם „הרי את!״...

אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה איז דאָס „פּאָרעל״ פאַרשוואונדען געוואָרען, אַרויס׳גנב׳ענענדיג זיך שטיל פונ׳ם שטעטעל אַז אַ זיי־געזונט...

דער „שטרויענער אלמן“

דער „שטרויענער אלמן“ האט זיך ארומגעדרייט אליין איבער'ן שטעטעל, ווי א פארלארענער.

נים איינע פון די שטעטעלשע מיידלאך, מיט וועלכע ער איז פריער, איידער ער האט חתונה געהאט מיט דער אמעריקאנער מיידעל, געווען אזוי היימיש און נאענט, האט זיך איצט מיט אים געוואלט באגעגענען. יעדע מיידעל האט אים אויסגעמידען, ווי עס וואלט צווישען זיי געווען אן אפגעמאכטע זאך.

זייער שנאה צו אים איז נים געקומען פון דעם, וואס ער האט מיט איינער פון זיי נים חתונה געהאט. עס האט זיי בלויז פארדראסען און ווי געטאן פארוואס ער האט זיי „פארראטען“ און חתונה געהאט מיט אן אמעריקאנער מיידעל, וועלכע איז פלוצלונג אראפגעקומען און אים ווי פון אונטער די הענט פון זיי צוגענומען.

דער יונגערמאן, אדער דער „שטרויענער אלמן“, ווי זיי האבען אים איצט גערופען, איז צו זייער הארץ־ווייטאג דוקא געווען א פיינער „קאוואליער“, מיט וועמען די שטאטישע מיידלאך זיינען גערן געווען צו פארברייגען. ער האט זיך אין שטעטעל גערע־כענט פון דער אינטעליגענטישער יוגענט, און נים סתם אן אינטע־ליגענטער, נאר טאקע א שיינער, אפשר דער שענסטער פון אלע שטאטישע קאוואליערען.

טראכטען וועגען א מעגליכקייט אים צו באקומען פאר א חתן האט קיין מיידעל נים געוואגט, ווייל ער האט זיך גערעכענט ווייניגסטענס פאר א „טויזענט־דאלארדיגען“ חתן, פון וואס א

מיידעל האָט ביי היינטיגער שווערער צייט אין׳ם פּוילישען שטעד־טעל אפילו ניט געקענט חלום׳ען.

מען האָט אפילו געמענט צווייפלען, צי דער פּרייז, וואס ער האָט זיך אליין אוועקגעשטעלט אלס נדן, איז ניט אביסעל צופיל. קיין פּרנסה געבער פאר א ווייב איז ער ניט געווען. ער האָט זיך ארומגעדרייט מיט׳ן שטעקעלע איבער די גאסען, געהאנגען ארום די עלטערען, וועלכע זיינען אליין ניט געווען קיין גרויסע גבירים. אבער ווער פון היינטיגע יונגעלייט אין קליינעם שטעטעל האָט דען יאָ געהאט אויסזיכטען מפרנס צו זיין א ווייב? אז צו ארבייטען איז ניטאָ ביי וואס, און נעמען זיך צו געשעפט קען מען ניט צוליב די גרויסע שטייערען (טעקסעס). עס קומט אויס ווי די „מאכט" וואָלט גלייך צום געשעפט געווארען א שותף. איז טאקע קיין בעסערער געשעפט ניטאָ ווי צו נעמען א נדן מיט אמערי־קאנער דאָלארען...

אמת, זיי וועלען נאָך דער חתונה די דאָלארען אויפעסען און איבערבלייבען מיט א פארמעגען פון עטליכע קינדער. אבער א חיי־שעה איז אויך גוט. און איז דען ניט יעדער קינד ביי עלטערען ווערט א מיליאָן?

איז שוין דערפאר, הייסט עס, קיין עולה ניט געווען, וואס ער האָט זיך אוועקגעשטעלט א פּרייז פון טויזענט דאָלאר, וואס דאָס איז אפשר נאָך אביסעל צו ווייניג פאר אזא קאוואליער, ווי ער איז געווען.

די צרה איז נאָר געווען, וואס די שטעטעלדיגע מיידלאך האָבען גאָרניט געהאפט ווען אמאָל אזא סומע צו פארמאָגען. וואו זאָלען זיי עס נעמען, א פּריץ האָט אנגעווארען? זיי האָבען גאָרניט אזעלכע רייכע פריינט אין אמעריקע, וועלכע זאָלען זיי אזא גרויסע סומע שיקען. העכסטענס קענען זיי ערווארטען א צוויי הונדערט דאָלאר, און ביי דער היינטיגער שלעכטער צייט אין אמעריקע אפילו דאָס אויך ניט.

האָט טאקע יעדע איינע פון דער מיידעלשער יוגענט זיך געפילט דערשלאָגען, וואס זי קען ניט צוקומען צו אזא פיינעם און „ראמאנטישען" טויזענט־דאָלארדיגען קאוואליער. זיי האָבען

זיך אָבער געטרייסט מיט דעם געדאַנק, וואָס קיין איינע פון זיי איז ניט בכח אים אויסצוכאַפּען פאַר זיך, און ער באַלאַנגט דערוויַיל צו קיינעם ניט און צו אַלעמען.

נאָר אַט איז אַראָפּגעקומען דאָס אַמעריקאַנער מיידעל, און איינס, צוויי, דריי, נאָך איידער זיי האָבען צייט געהאַט זיך אומ־צוקוקען, האָבען זיי שוין געכאַפּט און חתונה געהאַט.

דאָס איז פאַר די שטעטעלשע מיידלאַך געווען אַ געוואַלדיגער קלאַפּ. עפּעס זיינען זיי מיטאַמאָל געבליבען, ווי אַ נאַר אויפ'ן יאַריד. זיי האָבען זיך גאָרניט געקענט באַרואיגען. דער צאָרן אויף אים האָט ניט אויפגעהערט צו ברענען. אויף אַזאַ פאַררעטער האָבען זיי זיך ניט געריכט. ווען זיי האָבען כח, וואָלטען זיי אים צוריסען.

עס האָט זיי געקריינקט צו קוקען, מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ ער האָט עס אַרומגעשפּאַצירט מיט זיין אַמעריקאַנער וויַיבעל איבער'ן שטעטעל, מיט וואָס פאַר אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ ער האָט עס געקוקט אויף אַלע און אַלעמען, ווי ער וואָלט זאָגען: „איך האָב אייך אַלעמען אין דר'ערד!" כ'פאַר באַלד קיין אַמעריקע..."

זיינען זיי טאַקע שיר צוזעצט געוואָרען דאָס צוקוקענדיג. די גאַל האָט אין זיי שיר ניט געפּלאַצט פאַר ווייטאָג און פאַרדרוס. ס'איז אָבער געווען פאַרפאַלען. זיי האָבען גאָרניט געקענט העלפען. ווען אַמעריקאַנער דאָלאַרעןריידען, מוזען זיי שוויַיגען...

דערפאַר אָבער איצט, נאָכדעם, ווי די אַמעריקאַנערין איז אַוועקגעפאָרען קיין אַמעריקע און איבערגענומען איר „גרינעם" מאַן קען זי ניט, וויַיל מען לאָזט אים ניט אַריין, האָבען זיי, די שטעטעלשע מיידלאַך, אַן אים אַ ווילדע נקמה.

עס גייט ניט אַוועק דער טאָג, ער זאָל שיר ניט פּלאַצען פון האַרץ־ווייטאָג פון זיינע אַמאָליגע געוועזענע פאַרעהרערינס. יעדען מאָל, וואָס זיי באַגעגענען אים, שיסען זיי אַרויס מיט אַזאַ חוזק־געלעכטער, אַז ער האָט זיך ניט וואו צו באַהאַלטען פאַר חרפּה.

א חוץ דעם האָבען זיי נאָך פאַרפאַסט אַ לידעלע. װעלכעס מען זינגט איבער'ן גאַנצען שטאָט.

„געװאָלט האָט אַ בחור אַן אַמעריקאַנערין, אַן אַמעריקאַנערין,
מיט אַ סך דאָלאַרען, מיט אַ סך דאָלאַרען,
ניט קיין פּוילישע, ניט קיין גאַליציאַנערין, גאַליציאַנערין,
האָט פאַר אים אַמעריקע געטאָן די טױערען פאַרשפאַרען,
פאַרשפּאַרען...“

דרייט דער שטרויענער אלמן זיך ארום איבער'ן שטעטעל אליין, אן איינזאמער, א פארלאזענער מיט א טיפען ווייטאג אין הארצען און מיט חרפה אין פנים, און ער קען זיך קיין ארט ניט געפינען. וואו ער גייט און שטייט, הערט אים ניט אויף צו קלינגען אין די אויערען דאס לידעלע, וואס די שטאָטישע מיידלאך האבען אויף אים אויסגעטראכט.

„געװאָלט האָט אַ בחור אַן אַמעריקאַנערין, אַן אַמעריקאַנערין,
מיט אַ סך דאָלאַרען, מיט אַ סך דאָלאַרען,
ניט קיין פּוילישע, ניט קיין גאַליציאַנערין, גאַליציאַנערין,
האָט פאַר אים אַמעריקע געטאָן די טױערען פאַרשפאַרען,
פאַרשפּאַרען...“

בערל טאנצט...

בערל דער משוגענער איז דער לעבעדינסטער און פריי־ליכסטער אין שטעטל.

בערל׳ס משוגעת באשטייט אין דעם, וואס ער הערט נישט אויף צו זינגען און צו טאנצען.

אן אפטימיסטישער משוגענער.

ס׳גאנצע שטעטל איז אומעטיג, פארזארגט, קיין פרנסה איז ניטא. די קרעמלאך זיינען פוסט, קיין קונה זעט זיך ניט, און קיין ארבייט ביי וואס צו פארדינען א גילדען איז אויך ניטא. כאטש לייג זיך אוועק און שטארב.

אלע זיינען איינגעטונקען אין אומעט, אין מרה־שחורה. מען דרייט זיך ארום, ווי האלב־טויטע, איבער די גאסען און מען זוכט דעם נעכטיגען טאג, וואס איז נישט געווען בעסער פאר דעם היינטיגען און וועט ניט זיין בעסער מארגען — א האפנונגס־לאזע לאגע.

נאר אט באווייזט זיך בערל׳ס ברייטע, אומגעלומפערטע, ווי א סטראשידלע, פיגור, און ארום אים א מחנה ווייסע־חברה׳ניקעס. א דערהיצטער, א פארשוויצטער קומט ער אן פון א צווייטער גאס, וואו ער האט שוין זיין „קאנצערט" אפגעגעבען, און קומט איצטער פראווען שטיק אויפ׳ן רעכטען מיטען מארק. זיינע שווערע, אייזענבאדעקטע שטיוועל־טריט, וועלכע מאכען שוין רעפעטי־ציעס צום טאנצען, קלינגען־אפ ווייט איבער׳ן גאס און קלאפען־צו צום טאקט פון זיין הייזעריגען געזאנג:

„איינס, צוויי, דריי!"...

בערל שטעלט זיך אוועק אין דערמיט פון א גרויסען עולם, וואס האט זיך ארום אים ארומגעקליבען, הויבט־אויף אין דער

הויך זיינע לאַנגע, ווי צוויי דובינעס, הענט, און, דרייענדיג זיך אין אַ רעדעל, מאַכענדיג דערביי אַזעלכע משונה'דיגע קערפּער־ליכע באַוועגונגען, צוטאַנצט ער זיך ווילד, זינגענדיג זיין באַליבטען ניגון: "די מאַיאָפקע".

„די מאַיאָפקע", אַזוי האָט בערל דעם ניגון אַ נאָמען געגעבען. און אונטער דעם נאָמען איז דער ניגון באַקאַנט איבער'ן גאַנצען שטעטעל.

וואו בערל האָט דערטאַפּט דעם ניגון איז קיינעם ניט באַוואוסט. דער ניגון „די מאַיאָפקע", הייסט עס, איז שוין אָבער אַזוי פּאָפּולער, אַז קינד־און־קייט זינגען אים.

וואו עס איז נאָר אין שטעטעל ערגעץ אַ צרה, אַ לייד, סיי פון דער „מאַכט", סיי פון אייגענעם אידיש־שטאַטישען לעבען, וואַקסט בערל אויס מיט זיין „מאַיאָפקע"־טאַנץ.

אָט קומט צו פאָרען אַן אינספּעקטאָר עפּעס נאַכזוכען... ער קומט־אָן פלוצלונג, אומגעריכט. אין שטעטעל ווערט אַ בהלה, עס באַפאַלט אַ שרעק, טאָמער איז דאָ און דאָרטען עפּעס ניט כשר. ווער ווייסט? אַז מען זוכט, געפינט מען... עס וועלען זיין פּראָטאָקאָלען, וואָס דאָס מיינט — נאָך אַ שווערער געוויכט אויפ'ן האַלז פון דעם אַזוי אויך שווערען אידישען לעבען.

דער „אדון" גייט־אַרום איבער'ן מאַרק מיט פעסטע און זיכערע טריט און זוכט... ער גייט שטאָלץ, אָנגעבלאָזען, ווי איינער, וואָס האָט די מאַכט צו טאָן וואָס ער וויל, און דער גורל פון גאַנצען שטעטעל ליגט ביי אים אין די הענט...

אידישע הערצער ווערען פאַרציטערט... די געזיכטער ווערען בלייך... מען שטייט און מען קוקט אים נאָך מיט שטומע, צושראָקענע בליקען, מען איז נישט זיכער צו וועמען ער וועט אריינ־פאַלען... מען איז אַזוי אומבאַהאָלפען...

מיטאָמאָל באַווייזט זיך בערל אַ זינגענדיגער, אַ טאַנצענדיגער. ווי ער וואָלט דערפילט, אַז אויפ'ן גאַס איז עפּעס ניט גלאַט, אַז אידען שטייען פאַרקלעמטע און ציטערען, און ער קומט אַ ביסעל אויפלעבען מיט זיין „מאַיאָפקע"־טאַנץ.

ס'פאַרקלייבט זיך באַלד אַרום אים אַ רעדעל און בערל

הויבט־אן צו ווייזען וואס ער קען... און ווי ביטער עס איז ניט דעם עולם אויפ'ן הארצען, צולאכט מען זיך הארציג, ווי אלע דאגות און זארגען וואלטען מיטאמאל אפגעווישט געווארען...

אדער, אט מאכט זיך עפעס א צרה אין אידישען קהלה־לעבען: דאס שטעטעל איז אין עפעס נישט איניג, מען קאן זיך נישט אויסגלייכען... מען רייסט זיך ארום צוליב א רב, א חזן, אדער וועגען עפעס אן אנדער געשעעניש אין אידישען לעבען... דער עולם איז שרעקליך אויפגערעגט, די געמיטער זיינען צוקאכט. מען שטייט אויפ'ן שוהל־הויף און מען דעבאטירט. גיכער ווייזט זיך עס אויס, אז מען קריגט זיך, און מען זידעלט איינע די אנדערע... דאס שטעטעל איז שוין, הייסט עס, פארזארגט מיט אלעם גוטען. נאר אט דער קהל'שער ענין דריקט זיי און שטיקט זיי און גייט זיי ממש אין לעבען... ס'האלט שיר ניט ביי קלעפ...

צום גליק באווייזט זיך פון ערגעץ אן עק גאס ווידער בערל. ער פאלט אריין מיט זיין „מאיאפקע" אין רעכטען מיטען פון דער מלחמה און די סיטואציע איז געראטעוועט... די געמיטער ווערען מיטאמאל אפגעקילט און אלע פראגען ווערען מיטאמאל פאר־ענטפערט...

דעם שטארקסטען איינדרוק מאכט בערל דער משוגענער אין דעם, אפשר, טראגישסטען מאמענט פון אידישען לעבען אין שטעטעל.

עס איז מארק־טאג, דער ברייטער מארק איז פול מיט וועגע־נער, אין וועלכע די דארפס־גויים האבען געבראכט אין מארק אריין פארשידענע דארפישע סחורות צו פארקויפען און פאר דעם געלט איינקויפען אין די שטאטישע קראמען, וואס זיי באדארפען האבען צו לעבען אין דארף.

אויף דעם מארק־טאג ווארט דאס שטעטעל א גאנצע וואך. יעדער האפט, אז אין דעם מארק־טאג וועט זיך פארט מאכען צו פארדינען א גילדען. דער קרעמער האפט, אז ער וועט כאטש איינלייזען אזויפיל, אז ער וועט האבען צו באצאלען פאראטקעס (שטייערען). אידישע „סוחרים" גייען ארום איבער'ן מארק און טאפען אין די וועגענער. מען זוכט און מען נישטערט, ווייל אויף דעם טאג שטייט די וועלט...

מיטאַמאָל באַווייזט זיך דעם „סעקוועסטראַטאָר'ס" (טעקס־איינמאָנער) וואָגען.

„אַ ליציטאַציע" ! (אויספּאַרקויף), לויפט־דורך פון איין מויל צום אַנדערען. פּנים'ער ווערען בלייך, אויגען קוקען צו־שראָקען.

דער וואָגען, אָן אָנגעפּאַקטער מיט חפצים פון שטוב, שפּייב־לער, ווערקשטאַט און אַלערליי אַנדערע חפצים, וואָס זיינען פאַר־נומען געוואָרען פאַר פאַראַטקעס פון די שטעטעלשע איינוואוינער, שטעלט זיך אָפּ אין רעכטען מיטען מאַרק, דעם „סעקוועסטראַ־טאָר'ס" ארויסהעלפער הויבען־אָן ארויסצושלעפּען דאָס צונויפגענו־מענע פאַרמעגען, ווי שלאָף־בעטען, שעניקעס (מאַטראַצען), שטי־וועל, לאָמפּען, שאַפעס, קישענס, איבערבעטען, ליילעכער, קאָר־טאָפעל, צינענע קווערטלאַך, לייכטער און אַנדערע זאַכען.

ווי דורך אַ כישוף ווערט גלייך צו דעם וואָגען צוגעצויגען כמעט דער גאַנצער מאַרק אידען און קריסטען. מען שטייט און מען קוקט אויף דעם אויסגעלייגטען פאַרמעגען. אידען זיפצען אין דער שטיל...

„אידיש האָב און גוטס" — ברומט איינער שטיל אַריין דעם צווייטען אין אויער.

די „ליציטאַציע" הויבט זיך אָן.

און יעדען מאָל, וואָס דער „סעקוועסטראַטאָר" נעמט־אַרויס עפּעס צו פאַרקויפען, דערהערט זיך אַ פאַרשטיקטער אויסגעשריי „אוי !"...

דאָס האָט אימיצער פון עולם דערקענט זיינס אַ חפץ.

— איר זעט אָט די שאַפע, דאָס האָב איך נאָך אַ ירושה פון מיין זיידען, — מורמעלט איינער ארויס פאַרביטערט.

— און די לייכטער זיינען מיר נאָך פאַרבליבען פון מיין באָבע'ן, — באַמערקט מיט טרערען אַן עלטערע אידענע.

און יעדען מאָל, ווען עס ווערט פאַרקויפט אימיצענ'ס אַ זאַך (אידען, פאַרשטייט זיך, האַלטען זיך אָפּ פון צו קויפען) ברעכט יענער ארויס מיט אַ שטילער יללה...

די אַנדערע זיפצען־אונטער מיט שטומע, צובראָכענע הערצער...

נאָר אַט באַווייזט זיך בערל... און די גאַנצע שטימונג ווערט מיטאַמאָל אַן אַנדערע... אַ פריילעכע, אַן אויפגעלעבטע...

און ווי בערל וואָלט מיטגעפילט דעם אידישען אומגליק, צו־לאָזט ער זיך דאָס מאָל אין טאַנץ מיט אַזאַ כח, אַז עס דאַכט זיך, ווי די שטיינער הויבען אַן צו טאַנצען אונטער אים... זינגענדיג די „מאַיאָפּקעס“, דרייט ער זיך, ווי אַ ווירבער, אין זיין משוגעים־טאַנץ, צוקענדיג מיט אַלע זיינע פאַרהאַרטעוועטע גלידער... זינגט און טאַנצט און פּלעסקעט־צו מיט זיינע צוויי גראָבע, ווי ווידלאָס, הענט, מיט אַזאַ שטורעם, מיט אַזאַ געוואַלד, אַז דער גאַנצער מאַרק לויפט זיך צוזאַמען.

דער „סעקוועסטראַטאָר“ בלייבט שטיין אַ פאַרלאָרענער. אַלע קונים האָט אים בערל מיט זיין „קאָנצערט“ אַפּגעצויגען, כאַטש נעם און גיב אַוועק צוריק די זאַכען צו די אייגענטימער...

אין זיין גרויס פאַרצווייפלונג ווענדעט זיך דער „סעקוועסטראַ־טאָר“ נאָך הילף צו דער פּאָליציי... פּאָליציי זאָל אים, הייסט עס, באַפרייען פון זיין קאָנקורענט, און אים לאָזען אַנגיין מיט זיין ליציטאַציע...

בערל דערשרעקט זיך אָבער ווייניג־וואָס פאַר דער פּאָליציי. אים, בערל'ען, קען קיין שום מאַכט אין דער וועלט ניט אָפּהאַלטען פון טאַנצען... ער האָט געטאַנצט ביי אַלע „מאַכטען“, וועלכע האָבען זיך דורך די שווערע מלחמה־יאָרען דורכגעוואָרפען דורכ'ן שטעטעל, און ער וועט ווייטער טאַנצען...

בערל דער משוגענער איז אפשר דער איינציגער געזונטער מענש אין שטעטעל, וואָס האָט ניט קיין האַרץ־פעלער, אָדער לונ־גען־קראַנקהייט, וואָס אידען באַקומען פון שווערען, ביטערען און שטענדיג שרעקענדיגען לעבען...

אָדער אפשר איז בערל גאָר ניט אַזוי משוגע, ווי ער מאַכט זיך, און ער וויל מיט זיין כלומר'שטער משוגעת פאַרזינגען און פאַרטאַנצען די ווייטאָגען און ליידען פון דעם היינטיגען שווערען אידישען לעבען אין דער אַלטער היים...

ווער ווייסט?...

אינהאַלט:

1.
פאַרהייראַטע

אומגעבעטענע געסט 5
פאַרהייראַט 11
קינדער פון קריג 16
קאָרטען 21
אַ חתונה־יובילעאום 26
דערהויבען 30
פאַרדאַכט 36
אין אַ מאָמענט 40
אין שרעק 47
רייך געוואָרען 52
איר ערשטער ריסאַיטעל 58
ליבע און גליק 64

2.
בלאָנדזשענדיגע

בר כוכבא 73
אַ פאַרבלאָנדזשעטער ניגון 82
דאָס ברעקעלע טאַלאַנט 88
אַ ממזר 98
א חתונה 102
די קאָרוס־גוירל 108
אין שטילען צער 115
זייער פאַרלעגענהייט 118
אין סטרייק 122
אויף דער שיף 126
ביי זיין מוטערס קבר 131
דעם טאַטענס יאָרצייט 136
ווי איר מוטער פון אַמאָל 140
דער אַמעריקאנער חתן 145
דער שטרויענער אַלמן 150
בערל טאַנצט 154